STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11210

YISROELS OYTSRES

Benjamin Vend

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Chevre Benai Zion. Rochester, N. Y
חברה בני ציון, ראטשעסטער, נ. י.

ישראל'ס אוצרות

געדאנקען, מיינונגען און דער בליק פון די אלטע
אידישע חכמים אויף כמעט אלץ וואס דעם
מאדערנעם מענשן אינטערעסירט צו וויסן.

צוזאמענגעקליבן פון דער תלמוד'ישער ליטעראטור (אייניגע
גענומען פון תנ"ך) און איבערגעזעצט אין אידיש און ענגליש

פון
דר. ב. וועגנער

היברו פאבלישינג קאמפאני
632 בראדוויי, ניו יארק

1926

Chevre Benai Zion. Rochester, N. Y
חברה בני ציון, ראטשעסטער, נ. י.

Copyright, 1926
by
HEBREW PUBLISHING CO.

Chevra Bnai Zion, Rochester, N. Y.
חברה בני ציון, ראטשעסטער, נ. י.

צום אָנדענק פון מיין פרוי׳ס עלטערן וועלכע
איך האָב געליבט און געאַכט ביי זייער לעבן. דער
למדן, וועלטליכער מענש און טרייער פאָטער
ר׳ מנחם פריינקמאַן; און די פיינע איבערגע־
געבענע מוטער מרת בוילה פריינקמאַן.

Chewra Bené ... ...chester, N. Y.
חברה בני ... , נ.י.

אינהאלט

קאפיטלען | זייט

1) הייראט און שיידונג — 5
2) די וועלט און די מענשן — 12
3) אָרעמקייט — 33
4) רייכקייט — 39
5) ארבעט — 44
6) דאָקטאָריע — 49
7) פרויען און מענער — 57
8) עסן און טרינקען — 63
9) יוגנט און עלטער — 71
10) חכמה — 76
11) נאַרישקייט — 79
12) לעבן — 82
13) טויט — 86
14) ליבע — 91
15) צדקה און הלוואה — 94
16) פרנסה און האַנדל — 100
17) תלמידי חכמים, רבנים, חזנים, שמשים, קהל'שע באַאמטע און עמי־הארצים — 106
18) דער איד — 115
19) גאָטהייט — 120
20) עלטערן, ברידער און שוועסטער — 127
21) קינדער — 130
22) גוטע פריינט — 136

קאפיטלען	זייט
23) קנאה, שנאה און מחלוקת	140
24) עטיקעט	145
25) די תורה	152
26) קליידונג	158
27) גניבה, גזילה און רציחה	162
28) רעגירונג	165
29) בעסער און ערגער	168
30) ריידן און שווייגן	170
31) צדיק און רשע	174
32) אמת און שקר	177
33) צייט	179
34) טרערן	181
35) געלעכטער	182
36) רכילות און לשון הרע	183
37) ברכה און קללה	184
38) פוילקייט	185
39) הונגער	186
40) צרות און דאגות	187

אַ פּאָר ווערטער פון די פערלעגער.

דער דאָזיגער בוך איז געשריבן געוואָרן פון אזא מענשן, וועלכן מיר דיינקען אז עס איז ווינשענסווערט דאָס אויך דער לעזער זאָל זיך באקענען מיט אים, דעריבער גיבן מיר די פאָלגענדע עטלאכע שורות.

דר. ב. וואנד איז געבאָרן געוואָרן אין דער שטעטל פּיעסק, גראָדנער גוב. (רוסלאנד), סעפּטעמבער דעם 25-טן 1888. זיין פאָטער, הרב הג׳ ר׳ לייב בער וואנדראָווסקי זצ״ל, האָט פארבראכט אלע זיינע יאָרן על התורה ועל העבודה. ער איז אויך געווען א באגאבטעטער מטיף (רעדנער), און האָט מחבר געווען די ספרים „פּרי עץ הדר“, „קול אריה“ און „חומת אנך“ (דער לעצטער ליגט נאָך ביי דעם פארפאסער פון דיזען ווערק אין כתב-יד). חיונה האָט ער אָבער געהאט בצמצום... זיין מוטער, רוחמה רייזל ע״ה, איז געווען איינע פון די פּיינסטע פרויען אין דעם אלטן דור. אָט אין אזא הויז איז ער דערצויגן געוואָרן, זיך אויסגעוואלגערט געגוג אין פארשיידענע ישיבות, געלערנט דעם תלמוד, און אויך איינגעזאפּט אין זיך וויפיל ער האָט נאָר געקענט פון די פרעמד-שפּראכיגע ליטעראטורן. אין דעם יאָר 1908 האָט ער געקראָגן סמיכה להוראה פון די פאָלגענדע דריי רבנים: פון הרב הג׳ ר׳ אברהם אהרן יודעלעוויץ, פון הרב הג׳ ר׳ שמואל צבי וויין, פון הרב הג׳ ר׳ חיים יעקב ווידרעוויץ.

ווען ער איז געקומען אין אמעריקא (אין 1908), האָט מען אים פאָרגעשלאָגען צו פארנעמען שטעלעס אויף רבנות. דער רבנות לעבן האָט אָבער (איבערהויפּט דער רבנות לעבן אין אמעריקא צו יענער צייט) צו אים ניט אפּעלירט... עס האָט זיך אים געוואָלט לעבן ווי יעדער מענש לעבט, אָן צופיל דעה-זאָגער איבער זיך... אנשטאָט רבנות, האָט ער גאָר געזוכט העברייאישע לעקציאָנען צו געבן (אלס א מקור חיונה) און זיך גענומען לערנען און פאָרברייטן אויף אריינצוגיין אין א קאלעדזש צו שטודירן א פּראָפעסיאָן. אין סעפּטעמבער 1910 איז ער געוואָרן א סטודענט אין ,יענטאל קאלעדזש. אין דעם יאָר 1913 ער האָט געענדיגט שטודירן דענטיסטרי, און געקריגן דעם טיטול ציין דאָקטאָר.

אין 1914 האָט ער געהייראט פריילין גאָלדע פריינקמאן. אין 1915 (נאָכגייענדיג די מאָדע פון יענער צייט) האָט ער פארקירצט זיין נאָמען, פון „וואנדראָווסקי“ צו „וואנד“. זיין דאָקטאָר דיפּלאָמא, אויך זיינע סמיכות להוראה, איז אויף זיין פריערדיגן נאָמען „וואנדראָווסקי“.

דר. וואנד איז איצט פארנומען מיט זיין פּראקטיקע אלס דענטיסט, דאָך האָט ער געפונען צייט צו שרייבן אזא ווערק, וועלכע וועט באַקאַנט מאכן די תלמוד׳שע ליטעראטור צו אַלע קלאַסן מענשן.

פאָרוואָרט

אין מיין געדאַנק איז גאָר געווען צו שרייבן דעם דאָזיגן בוך נאָר אין דער ענגלישער שפּראַך אליין — ווייל איך האָב געוואָלט באַקאַנט מאַכן די גאַנץ אַלטע תּלמוד׳ישע ליטעראַטור צו דעם אַמעריקאַנעם נעבאָרענעם, אָדער צו די ענגליש-ריידענדע וועלט. הערנדיג אָבער פון דער אידיש-ריידענדע מאַסע ווי זיי זאָגן: „די תּלמוד׳ישע ליטעראַטור האָט ניט קיין ווערט אין דער מאָדערנער צייט, און אין אַלגעמיין איז עס אויך אַ טויטע ליטעראַטור״, איז אין מיר דעריבער געקומען דער געדאַנק צו שרייבן דעם דאָזיגן בוך אויך אין דער אידישער שפּראַך, כדי צו איבערצייגן די וועלט: 1) אַז די תּלמוד׳ישע ליטעראַטור קען נאָך האָבן אַ גרויסן ווערט אפילו אין דער מאָדערנער צייט; 2) אַז די תּלמוד׳ישע ליטעראַטור פאַרדינט ניט, אַז מ׳זאָל עס פאַר׳משפּט׳ן צום טויט.

איר וועט געפינען אין דעם דאָזיגן בוך פערציג קאַפּיטלען. יעדער קאַפּיטל איז וועגן אַ באַזונדערן געגענשטאַנד און געשריבן אין אַ ריי־נעם אידיש און אַ גוטן ענגליש. איך גיב איבער — אין קורצע אָבער שאַרפע ווערטער — די געדאַנקען, מיינונגען און דעם בליק פון די אַל־טע אידישע חכמים אויף כמעט אַלץ וואָס דעם מאָדערנעם מענשן אינטערעסירט צו וויסן. איך גיב דערביי אויך דעם אָריגינאַל אין דער תּלמוד׳ישער שפּראַך און דעם מקור (קוועלע) וואו איך האָב עס גענומען. איך האָב זיך געהאַלטן ווי ווייט מעגליך שטרענג אין מיין איבערזעצונג, כדי דער אָריגינעלער גוט-וואָרט זאָל ניט פאַרלירן זיין ווערט. איך בין אויך ניט געווען איינזייטיג... איך האָב איבערגעגעבן דעם לעזער די אַלע גלייכווערטער פון תּלמוד, וועלכע מיין געדאַנק האָט מיר דיקטירט אַריינצושרייבן.

איך האָב פיל נעכט ניט דערשלאָפן, צו זאַמלען און צוזאַמענצו־שטעלן דעם דאָזיגן בוך אין דער אידישער און אין דער ענגלישער שפּראַך. איך האָף, אַז דער לעזער וועט עס ריכטיג אָפּשאַצן; און איך קען אים פאַרזיכערן, אַז פון דעם ערשטן קאַפּיטל ביז דעם לעצטן וועט ער עס געפינען אַזוי אינטערעסאַנט צו לייענען, ווי יעדן אַנדער סאָרט ליטעראַרישן בוך.

מיט אַכטונג צו דעם לעזער,

דר. ב. זוענד

הייראַט און שיידונג

1) מער ווי אַ מאַן וויל הייראַטן, וויל אַ פרוי ווערן פאַרהייראַט.
(יותר משאיש רוצה לישא אשה רוצה להינשא. — יבמות קיג).

2) עס איז שווער (ביי גאָט) זיי צו פּאָרן ריכטיג, ווי שפּאַלטן דעם ים.
(קשה לזווגם כקריעת ים סוף. — סנהדרין כב).

3) גיי אַרונטער אַ שטאַפּל פון יחוס, אין נעמען אַ ווייב.
(נחית דרגא ונסיב איתתא. — יבמות סג).

4) אַלדאָס גוט (וואָס די נביאים האָבן אַמאָל צוגעזאָגט) איז אָנגעגרייט פאַר דעם, וואָס פאַרהייראַט זיין טאָכטער צו אַ געלערנטן מענשן (תלמיד חכם) אָדער צו אַ זעלכן וואָס האַנדלט מיט געלערנטע מענשן.
(כל הנביאים לא נתנבאו אלא למשיא בתו לתלמיד חכם ולעושה פרקמטיא לתלמידי חכמים. — ברכות לד).

5) אַ גוטע ווייב איז אַ גוטע מתנה.
(אשה טובה מתנה טובה. — בן סירא).

6) דריי דאַרף מען היטן: אַ קראַנקן, אַ חתן, אַ כלה.
(שלשה צריכין שימור ואלו הן, חולה חתן וכלה. — ברכות נד).

7) אַ איד וואָס האָט ניט קיין ווייב איז ניט קיין מענש.
(כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם. — יבמות סג).

8) די מערסטע פרויען, זיינען מיידלאך צו דער חתונה.
(רוב נשים בתולות נישאות. — כתובות טז).

9) די שעמעוודיגקייט פון אַ פרוי, איז מער ווי פון אַ מאַן.
(בושתה של אשה מרובה משל איש. — כתובות סז).

10) אַלע ווייסן צו וואָס אַ כלה גייט אונטער דער חופּה, אָבער דער וואָס מאַכט שמוציג זיין מויל וועט ניט האָבן קיין עולם הבא.
(הכל יודעין כלה למה נכנסה לחופה, אלא כל המנבל פיו אין לו חלק לעולם הבא. — שבת לג).

11) ווען אַ כלה האָט שיינע אויגן, דאַרף מען שוין ניט באַקוקן איר גאַנצן קערפּער.
(כלה שעיניה יפות אין כל גופה צריכה בדיקה. — תענית כד).

12) זיין ווייב — איז ווי ער אליין. [גלייכוואָרט: מאַן און ווייב — זיינען איין לייב].

(אשתו כגופו. — ברכות כד).

13) אַ איד וואָס האָט ניט קיין ווייב ווייס ניט פון קיין פרייד.
(כל יהודי שאין לו אשה, שרוי בלא שמחה. — יבמות סב).

14) אַ מאַן זאָל פאַרקויפן אַלץ וואָס ער האָט און זאָל הייראַטן אַ טאָכטער פון אַ תלמיד חכם.

(לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמידי חכם. — פסחים מט).

15) אַ שיינע ווייב, אַז וואויל איז איר מאַן; די צאָל פון זיינע טעג איז דאָפלט.

(אשה יפה אשרי בעלה, מספר ימיו כפלים. — בן סירא).

16) דאָס ארומוואַלגערן זיך, איז פאַר אַ מאַן שווערער ווי פאַר אַ פרוי.

(טלטולא דגברא קשין מדאיתתא. — כתובות כח).

17) אַ מאַן זאָל פאַרלאָזן זיין פאָטער און זיין מוטער און זיך באַהעפטן מיט זיין ווייב.

(יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו. — בראשית ב).

18) צו דער פרוי האָט גאָט געזאָגט: און „ער" זאָל געוועלטיגן איבער „דיר".

(אל האשה אמר והוא ימשל בך. — בראשית ג).

19) די שיינע צווישן פרויען זאָגן: „קוקט אויף שיינקייט, ווייל אַ פרוי איז נאָר פאַר שיינקייט".

די אַריסטאָקראַטקעס צווישן זיי זאָגן: „קוקט אויף דער פאַמי-ליע, ווייל אַ פרוי איז נאָר אויף צו ברענגען קינדער".

די מיאוסע צווישן זיי זאָגן: „נעמט אייך אייער סחורה פון גאָט׳ס וועגן, איר זאָלט אונז נאָר אָנטאָן אין גאָלד".

(יפיפיות שבהן אומרות תנו עיניכם ליופי לפי שאין האשה אלא ליופי, מיוחסות שבהן אומרות תנו עיניכם למשפחה לפי שאין האשה אלא לבנים, מכוערות שבהן אומרות קחו מקחכם לשום שמים ובלבד שתעטרונו בזהובים. — תענית לא).

20) אויף דעם וואָס פאַרהייראַט זיין יונגע טאָכטער צו אַן אַלטן

מאַן, זאָגט עס די תורה: „גאָט וועט אים קיינמאָל ניט מוחל זיין".
(המשיא את בתו לזקן עליו הכתוב אומר לא יאבה ה׳ סלוח לו. — סנהדרין עו).

21) אויב אַ מענש פאַרקויפט זיין טאָכטער, וועט ער ניט וויסן פון קיין גוטס אויף דער וועלט.
(אם מוכר אדם את בתו אינו רואה סימן ברכה בעולם. — מגילה כז).

22) אזוי זינגט מען פאַר אַ כלה אין ארץ ישראל: „די אויגן ניט פאַרשמינקעוועט, דער פנים ניט באַפאַרבט, דער קערפּער ניט פאַרפּוצט — דאָך, איז זי פול מיט חן".
(הכי משרו קמי כלתא במערבא, לא כחל ולא שרק ולא פרכוס ויעלת חן. — כתובות יז).

23) דער וואָס פאַרהייראט זיין טאָכטער צו אַ גראָבן יונג, איז אזוי ווי ער וואָלט איר בינדן און וואַרפן פאַר אַ לייב.
(המשיא בתו לעם הארץ כאלו כופתה ומניחת לפני ארי. — פסחים מט).

24) און דער פאָטער זאָל איר געבן עפּעס, כדי די בחורים זאָלן זיך צוּאיילן און קומען הייראטן איר.
(וניתיב לה מידי כי היכי דקפצי עלה ואתו נסבי לה. — כתובות נב).

25) אַלץ וואָס שרה וועט דיר זאָגן, הער איר אוים.
(כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה. — בראשית כא).

26) האָט ער געפונען אַ ווייב, האָט ער געפונען גליק.
(מצא אשה מצא טוב. — משלי יח).

27) אַ הויז און אַ פאַרמעגן קען מען ירש׳ענען פון עלטערן, אָבער אַ קלוגע ווייב איז נאָר פון גאָט.
(בית והון נחלת אבות ומה׳ אשה משכלת. — משלי יט).

28) פריער זאָל אַ מאַן לערנען תורה, דערנאָך הייראטן.
(ילמוד תורה ואחר כך ישא אשה. — קידושין כט).

29) דעם געלערנטן מענטש׳ס ווייב איז געאַכט ווי דער גע-לערנטער.
(אשת חבר הרי היא כחבר. — עבודה זרה לט).

30) דעם רויבער׳ס ווייב איז פאַרהאַסט ווי דער רויבער.
(אשת לסטים הרי היא כלסטים. — ירושלמי כתובות פב).

31) אַ פרוי האָט אַ גרויסן יצר הרע צו צירונג.
(אשה משתוקקת לתכשיטין. — כתובות סה).

32) אויב דיין ווייב איז אַ קורצע, בייג זיך איין און רייד מיט איר 1).
(אתתך גוצא גחין ותלחוש לה. — בבא מציעא נט).

33) ווען ביי אַ מאַן שטאַרבט זיין ערשטע ווייב, איז אַזוי ווי עס וואָלט חרוב ווערן דער בית המקדש אין זיין לעבן.
(כל אדם שמתה לו אשתו ראשונה כאלו חרב בית המקדש בימיו. — סנהדרין כב).

34) ווען אַ מאַן גט זיין ערשטע ווייב, פאַרגיסן אויף אים טרערן אפילו די שטיינער פון מזבח.
(המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות. — גיטין צ).

35) אַ פרוי איז ניט גרינג איבערצובעטן.
(אין אשת נוחה להתפייס. — בראשית רבה פי"ז).

36) אַ מאַן קען ניט וואוינען מיט אַ שלאַנג אונטער איין דאַך.
(אין אדם דר עם נחש בכפיפה. — כתובות עב).

37) בעסער זיצן אין אַ וויסטן לאַנד ווי צו זיצן מיט אַ פרוי, וועלכע קריגט זיך און איז בייז.
(טוב שבת בארץ מדבר מאשת מדינים וכעס. — משלי כא).

38) גליק געפינט זיך ביי איינעם אין הויז נאָר צוליב זיין ווייב.
(אין הברכה מצויה בביתו של אדם אלא בשביל אשתו. — ב"מ נט).

39) עס איז דאָ אַ צייט צו האַלזן זיך און אַ צייט צו זיין ווייט פון האַלזן זיך.
(עת לחבוק ועת לרחוק מחבק. — קהלת ג).

40) מנוח איז געווען אַן עם-הארץ (אומוויסנדער), ווייל ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיין ווייב 2).
(מנוח עם הארץ היה שהלך אחר אשתו. — ברכות סא).

---

1) ד. ה. האַלט זיך אָן עצה מיט איר אין אַלע הויז־אַנגעלעגנהייטן.

2) ער האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט אים געזאָגט, ניט נאָר אין הויז־אַנגעלעגנהייטן, נאָר אפילו אין וועלטליכע זאַכן אויך.

41) אַ פרוי האָט ליבער אַ יונגן מאַן אַן אָרעמען — פון אַן אַלטן מאַן אַ רייכן.

(אשה אוהבת בחור מסכן מזקן עשיר. — מדרש רות ו).

42) רבי יוסי האָט געזאָגט: אין מיין לעבן האָב איך ניט גערופן מיין ווייב „מיין ווייב“, נאָר מיין ווייב האָב איך גערופן „מיין בעל־הבית'טע“.

(ר' יוסי אמר מימי לא קראתי לאשתי אשתי אלא לאשתי ביתי. — גטין נב).

43) האַלט טייער אייערע ווייבער, כדי איר זאָלט רייך ווערן.

(אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו. — בבא מציעא נט).

44) רב פלעגט שמייסן אַן איידים, וועלכער וואוינט צוזאַמען מיט דער שוויגער.

(רב מנגיד חתנא דדייר בית חמות. — קידושין יב).

45) פונקט ווי דער אייזל הייבט באַלד אָן צו הירזשען ווען ער געפינט ניט קיין עסן אין קאָרעטע, אַזוי הייבט באַלד אָן די ווייב צו שרייען (זיך באַקלאָגן) ווען זי געפינט ניט קיין ברויט אין הויז.

(מה חמור זה כיון שאין לו מאכל באבוסו מיד צועק כך אשה כיון שאין לה תבואה בתוך ביתה מיד צועקת. — תמורה טז).

46) אַז עס גייען אויס די גערשטן אין קרוג, קלאַפּט אָן און עס קומט אַריין קריג אין הויז.

(כמשלים שערי מכדא נקיש ואתי תיגרא בביתא. — ב"מ נט).

47) „און זיי האָבן אַליין גענומען ווייבער פון די אַלע, וועלכע זיי האָבן אויסגעקליבן“.

(ויקחו להם נשים מכל אשר בחרו. — בראשית ו).

48) רבי שמעון בן אלעזר האָט געזאָגט: „די תאווה (ליידנשאַפט), אַ קינד און אַ פרוי — זאָל די לינקע האַנט אָפּשטויסן און די רעכטע האַנט דערנענטערן“.

(אמר ר' שמעון בן אלעזר יצר תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרב. — סנהדרין קז).

49) ביז אַ מאַן ווערט צוואַנציג יאָר אַלט זיצט גאָט און קוקט אויס אויף אים, ווען ער וועט נעמען אַ ווייב. ווי באַלד ער איז אַלט גע־

מאָרן צוואנציג יאָר און ניט געהייראַט, זאָגט גאָט: „עט, זאָל ער פוילן".

(עד כי שנת יושב הקב"ה ומצפה לאדם מתי ישא אשה. כיון שהגיע עשרים ולא נשא אומר תיפח עצמותיו. — קידושין כט).

50) רב חסדא האָט געזאָגט: דאָס וואָס איך בין בעסער פון מיינע חברים, איז ווייל איך האָב געהייראַט צו זעכצן יאָר; ווען איך וואָלט געהייראַט צו פערצן יאָר, וואָלט איך זיך קענען רייצן מיט דעם יצר הרע און זאָגן צו אים: „אַ פייל אין דיינע אויגן!" 3).

(אמר רב חסדא האי דעדיפנא מחבראי דנסיבנא בשתסר ואי הות נסיבנא בארביסר הוה אמינא לשטן גירא בעיניך. — קידושין ל).

51) ווער עס הייראַט אַ פרוי וואָס איז ניט פּאַסיג פאַר אים, דעם בינדט אליהו און גאָט שמייסט אים.

(כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו אליהו כופתו והקב"ה רוצעו. — קידושין ע).

52) אַ פרוי איז צופרידענער מיט אַן אָרעמען לעבן, אבי דער מאַן זאָל שטענדיג זיין נאָענט לעבן איר און פּיעשטשען איר — איי־דער מיט אַ רייכן לעבן און דער מאַן זאָל זיין ווייט אוועק פון איר.

(רוצה אשה בקב ותיפלות מתשעה קבים ופרישות. — סוטה כ).

53) וועלכע איז אַ שלעכטע ווייב? — אביי האָט געזאָגט: „די, וועלכע גרייט פאַר אים דעם טיש און גרייט אויך איר מייל־כל". רבא האָט געזאָגט: „די, וועלכע גרייט פאַר אים דעם טיש און קערט זיך אום צו אים מיט דער פּלייצע".

(היכי דמי אשה רעה אמר אביי מקשטא ליה תכא ומקשטא ליה פומא, רבא אמר מקשטא ליה תכא ומהדרא ליה גבא. — יבמות סג).

54) ווען די ווייב געוועלטיגט איבער אים, איז זיין לעבן קיין לעבן ניט.

(אשתו מושלת עליו חייו אינם חיים. — ביצה לב).

55) דער, וועלכער הייראַט אַ פרוי צוליב געלט, האָט ניט קיין פּאַסיגע קינדער.

(כל הנושא אשה לשום ממון הוויין ליה בנים שאינן מתוגנין. — קידושין ע).

---

3) ד. ה. איך האָב קיין מורא ניט פאַר דיר.

56) דריי זאַכן זיינען צו וואונדערליך פאַר מיר, און די פערטע קען איך ניט פאַרשטיין: דעם וועג פון דעם אָדלער אין די הימלען; דעם וועג פון אַ שלאַנג אויף אַ פעלזנשטיין; דעם וועג פון אַ שיף אין מיטן ים; דעם וועג פון אַ מאַן מיט אַ יונגפרוי.

(שלשה המה נפלאו ממני וארבעה לא ידעתים: דרך הנשר בשמים, דרך נחש עלי צור, דרך אניה בלב ים, דרך גבר בעלמה. — משלי ל).

57) אַלע שלעכטעס, נאָר ניט אַ שלעכטע ווייב.

(כל רעה ולא אשה רעה. — שבת יא).

58) אַ מאַן וועלכער האָט צוויי ווייבער, איינע אַ יונגע און איינע אַן אַלטע — רייסט אים די יונגע אויס די ווייסע האָר און די אַלטע די שוואַרצע האָר, ביז ער געפינט זיך אַן „אויסגעריסענער“ פוןביידע זייטן.

(אדם שיש לו ב׳ נשים אחת ילדה ואחת זקנה ילדה מלקטת לו לבנות זקנה מלקטת לו שחורות נמצא קרח מכאן ומכאן. — בבא קמא ס).

59) שמואל האָט געזאָגט: „פריער הייראַטן, דערנאָך לערנען תורה“. האָט צו אים ר׳ יוחנן געזאָגט: „אַ מילשטיין איז אויף זיין האַלז און ער זאָל זיך באַשעפטיגן מיט לערנען!“

(אמר שמואל נושא אשה ואחר כך ילמוד תורה, אמר לו ר׳ יוחנן ריחיים בצווארו ויעסוק בתורה. — קידושין כט).

60) אידישע טעכטער פוצן זיך אויס אין אַ יום טוב.

(בנות ישראל מתקשטות ברגל. — כתובות עא).

61) ווען אַ מאַן נעמט אַ צווייטע ווייב (נאָך זיין ערשטער) — דערמאָנט ער די פירונג פון דער ערשטער.

(אדם נושא אשה על אשתו ראשונה זוכר מעשה הראשונה. -- ברכות לב).

62) אַ פרוי מאָנט מיטן הארצן, אַ מאַן מאָנט מיטן מויל.

(אשה תובעת בלב ואיש תובע בפה. — עירובין ק).

63) „אַלע טעג דעם אָרעמאַנ׳ס זיינען שלעכטע“ (משלי טו), — קען איך געזאָגט ווערן אויף דעם, וואָס האָט אַ שלעכטע ווייב.

(כל ימי עני רעים, זה שיש לו אשה רעה. — ב״ב קמה).

64) אַ שיינע ווייב, אַ שיינער וואוינונג און שיינע מעבל — דער־הייבן דעם געדאַנק פון אַ מאַן 4).

(אשה נאה, דירה נאה וכלים נאים מרחיבים דעתו של אדם. — ברכות נז).

---

4) עס מאַכט אים צו פילן גוט.

65) אַ שלעכטע ווייב איז אַ נגע צרעת (אַן אָנשיקעניש) פאַר איר מאַן.

(אשה רעה צרעת לבעלה. — יבמות סג).

66) צוויי רויב-פויגל (ראָבן) קענען ניט שלאָפן אויף דער זעל-ביגער צווייגעלע. [צוויי קעץ קענען ניט זיין אין איין זאַק].

(אין שני זרזירים ישנים בדף אחד. — ב"ר עה).

67) אויב ער איז ביי די גרויסע קירבעס — איז זיין ווייב ביי די קליינע קירבעס. [אַז ער איז אויסגעלאָסן אויף אַ גרויסן אופן — איז זיין ווייב אויסגעלאָסן אויף אַ קליינעם אופן.]

(איהו בקרי ואתתא בבוציני. — מגילה יב).

68) ווער איז עס, וואָס באַקלאָגט זיך און קיינער סימפּאַטיזירט ניט מיט אים? — אַ מאַן, איבער וועמען זיין ווייב געוועלטיגט.

(הצועק ואינו נענה מי שאשתו מושלת עליו. — בבא מציעא עה).

69) אייל זיך — אין קויפן ערד; זיי געלאַסן — אין נעמען אַ ווייב.

(קפוץ זבין ארעא מתון נסיב איתתא. — יבמות סג).

70) אַ ווייב קען מען ניט אוועקנעמען פון איר מאַן, סיידן מ'פּאָדערט פון איהם געלט און ער האָט ניט.

(אין אשתו של אדם מתה אלא אם כן מבקשים ממנו ממון ואין לו. — סנהדרין כב).

71) אַז עס שטאַרבט אַ פרוי, פעלט זי אוים נאָר איר מאַן; אַז עס שטאַרבט אַ מאַן, פעלט ער אוים נאָר זיין ווייב.

(אין אשה מתה אלא לבעלה, ואין איש מת אלא לאשתו. — סנהדרין כב).

72) פרויען זאָגן: אַן אלמנה זאָל בעסער הייראַטן מיט אַבי-וועמען, איידער צו בלייבן זיצן אַן אלמנה.

(טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלו. — בבא קמא קיא).

73) ביי דעם וואָס טוט אריין זיינע אויגן אין דעם בעכער פון אויסגעלאַסנקייט, קוקט אוים די גאַנצע וועלט ווי איין גלייכער פּלאַץ. [ד. ה. ביי אים ווערט רעכט יענעמס ווייב ווי זיינע.]

(כל הנותן עיניו בכוס עריות כל העולם כולו דומה עליו כמישור. — יומא עה).

74) ווען די תורה וואָלט ניט געגעבן געוואָרן, וואָלטן מיר זיך אָפּלערנען צניעות (באַשיידנקייט) — פון אַ קאַץ, ניט רויבן איינע

ביי די אַנדערע — פון אַ מוראַשקע, ניט זיין אויסגעלאָסן — פון אַ טויב, עטיקעט — פון אַ האָן, ווייל דער האָן איז פריער גוט צו דער הון, דערנאָך הייראַט ער איר.

(אלמלא לא נתנה תורה היינו למדין צניעות מחתול, גזל מנמלה, עריות מיונה, דרך ארץ מתרנגול שמפייס ואחר כך בועל. — עירובין ק).

75) פאַר דעם מאַן. וואָס די ווייב שטאַרבט ביי זיין לעבן, איז פינסטער די וועלט.

(כל אדם שמתה לו אשתו בימי עולם חשך בעדו. — סנהדרין כב).

76) עס רירט זיך די וועלט, ווען אַ העסליכע פרוי האָט חתונה.

(תחת שלש רגזה ארץ וכו׳ שנואה כי תבעל. — משלי ל).

77) אַ מאַן טאָר ניט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט אין הונגער־יאָרן.

(אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון. — תענית יא).

78) ווען דער מאַן איז ריין פון זינד, דאַרף די זינדיגע פרוי ליידן פאַר אירע זינד.

(ונקה האיש מעוון אשה ההיא תשא את עוונה. — במדבר ה, ועיין סוטה כח).

79) שטענדיג זאָל זיך אַ מאַן היטן, ניט צו פאַרשאַפן קיין ער־גערניש זיין ווייב, דען ווייל זי איז גרינג אויף טרערן איז די שטראָף נאָענט.

(לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו שמתוך שדמעתה מצויה אונאתה קרובה. — בבא מציעא נט).

80) אַז זי וועט ניט געפינען קיין חן אין זיינע אויגן, זאָל ער איר שרייבן אַ שיידונג.

(אם לא תמצא חן בעיניו וכתב לה ספר כריתות. — דברים כד).

81) מען צווינגט ניט ביי אַ שיידונג.

(אין אונס בגיטין. — כתובות ב).

82) אַ פרוי פרעגט זיך פריער נאָך, דערנאָך הייראַט זי.

(אשה דייקא ומינסבא. — יבמות כה).

83) ווען רבי אליעזר איז געשטאָרבן, האָט רבי געשיקט אַ שדכן צו ריידן מיט זיין ווייב. האָט זי אָפּגעשיקט אַן ענטפער: „אַ זאַך, מיט וועלכער עס האָט זיך באַנוצט הייליגקייט — זאָל זיך באַנוצן

דערמיט וואכעדיגקייט !"
(כשמת רבי אליעזר שלח רבי לדבר באשתו, שלחה לו כלי שנשתמש בו קודש ישתמש בו חול. — בבא מציעא פד).

84) א מאן טרינקט ניט פון א בעכער, וואו ער אונטערזוכט ניט פריער צי ער האט ניט קיין פגימה.
(אין אדם שותה בכוס אלא אם כן בודקו תחילה. — כתובות עה).

85) א נייס אויף דער וועלט — די „זי" דרייט זיך ארום דעם „ער" !
(חדשה בארץ נקבה תסובב גבר. — ירמיה לא).

86) א ווייב שטעלט איר מאן אויף זיינע פיס.
(אשה מעמידתו על רגליו. — יבמות סג).

87) גאט אליין איז געווען דער אונטערפירער ביי דעם ערשטן מאן.
(עשה הקב"ה שושבינות לאדם הראשון. — עירובין יח).

88) גאט האט פריער צורעכט געמאכט חוה'ן די האר און דערנאך איר געבראכט צו אדם'ען.

(שקילעה הקב"ה לחוה והביאה לאדם הראשון. — עירובין יז).

89) א מאן זאל ניט הייראטן א פרוי מיט דעם געדאנק צו שיידן זיך מיט איר.
(לא ישא אדם אשה ודעתו לגרשה. — יבמות לז).

90) ווען איינער האט געהייראט א פרוי און געלעבט מיט איר צען יאר און זי האט קיין קינדער ניט געבארן, זאל ער זיך שיידן מיט איר און געבן איר די סומע, וועלכע עס איז איינגעשריבן אין דער כתובה.
(נשא אשה ושהה עמה י' שנים ולא ילדה לו, יוציא ויתן כתובה. — יבמות סד).

91) ווי באלד עס וועלן קומען קינדערלאך צו די פארהייראטע, וועט זיין שטיל ביי די דיינים, ווייל עס וועט ניט קומען צו קריג.
(כיון שבנים לבניך שלום על דייני ישראל דלא אתי לאינצויי. — כתובות ג).

92) א ווייב קען זאגן צו איר מאן: „איך וויל ניט געשפייזט ווערן און איך וויל ניט ארבעטן".
(יכולה אשה שתאמר לבעלה איני ניזונת ואיני עושה. — ב"ב מט).

93) ישעיה האָט פאָרויסגעזאָגט: עס וועט קומען אַ צייט, ווען עס וועלן זיך אָנהענגען זיבן פרויען אָן איין מאַן.
(והחזיקו שבע נשים באיש אחד. — ישעיה ד).

94) דער וואָס פאַרגוואַלטיגט טרינקט פון דעם בעכער וועלכן ער האָט זיך אויסגעקליבן. [ער מוז הייראטן די פאַרגוואַלטיגטע, אפילו אַז זי איז אַ הינקעדיגע אָדער אַ בלינדע.]
(האונס שותה בעציצו. — כתובות לט).

95) דו זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זון, פון די כנעניישע טעכטער.
(לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני. — בראשית כד).

96) אידישע טעכטער זיינען שיינע.
(בנות ישראל נאות הן. — נדרים סו).

97) אַ מאַן געפינט צופרידנקייט נאָר פון זיין ערשטע ווייב.
(אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה. — סנהדרין כב).

98) אַ קליינער מאַנעלע, און דאָך שטאָלצירט זי מיט אים ווען זי קומט צווישן הארנטעס.
(שומשמנא גברא כורסיה בי חראתה רמי לה. — כתובות עה).

99) אַ פּראָסטער ארבעטער איר מאַן, און דאָך רופט זי אים אויפן שוועל פון הויז און זיצט מיט אים.
(נפסא גברא תקריה בסיפי בבא ותיתיב. — כתובות עה).

100) פון אַ נידעריגערע משפחה דער מאַן, און דאָך פאָדערט זי ניט מער ווי ליגן אין טעפּל.
(דקלסא גברא ולא בעי טלפחא לקידרא. — שם).

101) געוויסע רבנים האָבן געזאָגט: אַלע ווייבער וואָס ווייזן ארוים שטאַרקע ליבע צו זייערע מענער, וועלכע זיינען נידעריגער פון זיי — זיינען אויסגעלאַסענע. זיי טוען עס נאָר, ווייל זיי מוזן דאָך האָבן אויף וועמען אָנצוהענגען זיך.
(ת״ר כולן מזנות ותולות בבעליהן. — כתובות עה).

102) פון דער וואָס ליגט אין דיין שוים היט די טירעלאַך פון דיין מויל.
(משוכבת חיקך שמור פתחי פיך. — מיכה ז).

103) אַ שווינער האָט פיינט די שנור, ווייל זי זאָגט אַז די

שנור עסט איר פראצע 5); אָבער פארוואָס האָט די שנור פיינט די שוויגער? — האָבן געוויסע רבנים געזאָגט: „ווייל אַ הארץ שפּיגלט אָפּ צוריק די זעלביגע פריינטשאַפט וואָס מען ווייזט צו איר". רבי יהודה זאָגט: „די שנור האָט פיינט די שוויגער, ווייל זי זאָגט אויס איר זון אַלץ, וואָס די שנור טוט".

(בשלמא חמותה סניא לה לכלה דאמרה קאכלה לגירסנא דאם אלא כלה מאי טעמא סניא לחמותה, נתנו רבנן טעם: כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם, ר' יהודה אומר מפני דמגלה לבנה כל דעבדה. — יבמות קיז).

104) דער וואָס האָט ליב זיין ווייב ווי זיך אַליין, און ער אַכט (שעצט) איר נאָך מער ווי זיך אַליין, און ער דערציט זיינע קינדער אין דעם ריכטיגן וועג, און ער מאַכט חתונה זיין זון פּונקט אין צייט, איידער ער הייבט נאָך אָן צו זינדיגן — וועט האָבן פרידן אין זיין הויז, און ער וועט זיין בעל־הבית אין זיין היים.

(האוהב את אשתו כנפשו ומכבדה יותר מגופו ומדריך בניו בדרך ישרה ומשיא אשה לבנו סמוך לפרקו קודם שיבוא לידי חטא, עליו הכתוב אומר: „וידעת כי שלום אהליך ופקדת נוך". דרך ארץ רבה פ"ב).

---

5) זי האָט אויסגעהאָדעוועט אַ זון אויף צו באַזאָרגן דער שנור מיט אַלדאָס גוטס.

די וועלט און די מענטשן

1) כאַפּ אַריין און עס, כאַפּ אַריין און טרינק, ווייל די וועלט פון וועלכער מיר גייען אַוועק, איז גלייך ווי אַ חתונה.

(חטוף ואכול חטוף ושתה דעלמא דאזלינן מינה כהלולא דמיא. — עירובין נד).

2) די וועלט — איז אַ גאַסט־הויז.

(האי עלמא אושפיזא. — מועד קטן ט).

3) אַ דור גייט אַוועק, און אַ דור קומט, אָבער די וועלט שטייט אייביג.

(דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת. — קהלת א).

4) די וועלט — אַזוי ווי זי האָט זיך געפירט, אַזוי פירט זי זיך.

(עולם כמנהגו נוהג. — עבודה זרה נד).

5) ניט אויף צו פוסטעווען האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, נאָר אויף צו באַזעצן האָט ער איר באַשאַפן.

(לא לתוהו בראה לשבת יצרה. — ישעיה מה).

6) די פירונג פון דער וועלט איז אומעטום די זעלביגע. [עס איז אומעטום איין וועלט.]

(סדנא דארעא חד הוא. — בבא קמא יב).

7) די וועלט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון נאַראָנים.

(אימסר עלמא בידא דטפשאי. — סנהדרין מו).

8) וואָס עס איז געווען, וועט ווייטער זיין; וואָס עס איז געטאָן געוואָרן, וועט מען ווייטער טאָן — עס איז ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

(מה שהיה הוא שיהיה ומה שנעשה הוא שיעשה ואין כל חדש תחת השמש. — קהלת א).

9) מ׳געדענקט ניט דעם קלוגן ווי מ׳געדענקט ניט דעם נאַר אויף אייביג; אין פאַרלויף פון דער צייט ווערן אַלע פאַרגעסן.

(אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. — קהלת ב).

10) יוסף דער זון פון רבי יהושע איז קראַנק געוואָרן און איז

געוועז אין א גוסס'ן צושטאנד. ווען ער איז געזונט געווארן האט זיין פאטער אים געפרעגט: „וואס האסטו אויף יענער וועלט געזען?" — האט אים דער זון געענטפערט: „אן איבערגעקערטע וועלט האב איך דארטן געזען: די מענשן, וועלכע שטייען אויף דער וועלט הויך, זיינען דארטן אונטן, און די וואס שטייען אויף דער וועלט אונטן, זיינען דארטן הויך". האט דער פאטער צו אים געזאגט: „א קלארע און א שיינע וועלט האסטו געזען".

(יוסף בריה דר' יהושע חלש אינגיד, אמר ליה אבוה מאי חזית, אמר לו עולם הפוך ראיתי עליונים למטה ותחתונים למעלה. אמר לו אבוה עולם ברור חזית. — בבא בתרא י).

11) שטראף קומט אויף דער וועלט נאר צוליב די עמי-הארצ'ים (אומוויסנדיגע).

(אין פורעניות בא לעולם אלא בשביל עמי הארץ. — בבא בתרא ח).

12) די נאכט איז באשאפן געווארן נאר אויף צו שלאפן.

(לא איברי לילה אלא לשינתא. — עירובין סה).

13) ווען ניט די פינסטערניש, וואלט מען ניט וויסן ווי גוט עס איז די ליכטיגקייט.

(אלמלא חשוכא לא אשתמודע נהורא. — זוהר תצוה).

14) א ליכט פאר איינעם, איז ליכט פאר הונדערט.

(נר לאחד נר למאה. — שבת קכב).

15) זאלסט זיך ניט ערגערן פון דער מארגנדיגער זארג, ווייל דו ווייסט דאך ניט וואס דער טאג וועט ברענגען.

(אל תצר דאגת מחר כי לא תדע מה יולד יום. — בן סירא).

16) וואָרום זאלסטו זיך גרויסן מיט א וועלט וועלכע איז ניט דיינע?

(למה אתה מתגאה בעולם שאינו שלך. — נדרים ט).

17) דו קומסט אויף דער וועלט אן זינד.

(ביאתך לעולם בלא חטא. — בבא מציעא קז).

18) דער וואס שטופט די צייט, שטופט די צייט אים.

(כל הדוחק את השעה שעה דוחקתו. — עירובין יג).

19) איינער קויפט זיך אמאל עולם הבא אין איין שעה.

(יש קונה עולמו בשעה אחת. — עבודה זרה יז).

20) הייבט זיך אויף דער טאָג — הייבט זיך אויף דער קראַנ־קער 1).

(אידלי יומא אידלי קצירא. — בבא בתרא טז).

21) אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אויף דער יבשה, איז פאַראַן אין ים, אויסער אַ טכויר.

(כל מה שיש ביבשה יש בים חוץ מן החולדה. — חולין קכז).

22) דו ווייסט דאָך ניט אוועקזעצן דעם אַלטגעזעסענעם אויף דער ערד, און דעם פרעמדן אין די הימלען! [דער פרעמדער קען דאָך ניט זיין מער יחסן ווי דער איינגעבאָרענער.]

(יציבא בארעא וגיורא בשמי שמיא. — עירובין ט).

23) אַ מענש וואָס פאַרמאָגט ניט אַ שטיקל לאַנד איז גאָר קיין מענש ניט.

(כל אדם שאין לו קרקע אינו אדם. — יבמות סג).

24) אַ פערל, וואו זי זאָל זיך ניט געפינען, איז איר נאָמען פערל.

(מרגליות כל מקום שהיא מרגליות שמה. — מגילת טו).

25) מענשען זיינען גלייך צו גראָז אויפן פעלד: אייניגע שפּראָצן, אַנדערע ווערן פאַרוועלקט.

(בני אדם דומים לעשבי השדה הללו נוצצין והללו נובלין. — עירובין נד).

26) אַלע קוקן אויס קעגן שרה'ן ווי אַבעזיאַנעס קעגן אַ מענשן; שרה קעגן חוה'ן — ווי אַן אַבעזיאַנע קעגן אַ מענשן; חוה קעגן אדם'ען — ווי אַן אַבעזיאַנע קעגן אַ מענשן; אדם קעגן גאָט — ווי אַן אַבעזיאַנע קעגן אַ מענשן.

(הכל בפני שרה כקוף בפני אדם, שרה בפני חוה כקוף בפני אדם, חוה בפני אדם כקוף בפני אדם, אדם בפני שכינה כקוף בפני אדם. — ב"ב נח).

27) ניט ווי די מענשן פון די ערשטע דורות זיינען די מענשן פון די שפּעטערדיגע דורות.

(לא כדורות הראשונים דורות האחרונים. — ברכות לה).

28) אויב די מענשן פון די ערשטע דורות זיינען געווען מלאכים, זיינען מיר ווי מענשן; אויב די ערשטע זיינען געווען מענשן, זיינען

1) ביים טאָג פילט זיך אַ קראַנקער בעסער.

מיר ווי אייזלען.
(אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, אם ראשונים כבני אדם אנו כחמורים. — שבת קיב).

29) בעסער וואָלט געווען דעם מענשן, ווען ער וואָלט גאָרניט באַשאַפן געוואָרן.
(נוח לו לאדם שלא נברא משנברא. — עירובין יג).

30) גאָט האָט אויסגעגאָסן אַלע מענשן אין דעם פורעם (מאָדעל) פון דעם ערשטן מענשן, און דאָך איז ניט איינער פון זיי גלייך צו אַ צווייטן.
(הקב"ה טבע כל אדם בחותמו של אדם הראשון ואין אחד מהם דומה לחבירו. — סנהדרין לז).

31) ניט דער מענש געוועלטיגט איבערן גייסט.
(אין אדם שליט ברוח. — קהלת ח).

32) אַ מענש איז אַ פריינט צו זיך אַליין.
(אדם קרוב אצל עצמו. — סנהדרין ט).

33) אויפן שוועל פון עשירות — געפינען זיך שטענדיג אַ סך ברידער און גוטע פריינט; אויפן שוועל פון אָרעמקייט — זיינען ניטאָ קיין ברידער און ניטאָ קיין גוטע פריינט.
(אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי, אבב בזיוני לא אחי ולא מרחמי. — שבת לב).

34) די וועלט איז גלייך צו דער ראָד ביים ברונעם: דער פולער עמער ווערט אויסגעליידיגט, און דער ליידיגער ווערט אָנגעפילט.
(עלמא דמי לגלגלא דאנטליא דמלא מתרוקן ומתרוקן מתמלא. — ויקרא רבה פל"ד).

35) עס איז אַ רעדעלע וואָס „דרייט" זיך אין דער וועלט. [היינט איז איינער ארויף, און מאָרגן קען ער זיין אַרונטער.]
(גלגל הוא שחוזר בעולם. — שבת קנא).

36) אז מיר זיינען געווען קליינע, האָבן מיר זיך געהאַלטן פאַר גרויסע; איצטער, אז מיר זיינען אַלט אין יאָרן, האַלטן מיר זיך פאַר קליינע קינדער.
(כד הוינן זוטרי לגברא השתא דקש שנה לדודקי. — בבא קמא צב).

37) ווען ניט די מורא פאר דער רעגירונג, וואָלט אַ מענש זיין חבר לעבעדיגערהייט איינגעשלונגען.

(אלמלא מוראה של מלכות איש את רעהו חיים בלעו. — אבות ג).

38) צו וואָס איז דער געלערנטער מענש גלייך ביי דעם אומ-ווּיסנדיגן ? — פון אָנהייב, איז ער ביי אים גלייך צו אַ קריגעלע פון גאָלד ; האָט ער גערעדט מיט אים, ווערט ער ביי אים גלייך צו אַ קריגעלע פון זילבער ; האָט ער געגעסן מיט אים צוזאַמען, ווערט ער שוין ביי אים גלייך צו אַ קריגעלע פון ליים.

(למה תלמיד חכם דומה לפני עם הארץ, בתחילה דומה לקיתון של זהב ; סיפר הימנו דומה לקיתון של כסף ; נהנה הימנו דומה לקיתון של חרש. — סנהדרין נב).

39) יעדער ארבעטער האָט פיינט דעם ארבעטער פון זיין פאַך.

(כל אומן שונא בן אומנתו. — ב"ר יט).

40) ווער עס איז שטארקער און כאַפּט אריין, איז דער העלד !

(כל דאלים גבר. — בבא בתרא לד).

41) חוצפה (דרייסטקייט) אין אַ מענשן, האָט אפילו גאָט אליין אויך ליב.

(חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני. — סנהדרין קה).

42) דורך די קראָפּעווע — ליידט די תבואה. [צוליב דעם שלעכטן ליידט דער גוטער.]

(בהדי הוצא לקי כרבא. — בבא קמא צב).

43) אַ שקלאַף האָט ניט קיין ברידערשאַפט.

(עבד אין לו אחוות. — בבא קמא פח).

44) אברהם האָט געזאָגט צו זיינע יונגען (דינער) : „זיצט דאָ מיט דעם אייזל" — ווייל עס איז אַ פאָלק, וועלכע איז גלייך צו אַן אייזל.

(ויאמר אברהם אל נעריו שבו לכם פה עם החמור, עם הדומה לחמור. — יבמות סב).

45) דער וואָס קויפט אַ אידישן שקלאַף איז ווי ער וואָלט קויפן אַ האר איבער זיך.

(הקונה עבד לעצמו כקונה אדון לעצמו. — ערכין ל).

46) שטענדיג זאָל אַ מענש זיין פון די פארפאָלגטע און ניט פון

די וואָס פאַרפאַלגן.
(לעולם יהא אדם מן הנרדפים ולא מן הרודפים. — בבא קמא צג).

47) צו אָננעמען אַ מענשן פאַר אַ גנב — געמען מיר ניט אָן.
(לאחזוקי איניש בגנבי לא מחזקינן. — שבועות מו).

48) דער שלעכטער טייטלבוים, זוכט נאָר אויס די געזעלשאַפט פון דעם פוסטן בוים.
(מטייל ואזיל דיקלא בישא גבי קינא דשרכי. — בבא קמא צב).

49) ניט אומזיסט איז געגאַנגען דער רויב-פויגל (ראָב) צו דער וואראָנע — ער איז פון זיין סאָרט.
(לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו. — בבא קמא צב).

50) נאָך דעם רייכן מאַן איז גוט זיך נאָכצושלעפּן.
(בתר מרי ניכסי ציבי משך. — בבא קמא צב).

51) דער פּראָסטער יונג שפּרינגט פאָרויס.
(הדיוט קופץ בראש. — מגילה יב).

52) דער אָרעמסטער אַרבעטער איז ביי זיך אין הויז אַ גאַנצער פּריץ. [גלייכוואָרט: יעדער האָן אויף זיין סמעטניק, איז אַ גאַנצער בעל-הבית].
(קרחא בביתיה פרדשכא ליהוי. — מגילה יב).

53) דעם יצר הרע גלוסט זיך נאָר די זאַך, וועלכע מ'טאָר ניט.
(אין יצר הרע תאב אלא דבר האסור לו. — ירושלמי יומא פז).

54) טוביה האָט געזינדיגט און זיגוד קריגט די שמיץ.
(טוביה חטא וזיגוד מנגיד. — מכות יא).

55) אַ חזיר ציט אויס זיינע קלאָען, ווי ער וואָלט זאָגן: „אויך איך בין כשר" 2).
(חזיר פושט טלפיו כאומר שאני טהור. — ב"ר סה).

56) די וויין געהערט צו דעם בעל-הבית, און דעם דאַנק גיט מען דעם משרת 3).
(חמרא למריה וטיבותא לשקייה. — בבא קמא צב).

57) פאַראַן אַמאָל אַ מענש, וואָס זיין געלט איז ביי אים ליבער

---

2) דערפון דער ווערטל: „חזיר פיסל כשר".
3) ד. ה. צו דעם, וואָס דערלאַנגט אים.

פון זיין קערפּער.

(יש אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו. — ברכות סא).

58) די גאנצע וועלט איז אין פארגעניגן און חנינא איז אין ערגערניש.

(כל העולם כולו בנחת וחנינא בצער. — יומא נג).

59) ניטאָ אַ מענש וואָס זאָל ניט האָבן קיין צרות.

(אין לך אדם בלא יסורין. — ב"ר פצ"ח).

60) אַ פיינער מענש טאָר ביי זיך ניט זיין געפאַלן.

(אין אדם חשוב רשאי ליפול על פניו. — תענית טו).

61) אין אַ ברונעם פון וועלכן דו האָסט געטרונקען וואַסער, זאָלסטו ניט וואַרפן קיין שמוץ.

(בירא דשתית מיניה מיא לא תשדי ביה קלא. — בבא קמא צב).

62) שלעכטע דינער זיינען זיך מיישב, נאָך דעם ווי זיי טוען אָפּ די זאַך.

(עבדי בישא בתר דעבדין מתמלכין. — בבא בתרא ד).

63) זאָל זיך אַ מענש פאַרדינגען צו אַן אַרבעט, וועלכע איז אים איז פרעמד, און ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו מענשן.

(ישכיר אדם את עצמו לעבודה שזרה לו ואל יצטרך לבריות. — בבא בתרא קי).

64) אַ דאָקטער, וועלכער קורירט פאַר גאָרנישט, איז עס גאָר־נישט ווערט.

(אסיא דמגן במגן מגן שוה. — בבא קמא פה).

65) דער בעסטער פון די דאָקטוירים וועט גיין אין גיהנום.

(טוב שברופאים לגיהנום. — קידושין פב).

66) אַ קעמל איז געגאַנגען פאָדערן הערנער, האָט מען אים אויך אָפּגעשניטן די אויערן, וועלכע ער האָט געהאַט.

(גמלא אזלא למיבעי קרנא אודני דהוה ליה גזיזן מיניה. — סנהדרין קו).

67) אז דער דאָקטער איז ווייט, ווערט די אויג בלינד. [גלייכ־וואָרט: ביז מידערזעט די נחמה, גייט ארויס די נשמה.]

(אסיא רחיקא עינא עווירא. — בבא קמא פה).

68) אַלץ ווענדט זיך אָן מזל.
(הכל תלוי במזל. — זוהר נשא).

69) אז דער אייזן איז נאָך היים — שמיד אים.
(בעוד הברזל חם הלמו. — יוסף לקח על אסתר).

70) מיר פארלאָזן זיך ניט אויף אַ נס.
(לא סמכינן אניסא. — קידושין לט).

71) דעם מענשנ'ס אויגן — ווערן ניט זאַט.
(עיני האדם לא תשבענה. — משלי כז).

72) ווער עס האָט הונדערט וויל צוויי הונדערט.
(מי שיש לו מנה רוצה מאתים. — מדרש קר"א).

73) ווי באַלד עס איז געגעבן געוואָרן ערלויבעניש צו דעם משחית, מאַכט ער ניט קיין אונטערשייד פון גוטע צו שלעכטע.
(כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין צדיקים לרשעים. — בבא קמא ס).

74) ניט דער, וואָס איז געבונדן, קען זיך אַליין באַפרייען פון געפענגעניש.
(אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורין. — סנהדרין צה).

75) „און דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין" — קלייב אפילו אויס פאַר אים אַ שיינעם טויט.
(ואהבת לרעך כמוך ברור לו מיתה יפה. — סנהדרין נב).

76) מיט דער מאָס וואָס אַ מענש מעסט יענעם, מעסט מען אים.
(במדה שאדם מודד מודדין לו. — סנהדרין ק).

77) עס איז ניט דער שטייגער פון מענשן, זיך צו קראַצן אָן אַ וואַנט. [גלייכוואָרט: אַ מענש איז ניט קיין חזיר.]
(אין דרכן של בני אדם להתחכך בכתלים. — בבא קמא ל).

78) עס קען ניט זיין קיין תבואה אָן שטרוי.
(אי אפשר לבר בלי תבן. — ברכות נה).

79) אין דעם אָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין מענש, דאַרפסטו זיין דו אַ מענש.
(באתר דלית גבר תמן הוי גבר. — ברכות סג).

80) מ'דארף האָבן זיין פאַר מענשן.
(לצאת ידי הבריות. — שקלים ה).

81) אויב דו וועסט אַליין זיך העלפן אויפהייבן דיין משא, וועל איך דיר אויך העלפן; אויב ניט, וועל איך אַליין ניט אויפהייבן פאַר דיר דיין משא.
(אי דליתא דורא דלינא ואי לא לא דלינא. — בבא קמא צב).

82) אויב דו האָסט געשטראָפט דיין חבר און ער האָט דיר ניט געענטפערט — הייב אויף אַ וואַנט און וואַרף אויף אים. [ד. ה. דיין וויטערדיגער שטראָפן אים איז אַרויסגעוואָרפן.]
(קרית חברך ולא ענך רמי גודא ושדי ביה. — ב"ק צב).

83) אויב אין צעדערבוימער האָט זיך געקענט אַריינכאַפּן אַ פייער — ווי אַזוי זאָל ניט מורא האָבן דער מאָך, וואָס וואַקסט אויפן וואַנט?
(אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו איזובי קיר. — מועד קטן כח).

84) דאָס רוב קראַנקע ווערן געזונט.
(רוב חולין לחיים. — קידושין עא).

85) ניט פרעג דעם רופא — פרעג דעם חולה.
(אל תשאל את הרופא שאל את החולה. — יומא פג).

86) אויף יעדן מענשן קומט אַ צייט.
(אין לך אדם שאין לו שעה. — אבות פ"ג).

87) אָדער לעבן געזעלשאַפטליך — אָדער שטאַרבן.
(או חברותא או מיתותא. — תענית כג).

88) אַ מענש זאָל זיך ניט אַרויסנעמען פון כלל.
(אל יוציא אדם את עצמו מן הכלל. — ברכות מט).

89) אַ מערהייט — איז ווי אַלע. [דעם גרעסטן טייל — ווערט באַטראַכט, ווי דאָס גאַנצע.]
(רובו ככולו. — הוריות ג).

90) איינער קעגן אַ סך — בלייבט ווי די סך זאָגן.
(יחיד ורבים הלכה כרבים. — יבמות מ).

91) זאָל זיך ניט באַרימען דער וואָס טוט איצט אָן דעם שווערד, ווי דער וואָס טוט שוין אויס דעם שווערד.
(אל יתהלל חוגר כמפתח. מ"א כ).

92) א סך מחשבות, אין א מענשנס הארצן.
(רבות מחשבות בלב איש. — משלי יט).

93) דער געדאנק פון אלע מחשבות אין זיין הארצן, איז נאר שלעכטס דעם גאנצן טאג.
(כי יצר מחשבות לבו רק רע כל היום. — בראשית ו).

94) די צירונג פון פנים איז די בארד.
(הדרת פנים זקן. — שבת קנב).

95) פילע זאכן ווערן געטאן נאר לפנים וועגן. [ד. ה. כדי אנדערע זאלן ניט האבן וואס צו ריידן.]
(הם לא עשו אלא לפנים. — מגילת יב).

96) דריי, זיינען זעלטענע מענשן ביי גאט: א בחור וועלכער וואוינט אין א גרויסער שטאט און זינדיגט ניט; אן ארעמאן וועלכער האט געפונען א זאך וואס אימיצער האט פארלארן און גיט עס אפ צוריק דעם אייגענטימער; א רייכער מאן וועלכער גיט צדקה באַ-האלטענערהייט.
(שלשה מכריז עליהן הקב"ה בכל יום, על רווק הדבר בכרך ואינו חוטא, על עני המחזיר אבידת לבעליה, על עשיר המעשר פירותיו בצינעה. — פסחים קיג).

97) מענשן עסן און טרינקען איינע מיט די אנדערע און שטעכן איינע די אנדערע מיט זייערע צינגער.
(בני אדם אוכלין ושותין זה עם זה ודוקרין בחרבות שבלשונם זה את זה. — יומא ט).

98) הלל האט געזען א קאפ פון א מענשן שווימענדיג אויפן וואסער, האט ער געזאגט צו דער קאפ: „ווייל דו האסט אנדערע קעפ דערטרונקען, האט מען דיר דערטרונקען; און די וואס האבן דיר דערטרונקען, וועלן אויך דערטרונקען ווערן".
(הלל הזקן וכו' ראה גולגולת אחת שצפה על פני המים, אמר לה על דאטפת אטפוך ומטיפיך יטופון. — סוכה נג).

99) אלע טייכן גייען אריין אין ים, און דער ים ווערט ניט פול.
(כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא. — קהלת א).

100) דער וואס ווארפט א חשד אויף כשר'ע (פיינע) מענשן, ווערט באשטראפט קערפערליך. [אז ער ווארפט א חשד אויף פיינע

מענשן, פאלט א חשד אויף אים אליין.]
(החושד בכשרים לוקה בגופו. — שבת צז).

101) פון דריי זאכן רירט זיך די וועלט, און די פערטע זאך קען די וועלט ניט פארטראגן: ווען א שקלאף ווערט א קעניג; ווען א מיאוסער מענש ווערט רייך; ווען א העסליכע פרוי האט חתונה; ווען א דינסט ירש'נט איר בעל-הבית'טע.
(תחת שלש רגזה ארץ ותחת ארבע לא תוכל שאת: תחת עבד כי ימלוך, נבל כי ישבע לחם, תחת שנואה כי תבעל ושפחה כי תירש גבירתה. — משלי ל).

102) ווען איינער זאגט צו דיר: „נעם אוועק דעם שפענדל פון צווישן דיינע אויגן", זאג דו צו אים: „נעם אוועק די קלאץ פון צווישן דיינע אויגן".
(אם אומר לך אדם טול קיסם מבין עיניך אמור לו טול קורה מבין עיניך. — בבא בתרא טו).

103) יעדערער וואס האט פאר קונדן אין זיין געשעפט נאר ווייבער, וועט אראפ פון גלייכן וועג.
(כל שעסקיו עם הנשים סורו רע. — קידושין פב).

104) אלע פעלערן זעט א מענש, אויסער זיינע אייגענע.
(כל נגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו. — נגעים ב).

105) ניט דער ארט גיט כבוד דעם מענשן, נאר דער מענש גיט כבוד דעם ארט.
(לא מקומו של אדם מכבדו אלא אדם מכבד את מקומו. — תענית כא).

106) דער וואס לייגט צו א ווארט (ווען ער גיט איבער אימיצנס ווערטער) — מאכט נאך ערגער.
(כל המוסיף גורע. — סנהדרין כט).

107) מ'גייט נאך דער מערהייט פון שטאט.
(הולכין אחר רוב העיר. — כתובות טו).

108) גיי ארוים און זע, ווי די מענשן פירן זיך, און פיר זיך אויך אזוי.
(פוק חזי מאי עמא דבר. — ברכות מה).

109) ניט אלע פינגער זיינען גלייך.
(לא כל האצבעות שוות. — פסחים קיב).

110) זיי זיינען קלוג אויף שלעכטעם צו טאן.
(חכמים המה להרע. — ירמיה ד).

111) די פּני פון דעם דור, ווען משיח וועט קומען, וועלן האָבן ביי דער וועלט אַ פּנים פון הינט. [עס קען אויך מיינען: די פּני פון יענעם דור וועלן זיין גלייך צו הינט, ווייל זיי וועלן זיין פון דעם ערגסטן סאָרט.]

(דור שבן דוד בא פּני הדור כפני הכלב. — סנהדרין צז).

112) וואויל איז דעם דור, אין וועלכן די גרויסע הערן זיך צו, צו די קלענערע.

(אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים. — ראש השנה כה).

113) פאַלש זיינען די מענשן.

(כזב בני איש. — תהלים סב).

114) דו זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר די פּרושים, אויך ניט פאַר די צדוקים. האָב נאָר מורא פאַר די צבועי׳אַקעס אויף וועמען דו קענסט מיינען אַז זיי זיינען פּרושים, אָבער אין דער אמת׳ן טוען זיי גאָר אָפּ אַזעלכע מיאוסע זאַכן ווי זמרי און ווילן נאָך אַ באַלוינונג ווי פּנחס 4).

(אל תתיראו לא מן הפרושין ולא ממי שאינן פרושין אלא מן הצבועין שדומין לפרושין שמעשיהן כמעשה זמרי ומבקשין שכר כפנחס. — סוטה כב).

115) די צו-פרומע מיידל, און די אַלמנה וואָס האַלט אין איין לויפן צו די שכנים (כלומר׳שט אַלס גוטע פריינט), אויך דער האַלב-געבאַקענער אינטעליגענט — רואינירן די וועלט, (ווייל זיי זיינען גאָר פונקט דער היפך פון דעם וואָס זיי ווייזן אויס צו זיין).

(בתולה צליינית ואלמנה שובבית וקטן שלא הגיעו לו חדשיו הרי אלו מבלי עולם. — סוטה כב).

116) איין מטבע אין אַ פּוסטן קרוג מאַכט אַ קלינגעריי.

(אסתירא בלגינא קיש קיש קריא. — בבא מציעא פה).

117) מער פאַרמעגן — מער זאָרג.

(מרבה נכסים מרבה דאגה. — אבות פ״ב).

118) און דו זאָלסט געדנקען, אַז דו ביסט אַ שקלאַף געווען.

(וזכרת כי עבד היית. — דברים כד).

---

4) וועגן זמרי און פּנחס, זע במדבר כה; די צדוקים זיינען געווען אַזאַ סעקטע וואָס האָבן נאָר געהאַלטן פון תורה שבכתב; די פּרושים — האָבן געזען אָפּצוהיטן אויך די תורה שבעל פּה, און רעליגיאָן איז ביי זיי געשטאַנען העכער פון אַלץ אין דער וועלט.

119) אין דעם אָרט וואו גערעכטיגקייט דאַרף זיין, דאָרטן איז גאָר אומרעכט.

(מקום המשפט שמה הרשע. — קהלת ג).

120) דער אָנקלאָגער קען ניט ווערן דער פאַרטיידיגער.

(אין קטיגור נעשה סניגור. — ברכות נט).

121) עס איז ניט אין דער נאַטור פון מענשן זיך צו קורירן, נאָר עס איז אַזוי איינגעפירט.

(אין דרכן של בני אדם לרפאות אלא שנהגו. — ברכות ס).

122) עס איז שווער צו פאַרטראָגן דעם רעגנדיגן טאָג, ווי דעם טאָג פון אַ משפּט.

(קשה יומא דמטרא כיומא דדינא. — תענית ח).

123) וועלכער פעלער איז עס, וואָס מ'קען אים ניט גוט מאַכן? — דאָס איז ווען איינער איז געווען מיט אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט ניט געטאָרט, און זי האָט אים — געהאַט אַ ממזר.

(איזהו מעוות שאינו יכול להתקן, זה הבא על הערוה והוליד ממנה ממזר. — חגיגה ט).

124) דיין חבר האָט אַ חבר, און דיין חבר'ס חבר האָט אויך אַ חבר א. אז. וו. [דעריבער וויים באַלד די גאַנצע וועלט יעדע קליינינ־קייט].

(חברך חברא אית ליה וחברא דחברך חברא אית ליה. — ב"ב כט).

125) אַ סוד זאָלסט דו פאַרטרויען, נאָר צו איינעם פון טויזנט.

(גלה סוד לאחד מאלף. — יבמות סג).

126) אַ מענשנ'ס כאַראַקטער ווערט דערקענט אין זיין קעשענע, אין זיין טרינקען, און זיין כעס.

(אדם ניכר בכיסו בכוסו ובכעסו. — עירובין סה).

127) אַ מענש וועט ניט איינשטעלן זיין לעבן צוליב זיין געלט.

(אין אדם מעמיד עצמו על ממונו. — יומא פה).

128) אויף אַ מענשן, וועלכער האָט ניט קיין געוויסן, טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבן.

(אדם שאין בו דעה אסור לרחם עליו. — סנהדרין צב).

129) דער וואָס גיט זיין ברויט צו אַזעלכן וואָס האָט ניט קיין געוויסן, וועט נאָך אַמאָל ליידן יסורים דערפאַר.

כל הנותן פתו למי שאין בו דעה 5) יסורין באין עליו. — סנהדרין צב).

130) א מענש טאפּט זיך אין זיין קעשענע אלע ווײלע.
(אדם עשוי למשמש בכיסו בכל שעה. — בבא קמא קיח).

131) א מענש זעט ניט קיין שולד אין זיך.
(אין אדם רואה חובה לעצמו. — שבת קיט).

132) א מענש האָט ניט די העזה צו לייקענען א חוב, דעם בעל-חוב אין די אויגן.
(אין אדם מעיז פּניו בפני בעל חובו. — שבועות מב).

133) נאָר א ביסל פון א מענשנ'ס מעלות זאָגט מען אים אין די אויגן.
(מקצת שבחו של אדם אומרים לו בפניו. — עירובין יט).

134) איידער א מענש עסט און טרינקט האָט ער צוויי הערצער; נאָכדעם ווי ער עסט אָפּ און טרינקט אָפּ האָט ער נאָר איין האַרץ.
(קודם שיאכל אדם וישתה יש לו שתי לבבות, לאחר שאוכל ושותה אין לו אלא לב אחד. — בבא בתרא יב).

135) עס איז ניטאָ אין דער וועלט א מענש א גאַנצער צדיק.
(אין אדם צדיק בארץ. — קהלת ז).

136) ביי א מענשן איז דער עיקר די אכילה.
(גברא לאכילה קא מכוין. — ברכות לח).

137) ר' אליעזר זאָגט: א מענש דאַרף פאַרברענגען א יום טוב אָדער אין נאָר עסן און טרינקען (אזעלכער וואָס קען ניט לערנען), אָדער אין נאָר זיצן און לערנען (דער וואָס קען לערנען). ר' יהושע זאָגט: צוטייל אים — האַלב פאַר עסן און טרינקען, און האַלב פון דער צייט פאַרברענגען אין בית המדרש.
(ר' אליעזר אומר אין לו לאדם ביום טוב אלא או אוכל ושותה או יושב ושונה. ר' יהושע אומר חלקהו חציו לאכילה ושתיה וחציו לבית המדרש. — פסחים סח).

138) די תורה האָט געמאַכט גלייך די פרויען צו די מענער, אומעטום וואו עס האַנדלט זיך פון באַשטראָפן פאַר א פאַרברעכן.
(השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה. — פסחים מג).

---

5) „דעה איבערזעצן פילע — „קענטעניש“, אָדער „שכל“; נאָך מיין מיינונג, איז „געוויסן“ די ריכטיגע באַדייטונג פון דעם וואָרט „דעה“ אין דער דאָזיגער פראַזע.

139) לײדיג גײן ברענגט צו לאַנגװײליגקײט.
(בטלה מביאה לידי שעמום. — כתובות נט).

140) אויף דעם קאָרטן־שפּילער, זאָגט עס דער פּסוק: „די רשעים װעלן זיך צוריקקערן אין גיהנום" (ד. ה. דער קאָרטן־שפּילער װעט „פאַרפאַלן" װערן אין גיהנום).
(המשחק בקוביא עליו הכתוב אומר ישובו רשעים לשאולה. — ד"א פ"ב).

141) עס איז בעסער אַ נאָענטער שכן פון אַ װײטן ברודער.
(טוב שכן קרוב מאח רחוק. — משלי כז).

142) אַמאָל טרעפט מען צו (ניט װילנדיג) אַ זאַך װי אַ בלינדער אין לאָך אַרײן.
(כסומא בארובה ולא טעם יהיב. — בבא בתרא יב).

143) אַ בהמה מיט אַ מענשליכן פּנים.
(בהמה בצורת אדם. — מורה נבוכים).

144) דער אָרט (די סביבה) האָט אַ װירקונג אויף דעם מענשן.
(המקום גורם. — עבודה זרה ח).

145) עס איז אַלץ נאַרישקײט.
(הכל הבל. — קהלת א).

146) משיח װעט ניט קומען ביז עס װעט אויסגײן בײ אַלעמען יעדער פּעניג פון בײטל.
(אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס. — סנהדרין צז).

147) משיח װעט ניט קומען ביז עס װעט זיך פאַרמערן מסירות.
(אין בן דוד בא עד שירבו המסירות. — סנהדרין צז).

148) און איך האָב פײנט מײן גאַנצע האָרעװאַניע, װאָס איך האָרעװע אונטער דער זון — איך װעל עס דאָך מוזן איבערלאָזן צו אַ מענשן, װעלכער װעט זײן נאָך מיר.
(ושנאתי אני את כל עמלי שאני עמל תחת השמש שאניחנו לאדם שיהיה אחרי. — קהלת ב).

149) די מענשן לאָזן אַװעק אַן אײביגן לעבן און באַשעפטיגן זיך מיט אַ לעבן װאָס איז נאָר אויף אַ װײלע.
(מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. — שבת ט).

150) איבער גוואַלד לעבסטו און איבער גוואַלד שטאַרבסטו.
(בעל כרחך אתה חי ובעל כרחך אתה מת. — אבות פ"ד).

151) אַ מענש ווערט געבאָרן אויף צו מאַטערן זיך.
(אדם לעמל יולד. — איוב ה).

152) פיר קען די וועלט ניט פאַרליידן: אַן אָרעמאַן, וועלכער האַלט זיך גרויס; אַ רייכן מאַן, וועלכן אימעצער האָט עפּעס אָנגע־טרויט און ער פאַרלייקנט עס; אַן אַלטן מאַן, וועלכער יאָגט זיך נאָך פרויען; אַ פּרנס 6), וועלכער האַלט זיך גרויס קעגן דער געמיינדע.
(ארבעה אין הדעת סובלתן ואלו הן דל גאה ועשיר מכחש וזקן מנאף ופרנס מתגאה על הצבור. — פסחים קיג).

153) פיר, זיינען גלייך ווי טויט: אַן אָרעמאַן, אַ קרעציגער, אַ בלינדער, אויך דער וואָס האָט ניט קיין קינדער.
(ארבעה חשובין כמת עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים. — נדרים סד).

154) די וועלט ווערט אויפגעהאַלטן — נאָר צוליב די אומשול־דיגקייט פון די קליינע קינדערלאַך, וועלכע גייען אין חדר.
(אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. — שבת קיט).

155) ניט צו קלוגע — איז ברויט; און ניט צו די וואָס פאַר־שטייען אַ סך — איז עשירות. [מ'קען זיך זיין אַ חכם — און דאָך קיין ברויט ניט האָבן; מ'קען זיך פאַרשטיין אַ סך — און דאָך זיין אַ קבצן].
(לא לחכמים לחם ולא לנבונים עושר. — קהלת ט).

156) ווען דער פוקס איז געוואָרן אַ קעניג — בוק זיך צו אים.
(תעלא בעידניה סגיד ליה. — מגילה טז).

157) איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן.
(ואהבתם את הגר. — דברים י).

---

6) אַ „פּרנס", אָדער „ראש העיר", פלעגט ווערן אויסגעקליבן פון דער געמיינדע. ער איז געווען דער גאַנצער בעל־הבית איבער אַלע שטאָטישע עסקים, ווי למשל אַ מעיר אין איצטיגע צייטן.

אָרעמקייט

1) עס איז ניטאָ קיין אָרעמער פון אַ הונט.
(לית דעניא מכלבא. — שבת קנה).

2) נאָך דעם אָרעמאַן גייט נאָך די אָרעמקייט. [גלייכוואָרט: וואו דער אָרעמאַן גייט, שלעפּט זיך תמיד דער שלים-מזל נאָך אים].
(בתר עניא אזלא עניותא. — בבא קמא צב).

3) ווען די אָרעמע לייט טרויערן, פרייען זיך די בעלי־בתים.
(עניים עצבין ובעלי בתים שמחין. — יומא כא).

4) אַן אָרעמאַן איז גלייך ווי אַ טויטער.
(עני חשוב כמת. — עבודה זרה ה).

5) ווער איז עס וואָס באַקלאָגט זיך און קיינער סימפּאַטיזירט ניט מיט אים? — דער, וועמען עס איז שלעכט אין דער שטאָט און ער גייט ניט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט.
(הצועק ואינו נענה מאן דביש ליה בהאי מתא ולא אזיל למתא אחריתא. — בבא מציעא עה).

6) עס איז אַ רעדעלע וואָס „דרייט" זיך אין דער וועלט. [גלייכוואָרט: די וועלט איז ווי אַ רעדעלע וואָס דרייט זיך — איינער אַרויף און דער אַנדערער אַרונטער].
(גלגל הוא שחוזר בעולם. — שבת קנא).

7) איך וויל ניט זיין פון די, וועלכע פאַרשפּאַרן זיך אין בית-המדרש, ווען אין הויז איז ניטאָ קיין ברויט.
(לא אהיה מחובשי עצמן בבית המדרש ובביתי אין לחם. — שבת קכ).

8) קהל (אַ געמיינדע) איז ניט אָרעם.
(אין צבור עני. — ירושלמי גיטין פג).

9) דעם אָרעמאַנס חכמה ווערט אויסגעלאַכט.
(חכמת המסכן בזויה. — קהלת ט).

10) דער, איז נאַר אָרעם — וועמען עס פעלט שכל. [גלייכוואָרט: אַ נאַר איז דער ערגסטער קאַליקע]. [עס קען אויך מיינען: דער, איז נאַר אָרעם — וועמען עס פעלט קענטעניש].
(אין עני אלא בדעה. — נדרים מא).

11) „דיר, ישראל, האָב איך אויסגעאיידלט — אין דעם שמעליץ־טאָפּ פון ליידן" (ישעיה מח) — דעריבער זאָגן מענשן: „עס פּאַסט גוט די אָרעמקייט דעם אידן" (ד. ה. אַ איד, האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט אָרעמקייט).
(בחרתיך בכור עוני, היינו דאמרי אינשי יאה עניותא ליהודאי. — חגיגה ט).

12) אַלע ברידער פון דעם אָרעמאַן האָבן אים פיינט, זיינע פריינט — געוויס.
(כל אחי רש שנאוהו אף כי מרעהו. — משלי יט).

13) אויפן שוועל פון עשירות — געפינען זיך אַ סך ברידער און פילע גוטע פריינט; אויפן שוועל פון אָרעמקייט — זיינען ניטאָ קיין ברידער און ניטאָ קיין גוטע פריינט.
(אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי, אבב בזיוני לא אחי ולא מרחמי. — שבת לב).

14) דער וואָס לאַכט אָפּ פון אַן אָרעמאַן, מאַכט כויזעק פון זיין באַשעפער.
(לועג לרש חרף עושהו. — משלי יז).

15) עס וועט ניט פאַרשווינדן דער אָרעמאַן פון דער וועלט.
(לא יחדל אביון מקרב הארץ. — דברים טו).

16) דער וואָס קוקט אוים אויף זיין פריינד'ס טיש, איז זיין לעבן קיין לעבן ניט.
(המצפה לשולחן חברו חייו אינם חיים.— ביצה לב).

17) עס איז ניט גלייך דאָס פאַסטן ביי דעם, וועלכער האָט ברויט אין זיין קערבל, ווי ביי דעם וואָס האָט ניט קיין ברויט אין זיין קערבל.
(אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו. — כתובות סג).

18) אַלע טעג דעם אָרעמאַנ'ס זיינען שלעכטע.
(כל ימי עני רעים. — משלי טו).

19) רבי יצחק נפחא האָט געזאָגט צו רבי אבא'ן: איין אָרעמאַן האָט איבערגעקערט אַ וועלט צו קריגן קיכלאַך און אַ צווייטער איז געקומען און זיי צוגענומען פון אים — ווי רופסטו יענעם? האָט

אים רבי אבא געזאָגט: „מ׳רופט אים רשע״.
(אמר ר׳ יצחק נפחא לר׳ אבא, עני המהפך בחררה ובא אחר ונטלה ממנו מאי, א״ל נקרא רשע. — קידושין נט).

20) מאַך דיין שבת וואָכעדיג, און דו זאָלסט ניט אָנקומען צו מענשן.
(עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות. — שבת קיח).

21) מיט אַ בעטנדיגע שטימע רעדט דער אָרעמאַן.
(תחנונים ידבר רש. — משלי יח).

22) קענן דער תורה זיינען „אַלע״ אָרעמע לייט. (ווייל אַלע דאַרפן שטענדיג אָנקומען צו איר).
(הכל אצל ספר תורה עניים הם. — בבא בתרא מג).

23) באַצי זיך מיט אַכטונג צו די קינדער פון אָרעמע עלטערן, ווייל פון זיי וועלן אויסוואַקסן געלערנטע מענשן.
(הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. — נדרים פא).

24) זאָל זיך אַ מענש פאַרדינגען צו אַן אַרבעט וואָס איז אים פרעמד, און ער זאָל ניט אָנקומען צו מענשן.
(ישכיר אדם את עצמו לעבודה שזרה לו ואל יצטרך לבריות. — ב״ב קי).

25) די טויב האָט געזאָגט צו גאָט: „זאָל בעסער מיין שפּייז זיין אַזוי ביטער ווי דער איילבערט נאָר ער זאָל ליגן אין דיין האַנט, — איידער זי זאָל זיין זיס ווי האָניג, און ליגן אין דער האַנט פון אַ מענשן״.
(אמרה יונה לפני הקב״ה יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם. — עירובין יח).

26) אַ מענש קען דורכלעבן מיט ברויט אַליין.
(עושה אדם כל צרכו בפת. — ביצה כ).

27) די וועלט איז גליך צו דער ראָד ביים ברונעם: דער פולער עמער ווערט אויסגעליידיגט און דער ליידיגער ווערט אָנגעפילט.
(עלמא דמי לגלגלא דאנטליה דמלא מתרוקן ומתרוקן מתמלא. — ויק״ר פל״ד).

28) דיינע (קרובים) אָרעמע לייט, און די אָרעמע לייט פון דיין שטאָט — דאַרפסטו דיינע העלפן פריער ווי יענע.
(עניך ועניי עירך עניך קודמין. — בבא מציעא עא).

29) וואָס הייסט אָרעמקייט? — אָרעמקייט אין קענטעניש.
(מאי היא עניות, עניות דתורה. — קידושין מט).

30) לעבן, האָבן קינדער און חיונה ווענדן זיך ניט אין ווערט זיין, נאָר אין מזל.
(חיי בני ומזוני לא בזכותא תליא מלתא אלא במזל. — מועד קטן כח).

31) דער וואָס גיט לעבן, גיט צום לעבן.
(מאן דיהיב חיי יהיב מזוני. — תענית ח).

32) ניט צו קלוגע — איז ברויט. [מ'קען זיך זיין א חכם, און דאָך קיין ברויט ניט האָבן].
(לא לחכמים לחם. — קהלת ט).

33) א הונט, ווען ער איז הונגעריג, קען שלינגען מיסט.
(כלבא בכפנה גללי מבלע. — בבא קמא צב).

34) עס איז ניטאָ קיין מזל ברכה אין א זאך וואָס ווערט געוואויגן געמאָסטן אָדער געציילט.
(אין הברכה מצויה לא בדבר השקול ולא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי. — תענית ח).

35) ניט קיין אָרעמקייט פון דער ארבעט און ניט קיין עשירות פון דער ארבעט.
(לא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות. — קידושין פב).

36) די וואָס שרייבן ספרים וויסן ניט פון קיין גוטס אויף דער וועלט 1).
(כותבי ספרים אינם רואים סימן ברכה בעולם. — פסחים נ).

37) דער וואָס קוקט אוים (פאַרלאָזט זיך) אויף דער ווייב'ס פאַרדינסט, וועט ניט וויסן פון קיין גוטס אויף דער וועלט.
(המצפה לשכר אשתו אינו רואה סימן ברכה בעולם. — פסחים נ).

38) ווען איינער בעט א בגד (קלייד), פרעגט מען זיך נאָך פריער צי ער נויטיגט זיךווירקליך אין דעם; ווען איינער בעט ברויט, מאַכט מען ניט קיין אונטערזוכונגען.
(בודקים לכסות ואין בודקים למזונות. — בבא בתרא ט).

---

1) דער דאָזיגער גלייכוואָרט ווערט אָפט אויך געזאָגט אויף פאַרפאַסער, כאָטש דער תלמוד מיינט גאָר די וואָס שרייבן ספרי־תורה'ס.

39) אַ צרה פון אַ סך איז אַ האַלבע טרויסט.
(צרת רבים חצי נחמה. — מ"ר דברים ב).

40) ניט אויף אייביג וועט פאַרגעסן ווערן דער אָרעמאַן.
(לא לנצח ישכח אביון. — תהלים ט).

41) אַ מענש וויל בעסער איין טאָפּ אַן אייגענעם איידער ניין טעפּ פון זיין פריינט.
(אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו. — בבא מציעא לח).

42) דער זויפער און דער פרעסער וועט פאַראָרעמט ווערן.
(סובא וזולל יורש. — משלי כג).

43) אויב דיין שונא איז הונגעריג גיב אים עסן ברויט, און אויב ער איז דאָרשטיג גיב אים טרינקען וואַסער — אפילו דו שאַרסט גאָר מיט דעם הייסע קוילן אויף זיין קאָפּ, וועט דיר דאָך גאָט גוט באַצאָלן דערפאַר.
(אם רעב שונאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים כי גחלים אתה חותה על ראשו וה' ישלם לך. — משלי כה).

44) דעם הונגעריגן מענשן איז יעדע ביטערע זאַך זיס.
(נפש רעבה כל מר מתוק. — משלי כז).

45) עס איז בעסער דעם אָרעמאַן, וועלכער גייט אין זיין אָרענט-ליכע וועג, ווי דעם וואָס גייט אין קרומע וועגן און ער איז רייך.
(טוב רש הולך בתומו מעקש דרכים והוא עשיר. — משלי כח).

46) צוליב אַ שטיקל ברויט זינדיגט דער מענש.
(על פת לחם יפשע גבר. — משלי כח).

47) שינד אַ נבילה אין מאַרק און פאַרדין, און זאָלסט ניט זאָגן: איך בין אַ גרויסער מענש און דאָס פּאַסט ניט פאַר מיר.
(נטוש נבלתא בשוקא ושקול אגרא ולא תימא גברא רבא אנא וזילא בי מלתא. — בבא בתרא קי).

48) ביי אידן קוקט מען אפילו אויף אָרעמע לייט ווי אויף פרייע (גלייבע) מענשן, וועלכע האָבן נאָר פאַרלאָרן זייער פאַרמעגן — ווייל זיי זיינען דאָך אויך די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.
(אפילו עניים שבישראל רואין אותן כאלו הם בני חורין שירדו מנכסיהם שהם בני אברהם יצחק ויעקב. — בבא קמא צ).

49) אַז די זון שיינט שבת, איז עס אַ פאַרגעניגן פאַר די אָרעמע לייט.
(שמש בשבת צדקה לעניים. — תענית ח).

50) דריי קלאסן מענשן וועלן ניט זען דעם גיהנום: געדריקטע ארעמע לייט, מאגן ליידנדיגע, פארשולדיגטע איבערין קאפ אין חובות.
(שלשה אינן רואין פני גיהנום ואלו הן דקדוקי עניות וחולי מעיין והרשות. — עירובין מא).

51) געדריקטע ארעמקייט נעמט אוועק ביי א מענשן זיין פאר־שטאנד און זיין גלויבן.
(דקדוקי עניות מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו. — עירובין מא).

52) אז א בעטלער ווערט אפילו א קעניג נעמט ער ניט ארונטער די טארבע פון זיין האלז.
(אי חקלאה מלכא ליהווי דיקולא מצווארית לא נחית. — מגילה ז).

53) שינד א נבילה אין מארק און זאלסט ניט אנקומען צו מענשן.
(פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות. — בבא בתרא קי).

54) משיח וועט ניט קומען ביז עס וועט אויסגיין ביי אלעמען דער לעצטער פעניג פון בייטל.
(אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס. — סנהדרין צז).

55) דער ארעמאן איז הונגעריג און ער פילט עס ניט. [אויך מיינט עס: דער ארעמאן ווייס ניט — ווי „שטארק" הונגעריג ער איז].
(כפין עניא ולא ידע. — מגילה ז).

56) ווען א מענש ווערט ארויסגעהאלפן פון א מענשן — בייטן זיך ביי אים די קאלירן אין פנים.
(כיון שנצטרך אדם לבריות פניו משתנות לכמה גוונין. — ברכות ו).

57) דיין קעניג (משיח) וועט קומען — אן ארעמער און רייטנ־דיג אויף אן אייזל.
(הנה מלכך יבוא וכו' עני ורוכב על חמור. — זכריה ט).

58) איין טעפל — אבער א ריינער.
(קב ונקי. — עירובין סב).

59) פיר, זיינען גלייך ווי טויט: אן ארעמאן, א קרעציגער, א בלינדער, אויך דער וואס האט ניט קיין קינדער.
(ארבעה חשובין כמת, עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים. — נדרים סד).

רייכקייט

1) עס איז ניטאָ קיין רייכערער פון **א חזיר.**

(לית דעתירא מחזירא. — שבת קנה).

2) צופיל געלט (צו האָבן) — טויג ניט, א ביסל — **איז גוט.**

(ח׳ רובן קשה ומיעוטן יפה, עושר וכו׳. — גיטין ע).

3) מענשן קענען ניט פאַרטראָגן צופיל גוטס, **אויך ניט צופיל שטראָף.**

(אינן יכולין לעמוד לא ברוב טובה ולא ברוב **פורעניות. — תענית כג).**

4) געלט אויף צו קויפן תבואה און **עפעס פאַרדינען איז ניטאָ,** אויף צו פאַרלירן געפינט זיך.

(זוזי לעללא לא שכיח לתליתא שכיח. — **חגיגה ה).**

5) די תלמידים האָבן געפרעגט רבי נחוניא׳ן: „**מיט וואָס האָסט** פאַרלענגערט דיין לעבן?״ האָט ער זיי געזאָגט: „איך בין געווען פריי-געביג מיט מיין געלט״.

(שאלו תלמידיו את רבי נחוניא במה הארכת ימים, אמר להם וותרן בממוני הייתי. — מגילה כח).

6) **א** מענש ציטערט איבער זיין געלט.

(אדם בהול על ממונו. — שבת קיז).

7) **אזוי גיך ווי א מענש ווערט אויסגעקליבן פאַר א קהל׳שן אמט** 1), **ווערט ער רייך.**

(כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור מתעשר. — יומא כב).

8) **גוטס געפינט זיך ביי א מענשן אין הויז נאָר צוליב זיין ווייב.**

(אין הברכה מצויה בביתו של אדם אלא **בשביל אשתו. — ב״מ נט).**

---

1) דער תלמוד זאָגט אויסדריקליך „אויסגעקליבן פאַר א פּרנס איבער דער געמיינדע״ (א „פּרנס״ אָדער „ראש העיר״ איז געווען דער גאַנצער בעל־הבית איבער אַלע שטאָטישע עסקים, ווי למשל אין די איצטיגע צייטן א מעיר) — דאָך באַנוצט עס די וועלט אַלס א גלייכוואָרט אויף אַלע סאָרטן קהל׳שע באַאַמטע.

9) דער וואָס יאָגט זיך רייך צו ווערן וועט ניט אָפּקומען אָן שטראָף, ווייל ער קען ניט זיין ריין פון זינד.
(ואץ להעשיר לא ינקה. — משלי כח).

10) ניט צו די וואָס פאַרשטייען אַ סך — איז רייכקייט. (ד. ה. מ'קען זיך פאַרשטיין אַ סך און דאָך זיין אַ קבצן).
(לא לנבונים עושר. — קהלת ט).

11) פון אַ פעניג צו אַ פעניג — קלייבט זיך צוזאַמען אַ גרויסער רעכענונג.
(כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול. — בבא בתרא ט).

12) מער גוטס — מער עסער.
(ברבות הטובה רבו אוכליה. — קהלת ט).

13) בעסער האָבן איין טעפּל אויף דער ערד, איידער פערציג טעפּלאַך אין דער לופטן.
(קבא מארעא ולא כורא מאיגרא. — פסחים קיג).

14) ווער איז רייך? — דער וואָס האָט אַ פיינע ווייב.
(איזהו עשיר כל מי שיש לו אשה נאה במעשים. — שבת כה).

15) דער וואָס האָט אין האַנט די געלט — יענער איז דער יחסן.
(כל מי שהכסף בידו ידו על העליונה. — בבא מציעא מט).

16) רבי מאיר זאָגט: „דער איז רייך, וועלכער האָט הנאה פון זיין געלט“.
(איזהו עשיר כל מי שיש לו נחת רוח בעשרו, דברי רבי מאיר. — שבת כה).

17) יעדער מענש, וועלכער פאַרמאָגט קענטעניש, וועט נאָך אַמאָל רייך ווערן.
(כל אדם שיש בו דעת לסוף מתעשר. — סנהדרין צב).

18) אז דער בויך איז פול גייט מען זוכן שלעכטע געזעלשאַפט.
(מלי כריסיה זני בישי. — ברכות לב).

19) ווען ישורון (די אידישע פאָלק) איז געוואָרן פעט, האָט ער זיך געבריקעוועט.
(וישמן ישורון ויבעט. — דברים לב).

20) ניט דער לייב צוטרעט און ברומט, ווען ער געפינט זיך אין

א הורבע שטרוי — נאָר, ווען ער געפינט זיך אין א הורבע פלייש.
(אין ארי דורס ונוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר. — סנהדרין קב).

21) **די אריסטאָקראַטן פון דער וועלט זיינען נאָר די רייכע.**
(אין פני הארץ אלא עשירים. — עירובין פו).

22) **רבי, פלעגט אָפּגעבן כבוד די רייכע.**
(רבי מכבד עשירים. עירובין פו).

23) **א נגיד, וואָס האָט ווינציג פארשטאנד, איז א גרויסער אונטערדריקער.**
(נגיד חסר תבונות ורב מעשקות. — משלי כח).

24) **דער רייכער געוועלטיגט איבער די אָרעמע. [גלייכוואָרט: ווער עס האָט די מאה — זאָגט די דעה].**
(עשיר ברשים ימשל. — משלי כב).

25) **דער וואָס קלייבט א ביסעלע צו א ביסעלע וועט האָבן א כך.**
(וקובץ על יד ירבה. — משלי יג).

26) **איינס צו איינס, צו געפינען א רעכענונג.**
(אחת לאחת למצא חשבון. — קהלת ז).

27) **זאָלסט ניט האָרעווען כדי רייך צו ווערן.**
(אל תיגע להעשיר. — משלי כג).

28) **זאָל זיך ניט בארימען דער רייכער מיט זיין געלט.**
(אל יתהלל עשיר בעשרו. — ירמיה ט).

29) **דער רייכער מענש האלט זיך פאר א חכם.**
(חכם בעיניו איש עשיר. — משלי כח).

30) **געלט — פארענטפערט אלץ.**
(הכסף יענה את הכל. — קהלת י).

31) **די פריינט פון דעם רייכן זיינען פילע.**
(אוהבי עשיר רבים. — משלי יד).

32) **אויפן שוועל פון עשירות — געפינען זיך שטענדיג א סך ברידער און גוטע פריינט.**
(אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי. — שבת לב).

33) **געלט שטעלט א מענשן אויף זיינע פיס.**
(ממון מעמיד רגליו של בעליו. — קהלת רבה ז).

34) די זאטקייט פון דעם רייכן לאָזט אים ניט שלאָפן.
(השבע לעשיר איננו מניח לו לישון. — קהלת ה).

35) נאָך דעם רייכן מאַן, איז גוט זיך נאָכצושלעפּן. [אויך: געלט — ציט זיך צו דעם רייכן מאַן].
(בתר מרי ניכסי ציבי משך משך. — בבא קמא צג).

36) דער וואָס האָט ליב געלט — קען זיך ניט אָנזעטיגן מיט געלט.
(אוהב כסף לא ישבע כסף. — קהלת ה).

37) אַ גרויסע זאַך, אַז מ'האָט עס — איז עס גלייך ווי אַ קליינע זאַך; אַ קליינע זאַך, אַז מ'האָט עס ניט — איז עס גלייך ווי אַ גרויסע זאַך.
(כלי גדול ויש לו דומה עליו ככלי קטן, קטן ואין לו דומה עליו ככלי גדול. — ברכות לד).

38) ניטאָ קיין עשירות אין אַ מלאכה.
(לא עשירות מן האומנות. קידושין פב).

39) געלט נעמט אַרונטער דעם שאַנד־פלעק פון אַ ממזר.
(כסף מטהר ממזרים. — קידושין עא).

40) אַ מענש וואַרפט ניט אַרויס קיין געלט אומזיסט.
(לא שדי איניש זוזי בכדי. — כתובות לז).

41) ווער איז רייך? — דער וואָס איז צופרידן מיט וויפיל ער האָט.
(איזהו עשיר השמח בחלקו. — אבות פ"ד).

42) גוטהאַרציג איז דער, וועמעס האַרץ איז אַ ברייטע.
(וטוב לב זה שדעתו רחבה. — בבא בתרא קמו).

43) מער פאַרמעגן — מער זאָרג.
(מרבה נכסים מרבה דאגה. — אבות פ"ב).

44) דער, וועלכער גיט זיך אָפּ צופיל מיט די געשעפטן, קען ניט ווערן קיין חכם (קענער) אין לערנען.
(לא כל המרבה בסחורה מחכים. — אבות ב).

45) פון אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן ווערט דער עמער אָנגעפילט.
(מטיפה לטיפה נתמלא ההין. — מד"ר פי"ז).

46) ווער עס האָט הונדערט וויל צוויי הונדערט.
(מי שיש לו מנה רוצה מאתים. — מדרש קר"א).

47) **דער וואָס היט דעם פייגנבוים וועט עסן זיינע פרוכט.**
(נוצר תאינה יאכל פריה. — משלי כז׳).

48) **פון אַ קליינעם געשעפט איז קליין דער פאַרדינסט.**
(עסקא זוטר דזוטר רווחא. — כתובות סו).

49) **דעם הונגעריגן מענשן, איז אפילו די ביטערסטע זאַך זיס; דער זאַטער מענש וועט צוטרעטן אפילו דאָס וואָס איז זיס.**
(נפש רעבה כל מר מתוק ונפש שבעה תבוס נופת. — משלי כז).

50) **שלמה האָט געבעטן ביי גאָט: אָרעמקייט און רייכקייט זאָלסטו מיר ניט געבן, שפייז מיר נאָר מיט ברויט וויפל איך דאַרף.**
(רש ועושר אל תתן לי הטריפני לחם חוקי. — משלי ל).

51) **דער וואָס האָט ליב וויין און אייל — וועט ניט רייך ווערן.**
(אוהב יין ושמן לא יעשיר. משלי כא).

52) **מיט אַ בעטנדיגע שטימע רעדט דער אָרעמאַן, און דער רייכער ענטפערט אים עזות׳דיג.**
(תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות. — משלי יח).

53) **די פּני פון דעם דור, ווען משיח וועט קומען, וועלן האָבן ביי דער וועלט אַ פּנים פון הינט. [אויך קען עס מיינען: די פּני אין יענעם דור וועלן זיין גלייך צו הינט, ווייל זיי וועלן זיין פון דעם ערגסטן סאָרט].**
(דור שבן דוד בא פני הדור כפני הכלב. — סנהדרין צז).

54) **פרייען זיך די אָרעמעלייט, טרויערן די בעלי-בתים.**
(עניים שמחין ובעלי בתים עצבין. — יומא כא).

55) **אַ מענש זאָל צוטיילן זיין פאַרמעגן אין דריי טייל: איין דריטל זאָל ער אַריינלייגן אין לאַנד, איין דריטל אין געשעפט, און איין דריטל זאָל ער שטענדיג האָבן לעבן זיך אין גרייטע געלט.**
(לעולם ישליש אדם את מעותיו שליש בקרקע ושליש בפרקמטיא ושליש תחת ידו. — בבא מציעא מב).

56) **עס רירט זיך די וועלט, ווען אַ מיאוסער מענש ווערט רייך.**
(תחת שלש רגזה ארץ וכו׳ נבל כי ישבע לחם. — משלי ל).

57) **אויב דו האָסט געלט, האָב הנאה דערפון — ווייל אין קבר איז ניטאָ קיין פאַרגעניגן, און דער טויט זאַמט זיך ניט אין קומען. און אויב דו ווייסט זאָגן „איך וועל דאָס געלט איבערלאָזן פאַר מיינע**

קינדער, כדי זיי זאָלן זיין פאַרזאָרגט מיט חיונה" — ווער וועט דיר דערציילן אין קבר, צי זיי פאַרטאַכלעווען ניט די געלט?
(אם יש לך היטיב לך שבשאול אין תענוג והמות אין התמהמה ואם תאמר אניח לבני חוק בשאול מי יגיד לך. — עירובין נד).

אַרבעט

1) אז דער אַרבעטער רעדט — רעדט ער נאָר וועגן זיין **אַרבעט.**
(אומנא כד מליל באומנותו מליל. — זוהר משפטים).

2) אַ מענטש זאָל לערנען זיין זון אַ ריינע און אַ **גרינגע אַרבעט.**
(ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה. — ברכות סג).

3) צופיל אַרבעט טויג ניט, אַ ביסעלע איז גוט.
(שמונה רובן קשה ומיעוטן יפה מלאכה וכו'. — גיטין ע).

4) אַ גרויסאַכטיגע זאַך איז אַרבעט — זי צו־וואַרעמט דעם אַרבעטער.
(גדולה מלאכה שמחממת את בעליה. — גיטין סז).

5) ווען זיין פאָטער האָט איבערגעלאָזן געלט און ער וויל עס פאַרלירן, זאָל דינגען אַרבעטער, און ניט זיצן מיט זיי.
(מי שהניח לו אביו מעות ורוצה לאבדן ישכור פועלים ואל ישב עמהם. — חולין פה).

6) וואויל איז דעם, וואָס אַרבעט ביי בשמים (פערפיום); ווי איז דעם, וואָס אַרבעט ביי גאַרבעריי.
(אשרי מי שאומנותו בוסמי ואוי למי שאומנותו בורסי. — בבא בתרא טז).

7) יעדער אַרבעטער האָט פיינט דעם אַרבעטער פון זיין **פאַך.**
(כל אומן שונא בן אומנותו. — ב"ר יט).

8) האָסטו אָנגענומען צופיל (זיך צוגעכאַפּט צו שטאַרק צו אַן אַרבעט) — האָסטו גאָרניט אָנגענומען; האָסטו אָנגענומען אַ ביסעלע — האָסטו יאָ אָנגענומען.
(תפשת מרובה לא תפשת; תפשת מיעוט תפשת. — חגיגה יז).

9) די הענט זיינען שטענדיג באשעפטיגט.
(ידים עסקניות הן. — שבת יד).

10) יעדערער וואס לערנט ניט זיין זון קיין מלאכה — איז אזוי ווי ער וואלט אים לערנען ווערן א רויבער.
(כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאלו מלמדו לסטות. — קידושין כח).

11) שינד א נבילה אין מארק און זאלסט ניט אנקומען צו מענשן.
(פשוט נבילה בשוק ואל תצטרך לבריות. — בבא בתרא קי).

12) ליידיג גיין ברענגט צו לאנגווייליגקייט.
(בטלה מביאה לידי שיעמום. — כתובות נט).

13) געצאלט פאר דער ארבעט ווערט באצאלט נאר ווען מ'ענ־דיגט, ניט אין מיטן דער ארבעט.
(שכירות אינה משתלמת אלא בסוף. — בבא מציעא עב).

14) אין דעם זעלבינן טאג, זאלסטו אים באצאלן וואס אים קומט פאר דער ארבעט.
(ביומו תתן שכרו. — דברים כד).

15) וויים פאר וועמען דו הארעוועסט, און צי איז באגלויבט דיין בעל־הבית, אז ער וועט דיר באצאלן וואס דיר קומט פאר דיין ארבעט.
(דע לפני מי אתה עמל ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך. — אבות פ"ב).

16) וואס פאר א נוצן האט א מענש פון זיין גאנצער הארע־וואניע, וואס ער הארעוועט אפ אונטער דער זון.
(מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש. — קהלת א).

17) דער וואס לעבט פון זיין הארעוואניע, איז א גרעסערער מענש ביי גאט ווי דער פרומער.
(גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים. — ברכות ח).

18) איין מלאך קען ניט טאן צוויי שליחות'ן אין דער זעלביגער צייט.
(אין מלאך אחד עושה שתי שליחות. — ב"ר ג).

19) אויב א רויבער — ניט קיין שרייבער; אויב א שרייבער — ניט קיין רויבער. [קען איינער האלטן א שווערד — קען ער ניט

האלטן קיין פעדער; סען ער האלטן א פעדער — סען ער ניט האלטן קיין שווערד].

(אי סייפא לא ספרא ואי ספרא לא סייפא. — עבודה זרה יז).

20) **דער וואָס באַשעפטיגט זיך נאָר מיט תורה אליין איז ער גלייך צו דעם, וואָס האָט ניט קיין גאָט. (ווייל חוץ תורה איז נאָך אויך פאַראַן עבודה און גמילות חסדים, ד. ה. די פליכטן צו גאָט און צו די מענשהייט).**

(כל העוסק בתורת בלבד דומה כמי שאין לו אלוה. — עבודה זרה יז).

21) **צו תורה, אז מ׳קען ניט קיין מלאכה — וועט צום סוף גאָר ניט ווערן פון זיין לערנען.**

(תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה. — אבות פ״ג).

22) **מענשן לאָזן אוועק אן אייביגן לעבן און באַשעפטיגן זיך מיט א לעבן, וואָס איז נאָר אויף א קורצע ווײַלע.**

(מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. — שבת ט).

23) **איך האָב פיינט מיין גאַנצע האָרעוואַניע, וואָס איך האָרעווע אָפּ אונטער דער זון; איך וועל עס דאָך מוזן איבערלאָזן צו א מענשן, וועלכער וועט זיין נאָך מיר.**

(ושנאתי אני את כל עמלי שאני עמל תחת השמש שאניחנו לאדם שיהיה אחרי. — קהלת ב).

24) **עס איז בעסער איין הויפן (א ביסל), אָבער מיט רואיגקייט — איידער ביידע הויפנס, אָבער מיט פּלאָגעניש.**

(טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל. — קהלת ד).

25) **פיר לעבלאַך ברויט דאַרף דער אָרעמער שוסטער, און פיר לעבלאַך ברויט דאַרף דער רייכער שוסטער. (ד. ה. דער רייכער עסט ניט מער ווי דער אָרעמער).**

(ארבעה לצלא וארבעה לצללא. — בבא בתרא ה).

26) **עס וועט קומען א צייט, ווען אַלע אַרבעטער וועלן זיך אָפּ־שטעלן נאָר ביי ערד־אַרבעט.**

(עתידים כל בעלי אומניות שיעמדו על הקרקע. — יבמות סג).

27) **קיין אַרבעט באַצאָלט זיך ניט אַזוי ווייניג, ווי ערד־אַרבעט.**

(אין לך אומנות פחותה מן הקרקע. — יבמות סג).

28) **זיבן יאָר איז געווען א הונגער און איבער דעם שוועל פון דעם בעל־מלאכה איז ער ניט אַריבער.**

(שב שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חלף. — סנהדרין כט).

29) א צדיק איז דער, וועלכער האָט ניט אוועקגענומען ביי א צווייטן ארבעטער זיין שטיקל ברויט; אויך דער, וואָס האָט קיינמאָל גאָרניט גענומען פון דער צדקה-פושקע.

(צדיק הוא שלא ירד לאומנות חבירו ולא נהנה מקופה של צדקה. — סנהדרין פא).

30) א העלפאַנד קען ניט דורכגיין די לעכעלע פון א נאָדל.

(לא פילא דעייל בקופא דמחטא. — ברכות נה).

31) לבן האָט געפרעגט יעקב'ן, איידער ער האָט אָנגעהויבן ארבעטן: „זאָג מיר וויפל איז דיין געצאָלט?“

(הגידה לי מה משכורתך. — בראשית כט).

32) „ער האָט ניט געטאָן זיין חבר קיין שלעכטעס“ (תהלים טו) — דאָס איז דער וואָס האָט ניט אוועקגענומען ביי א צווייטן ארבעטער זיין שטיקל ברויט.

(לא עשה לרעהו רעה זה שלא ירד לאומנות חבירו. — מכות כד).

33) רבי אליעזר האָט געזען אן ערד-ארבעטער, וועלכער האָט געוואָרפן די זריעה אין דער ברייט פון די בייטן, האָט ער צו אים געזאָגט: „ווען דו זאָלסט אפילו וואַרפן די זריעה אין דער לענג פון די בייטן, וועסטו אלץ דערפון ניט פארדינען אזוי פיל ווי פון גע-שעפט“.

(רבי אליעזר חזייה לההיא ארעא דשדי ביה כרבא לפותיה. אמר לו אי תשדייה לאורכיך הפוכי בעסקא טב מינה. — יבמות סג).

34) א פאָדעם אין דרייען צורייסט זיך ניט אזוי גיך.

(חוט המשולש לא במהרה ינתק. — קהלת ד).

35) אז דו וועסט עסן די האָרעוואַניע פון דיינע הענט, וועט דיר זיין גוט און וואויל.

(יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך. — תהלים קכד).

36) דער וואָס היט דעם פייגנבוים — וועט עסן זיינע פרוכט.

(נוצר תאינה יאכל פריה. — משלי כז).

37) ניט קיין אָרעמקייט פון דער ארבעט און ניט קיין עשירות פון דער ארבעט.

(לא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות. — קידושין פב).

38) גרויסאַרטיג איז א מלאכה; זי גיט-צו כבוד דעם ארבעטער.

(גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה. — נדרים מט).

39) אויב אַ מענש וועט דיר זאָגן: „איך האָב ניט געהאָרעוועט און פאַרדינט", זאָלסטו אים ניט גלויבן. אויב ער זאָגט: „איך האָב געהאָרעוועט און ניט פאַרדינט", זאָלסטו אים ווידער ניט גלויבן. אויב ער זאָגט דיר: „איך האָב געהאָרעוועט און פאַרדינט", זאָלסטו אים יאָ גלויבן.

(אם יאמר לך אדם לא יגעתי ומצאתי אל תאמן. יגעתי ולא מצאתי אל תאמן. יגעתי ומצאתי תאמן. — מגילה ו).

40) איך וויל ניט זיין פון די, וועלכע פאַרשפּאַרן זיך אין בית-המדרש ווען אין הויז איז ניטאָ קיין ברויט.

(לא אהיה מחובשי עצמן בבית המדרש ובביתי אין לחם. — שבת קכ).

41) מיט דעם שוויים פון דיין פּנים וועסטו עסן דיין ברויט.

(בזעת אפיך תאכל לחם. — בראשית ג).

42) דער וואָס באַאַרבעט זיין ערד וועט האָבן צו זאַט ברויט.

(עובד אדמתו ישבע לחם. — משלי יב).

43) דער שניידער זאָל ניט ארויסגיין אין גאַס מיט אַ נאָדל.

(לא יצא החייט במחטו 1). — שבת י).

44) רבי שמעון, מאָלט אַ סך און גיט ארויס ווינציג מעל.

(רבי שמעון טוחן הרבה ומוציא קמעא 2). — גיטין סז).

45) אַ מענש, וועלכער איז געשיקט אין זיין ארבעט — אַזעלכער וועט פאַרגעשטעלט ווערן צו קעניגע.

(איש מהיר במלאכתו לפני מלכים יתיצב. — משלי כב).

46) די גאַנצע האָרעוואַניע פון דעם מענשן איז פאַר זיין מויל.

(כל עמל האדם לפיהו. — קהלת ו).

47) מ'קען ניט זיין קיין בעל-מלאכה אָן געציינג.

(אין אומן בלי כלים. אבות דר"נ פּכ„ב).

48) האָט איינער אָנגעהויבן אַן ארבעט זאָל ער זי ענדיגן.

(אם התחיל גומר. — ברכות יד).

49) עס איז זיס (געשמאַק) דער שלאָף פון דעם ארבעטער.

(מתוקה שנת העובד. — קהלת ה).

---

1) מ'באַנוצט עס ווען מ'וויל זאָגן: ער דאַרף זיך ניט ארויסווייזן, אַז ער איז אַ שניידער.

2) איך גיב עס אין דעם זין ווי די וועלט באַנוצט עס אַלס אַ גלייכ-וואָרט.

50) א מענש זאָל ניט לערנען זיין קינד זיין א קרעמער, ווייל קרעמעריי איז רויבעריי (מ׳גיסט וואסער אין די ווין און מ׳לייגט שפענדלאך אין די ווייץ).
(לא ילמד אדם את בנו חנווני, שאומנתן אומנות לסטים [מטיל מים ביין וצרורות בחטין, רש״י]. — קידושין פב).

51) האָב ליב די ארבעט און האָב פיינט צו זיין א פּריץ.
(אהב את המלאכה ושנא את הרבנות. — אבות א).

דאָקטאָריע

1) „און היילן זאָל ער אים היילן״ (שמות כא). זאָגט דער תלמוד: אין די דאָזיגע ווערטער איז געגעבן געוואָרן ערלויבעניש צו א דאָקטער צי קורירן א קראנקן.
(ורפא ירפא מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות. — בבא קמא פה).

2) דער בעסטער פון אלע מעדיצינען בין איך — ווין!
(בריש כל אסוון אנא חמר. — בבא בתרא נח).

3) א דאָקטער, וועלכער קורירט פאר גאָרניט, איז עס גאָרניט ווערט.
(אסיא דמגן במגן מגן שוה. — קידושין פב).

4) דער בעסטער פון די דאָקטוירים וועט גיין אין גיהנום.
(טוב שברופאים לגיהנום. — קידושין פב).

5) אז דער דאָקטער איז וייט ווערט די אויג בלינד.
(אסיא רחיקה עינא עווירא. — בבא קמא פה).

6) דו זאָלסט ניט וואוינען אין א שטאָט, וואו דער עלטסטער (מעיר) איז א דאָקטער. (ווייל ער איז פארנומען מער מיט זיינע פּאציענטן ווי מיט די שטאָטישע עסקים).
(אל תדור בעיר דריש מתא אסיא. — פסחים קי״ג).

7) רב האָט געזאָגט צו זיין זון: דו זאָלסט ניט טרינקען קיין מעדיצין, און זאָלסט ניט לאָזן ארויסרייסן דיינע באק-ציינער, [נאָר קוריר זיי].
(אמר לו רב לחייא בריה לא תשתי סמא ולא תעקר ככא. — פסחים קיג).

8) דריי, דארף מען היטן (אז אימיצער זאָל זיי ניט אויס-כאַפּן): אַ קראַנקן, אַ חתן, אַ כלה.

(שלשה צריכין שימור ואלו הן, חולה חתן וכלה. — ברכות נד).

9) דער וואָס פאַרלענגערט (פאַרווײַלט לאַנג) ביי זיין טיש, פאַרלענגערט מען אים זיינע יאָרן.

(המאריך על שולחנו מאריכין לו ימיו. — ברכות נד).

10) אספאַראַגוס איז גוט פאַר די האַרץ און גוט פאַר די אויגן, און פאַר דעם מאָגן געווים.

(אספרגוס יפה ללב וטוב לעינים וכל שכן לבני מעיים. — ברכות נ).

11) איין איי אַ ווייך געקאָכטע איז בעסער ווי זעקס האַרטע אייער.

(טבא ביעתא מגלגלתא משיתא מטויתא. — ברכות מד).

12) געקאָכטע ספינאַטש, איז גוט פאַר די האַרץ, גוט פאַר די אויגן און פאַר דעם מאָגן געווים.

(תבשיל של תרדין יפה ללב וטוב לעינים וכל שכן לבני מעיים. — ברכות לט).

13) און איר זאָלט אָפּהיטן אייערע קערפּערס.

(ונשמרתם לנפשותיכם. — דברים ד).

14) דער וואָס טרינקט אַ סך וואַסער אין זיין עסן וועט ניט וויסן פון מאָגן-קראַנקהייט.

(המקפה אכילתו במים אינו בא לידי חולי מעיים. — ברכות מ).

15) די פאָלגענדיגע שפייז איז גוט פאַר אַ קראַנקן, ווען ער נעמט זיך בעסערן: קרויט, ספינאַטש, האָניג.

(אלו דברים מרפאים את החולה מחליו ואלו הן, כרוב ותרדין ודבש. — ברכות מד).

16) אז מ'קושט אימעצן, זאָל מען קושן נאָר אויף דער האַנט.

(כשנושקין אין נושקין אלא על גב היד. — ברכות ח).

17) דריי זאַכן שוואַכן אָפּ אַ מענשנ'ס כח: אַ שרעק, אַ וועג (אַ נסיעה), זינד.

(ג' דברים מכחישים כחו של אדם, פחד דרך ועון. — גיטין סט).

18) פון רבי'ס און אנטונינוס'עס טיש איז קיינמאָל ניט אַרונטער

קיין קליינע רעטעכלאך, סאלאטע און זיסע אוגערקעס, סיי זומער און סיי ווינטער.

(לא פסק משולחנם של רבי ואנטונינוס לא צנון ולא חזרת ולא קשואין לא בימות החמה ולא בימות הגשמים. — ברכות נז).

19) אלע קראנקהייטן — אָבער ניט קיין מאָגן־קראנקהייט; אלע ווייטיגן — אָבער ניט קיין הארץ־ווייטיג.

(כל חולי ולא חולי מעיים, כל מכאוב ולא כאב לב. — שבת יא).

20) שלמה האָט איינגעפירט צו וואשן די הענט פארן עסן.

(שלמה תיקן נטילת ידים. — שבת יד).

21) מ׳מעג אָנוואָרעמען א האנטוך אפילו אום שבת און צוּ־לייגן צום בויך ווען ער טוט וויי.

(מיחם אדם אלונטית ומניחה על בני מעיים בשבת. — שבת מ).

22) דריי ווערן אלץ שטארקער וואָס עלטער זיי ווערן: א פיש, א שלאנג, א חזיר.

(ג׳ כל זמן שמזקינין מוסיפין גבורה ואלו הן, דג נחש וחזיר. — שבת עז).

23) די פאָלגענדיגע זאכן ברענגען נענטער צום טויט: עסן, און זיך באלד אויפשטעלן; טרינקען, און זיך באלד אויפשטעלן; שלאָפן, און זיך באלד (פלוצלינג) אויפשטעלן.

(אלו דברים קרובין למיתה, אכל ועמד, שתה ועמד, ישן ועמד. — שבת קכט).

24) די פאָלגענדיגע זאכן מאכן א קראנקן (וואָס האלט שוין ביי געזונט ווערן) צוריק קראנק: רינדערנע פלייש, פעטע פלייש, געבראָטענע פלייש, פלייש פון פויגלען, הארטע אייער, ניס.

(אלו דברים המחזירין את החולה לחליו ואלו הן, האוכל בשר השור, בשר שמן, בשר צלי, בשר צפרים וביצה צלויה ואף אגוזים. — ברכות נז).

25) זאָלסט ניט זיצן קיין סך, ווייל זיצן א סך ברענגט צו מערידן; זאָלסט ניט שטיין קיין סך, ווייל שטיין א סך איז ניט גוט פאר די הארץ.

(אל תרבה בישיבה שישיבה קשה לתחתוניות ואל תרבה בעמידה שעמידה קשה ללב. — כתובות קי).

26) אין א שטאָט וואו עס איז ניטאָ קיין גרינס, טאָר א קלוגער מענש ניט וואוינען.

(עיר שאין בה ירק אין חכם רשאי לדור בה. — עירובין נה).

27) מ'רעדט ניט ווען מ'עסט.
(אין מסיחין בסעודה. — תענית ה).

28) אז אימעצער ניסט אין מיטן דיין עסן, טאָרסטו אים דאַן ניט זאָגן „צו געזונט", ווייל דאָס ריידן אין מיטן עסן איז אַ געפאַר פאַרן לעבן.
(אהן דעטיש בגו מיכלא אסור למימר ייס בגין סכנתא דנפשא. — ירושלמי ברכות פ"ו).

29) וויין פאַרגרעסערט דעם אַפּעטיט.
(חמרא מיגרר גריר. — פסחים קז).

30) דאָס עסן ברענגט שלאָף.
(המאכל מביא את השינה. — יומא יד) .

31) אַז דו ביזט הונגעריג — עס; אַז דו ביזט דאָרשטיג — טרינק; אַז דו ביזט אַן אויפגעקאָכטער 1) — גיס בעסער אוים דעם טעפל און עס ניט.
(דכפנת אכול דצחית שתי דרתחת קדרך שפוך. — ברכות סב).

32) שמואל האָט געזאָגט: פאַר יעדע זאַך וואָס קען קראַנק מאַכן, ווייס איך אַ מעדיצין, אויסער פאַר די פאָלגענדיגע צוויי זאַכן: ווען אַ מענש זאָל עסן אַ ביטערן טייטל, אויף אַ ניכטערע האַרץ; ווען אַ מענש זאָל אָפּעסן און זיך ניט דורכגיין דערנאָך אַמווייניגסטן פיר איילן, נאָר זיך לייגן באַלד שלאָפן.
(אמר שמואל כל מילי ידענא אסותייהו לבר מהני, מאן דאכיל אחינא מרירא אליבא ריקנא ומאן דאכיל ולא מסגי ארבעה גרמידי. — ב"מ קיג).

33) אַ שטאַרקער שרעק — וויין וועט עס אַרויסנעמען (אָפּ-שוואַכן); אַ שטאַרקער וויין — שלאָף וועט עס אויסוועפּן.
(פחד קשה יין מפיגו, יין קשה שינה מפכחתו. — בבא בתרא י).

34) פיל וויין טויג ניט פאַרן קערפּער, אַ ביסעלע איז גוט.
(יין רובן קשה ומיעוטן יפה. — ד"א פ"ז).

---

1) ווען מ'וויל זאָגן אין אידיש אויף אימיצן, אַז ער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס, זאָגט מען, אַז ער איז געוואָרן „אַן אויפגעקאָכטער"; דעריבער באַנוצט זיך די גמרא מיט דעם דאָזיגן גלייכוואָרט, אין דעם זין וועלכן איך גיב, אפילו ווען די באַדייטונג אין תלמוד איז גאָר אַן אַנדערע.

35) פרישער וויין איז ניט גוט פאַר די גערערים; עלטערער וויין איז גוט.

(יין חדש קשה לבני מעיים, מיושן יפה לבני מעיים. — ברכות נא).

36) דאָס רוב קראַנקע ווערן געזונט.

(רוב חולין לחיים. — קידושין עא).

37) די מערסטע וואָס גוססן שטאַרבן.

(רוב גוססין למיתה. — שבועות לז).

38) ניט די פלייש פון אַ טויטן, פילט דעם שניט פון מעסער.

(אין בשר המת מרגיש באיזמל. — שבת יג).

39) מ'באַזוכט ניט די קראַנקע וואָס ליידן אויף מאָגן-קראַנקהייט, אויך ניט די וואָס ליידן פון אויגן-קראַנקהייט, אויך ניט די וואָס ליידן פון אַ מיחוש אין קאָפּ.

(אין מבקרין לא חולי מעיים ולא חולי העין ולא מיחושי הראש. — נדרים מא).

40) אַ מענש זאָל ניט זיין בייז ווען ער עסט.

(אל יהי אדם קפדן בסעודה. — כלה פ״י).

41) דעם וואָס טוט וויי די ציינער, מעג מען אַריינלייגן גיפט אין שלעכטן צאָן אפילו אום שבת.

(כמאן [עביד ר׳ יוחנן לתת סם בשבת בשביל חולי השינים] כר׳ מתיא דאמר החושש בפיו מטילין לו סם בשבת. — יומא פד).

42) מ'דאַרף אונטערזוכן ביי דער נאָז, צו וויסן אויב אַ מענש איז טויט; אַנדערע זאָגן, אַז מ'דאַרף אונטערזוכן די האַרץ.

(עד היכן בודקו עד חוטמו, ויש אומרים עד לבו. — יומא פה).

43) הייבט זיך אויף דער טאָג — הייבט זיך אויף דער קראַנקער. [בייטאָג פילט אַ קראַנקער בעסער].

(אידלי יומא אידלי קצירא. — בבא בתרא טז).

44) אַ טייערער שטיין איז געהאַנגען ביי אברהם אבינו אויפן האַלז, און יעדער קראַנקער וואָס פלעגט אַ קוק טאָן אויף דעם שטיין פלעגט באַלד געזונט ווערן. ווען אברהם איז געשטאָרבן, האָט גאָט אויפגעהאַנגען דעם שטיין אויף דער זון.

(אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו וכל חולה הרואה אותה מיד מתרפא ובשעה שנפטר מן העולם תלאה הקב״ה בגלגל חמה. — בבא בתרא טז).

45) זעכציג לויפערס וועלן לויפן און ניט דעריאָגן דעם מענשן, וועלכער עס גאַנץ פּרי.

(שיתין רהיטי רהוט ולא מטו לגברא דמצפרא כרך. — בבא קמא צב).

46) אונטער דער בעט פון א געלערנטן מענשן געפינט מען נאָר א פּאָר סאַנדאַלן אין זומער און גאַנצע שיך אין די רעגנדיגע טעג; אונטער דער בעט פון אן אומוויסענדן מענשן געפינט מען א גאַנצן מאַגאַזין מיט שמאַטעס.

(מטה של ת"ח אין תחתיה אלא סנדלין בימות החמה ומנעלים בימות הגשמים ושל עם הארץ דומה לאוצר בלום. — בבא בתרא נח).

47) די נאַכט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר אויף צו שלאָפן.

(לא איברי לילה אלא לשינתא. — עירובין סד).

48) ראַטעווען א מענשנ'ס לעבן שטויסט אָפּ אָן א זייט דעם שבת.

(פקוח נפש דוחה את השבת. — שבת קלב).

49) טוט אים וויי דער קאָפּ, זאָל ער זיך זעצן לערנען; טוט אים וויי אין האַלז, זאָל ער זיך זעצן לערנען; טוט אים וויי דער בויך, זאָל ער זיך זעצן לערנען; טוען אים וויי די ביינער, זאָל ער זיך זעצן לערנען — ווייל לערנען תורה איז די בעסטע מעדיצין צו אַלע קראַנקהייטן.

(חש בראשו יעסוק בתורה, חש בגרונו יעסוק בתורה, חש בעצמותיו יעסוק בתורה, כי התורה היא סם חיים לכל גופו. — עירובין נד).

50) אין פינף זאַכן קען מען דערקענען צי א הונט איז משוגע: זיין מויל איז אָן אָפענער, די שפּייעכטס רינט, די אויערן אַרונטער-געלאָזן, דער עק ליגט צווישן זיינע פיס, ער בילט מיט זייער א שוואַכע שטימע.

(ה' דברים נאמרו בכלב שוטה, פיו פתוח ורירו נוטף ואזניו סרוחות וזנבו מונחת לו בין ירכותיו, נובח ואין קולו נשמע. — יומא פג).

51) גרויסע טריט נעמען אוועק ביי א מענשן איין פינף-הונ-דערטל קראַפט פון זיין ראיה.

(פסיעה גסה נוטלת א' מת"ק ממאור עיניו של אדם. — ברכות מג).

52) קליינע פישעלאַך זיינען געזונט פאַרן גאַנצן קערפּער.

(דגים קטנים מפרין ומברין ומרבין את כל גופו של אדם. — ברכות מ).

53) ווען איינער עסט גרינס, הערט זיך ביי אים א ריח פון מויל

פיר שטונדן. (ווייל עס נעמט דעם מאָגן פיר שטונדן, צו איבער־קאָכן עס).
(כל האוכל ירק אסור לספר הימנו קודם ארבע שעות משום ריחא. — ברכות מד).

54) א קליינע פישעלע אַן איינגעזאַלצענע (ניט קיין פרישע, נאָר אזא וואָס מ'האָט שוין לאַנג איינגעזאַלצן) קען אַמאָל אוועק־הרג'ענען א מענטש. נאָר אויב מ'בראָט איר גוט אָפּ שאדט זי ניט.
(דג קטן מליח פעמים שהוא ממית אבל אם מטוי שפיר לית לן בה. — ברכות מד).

55) א מענש טאָר ניט לאָזן מאכן איבער זיך קיין אָפּעראציע, וואָס וועט אים מאכן אומפּייאיג צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט.
(סירוס באדם אסור. — שבת קי).

56) א פרוי איז ברייטער אונטן און שמעלער אויבן, כדי זי זאָל קענען אריינגעמען דאָס קינד.
(אשה רחבה מלמטה וקצרה מלמעלה כדי לקבל את הולד. — שבת יח).

57) אַלץ קומט פון גאָט, נאָר אויב א מענש פארקילט זיך, איז ער אַליין שולדיג.
(הכל בידי שמים חוץ מצנים פחים. — עבודה זרה ד).

58) אז אימעצער ווערט קראַנק זאָל ער עס באַלד דעם ערשטן טאָג ניט באַקאַנט מאַכן, כדי זיין מזל זאָל ניט ווערן נאָך ערגער.
(האי מאן דחליש יומא קמא לא לגלי כי היכי דלא ליתרע מזליה. — ברכות נה).

59) ווען די פרוי זויגט א קינד גיט מען איר אויך וויין, ווייל וויין איז גוט פאַר די מילך.
(אם היתה מניקה מוסיפין לה יין שהיין יפה לחלב. — כתובות סה).

60) עס איז ניט גוט פאַר א וואונד דאָס קראַצן.
(קשה לתיוורא לחינכא. — גיטין סט).

61) גאָט שפּייזט דעם קראַנקן.
(הקב"ה זן את החולה. — נדרים לט).

62) א מענש זאָל עסן פלייש נאָר פארנאַכט.
(לא יאכל אדם בשר אלא בלילה. — יומא עה).

63) עס איז ניט אין דער נאַטור פון מענשן זיך צו קורירן, נאָר מ'האָט עס איינגעפירט.
(אין דרכן של בני אדם לרפאות אלא שנהגו. — ברכות ס).

64) דו זאָלסט ניט הייראַטן קיין אַלטע פרוי, ווייל אַן אַלטע פרוי שוואַכט אָפּ דעם מאַן אפילו ווען ער איז יונג; אַ מיידל קרעפ־טיגט דעם מאַן.

(אל תשא זקנה מפני שזקנה מתשת כחו של אדם אף על פי שאתה בחור; ובתולה תוספת גבורה באדם. — בן סירא).

65) אַ מאָלצייט אָן אַ געקעכטס (זופּ) איז ניט קיין מאָלצייט.

(כל סעודה שאין בה שרף אינה סעודה. — ברכות מד).

66) קרויט פאַר שפייז, ספּינאַטש פאַרן געזונט; ווי איז צו דעם מאָגן, דורך וועלכן עס דאַרף דורכגיין פעלד־רעטאַך.

(כרוב למזון ותרדין לרפואה ואוי לו לבית (כרס) שהלפת עוברת בתוכו. — ברכות מד).

67) דער וואָס עסט אָפט קימל, וועט ניט וויסן פון האַרץ־קראַנקהייט.

(חרגיל בקצח אינו בא לידי כאב לב. — ברכות מ).

68) די פאָלגענדיגע אכט זאַכן, צופיל — טויגן זיי ניט, אַ בי־סעלע — זיינען זיי גוט: שפּאַצירן, געשלעכט־פאַרקער, עשירות (געלט), אַרבעט, טרינקען וויין, טרינקען הייסע אָדער זיך וואַשן מיט גאַנץ הייסע וואַסער, שלאָף, אָפּציען בלוט פון קערפּער (אַלס אַ רפואה).

(שמונה רובן קשה ומיעוטן יפה ואלו הן: דרך, דרך ארץ (תשמיש), עושר, מלאכה, יין, שינה, חמין והקזת דם. — גיטין ע).

69) דער וואָס עסט איין מאָל אין דרייסיג טעג זענעפט וועט אויסמיידן אַ סך קראַנקהייטן; אָבער מ׳זאָל עס ניט עסן יעדן טאָג, ווייל עס שוואַכט אָפּ די האַרץ.

(הרגיל בחרדל אחת לשלשים יום מונע חלאים מתוך ביתו אבל כל יומא לא משום דקשה לחולשה דליבא. — ברכות מ).

70) געלערנטע מענשן ליידן כמעט שטענדיג פון עפּעס אַ קראַנק־הייט. (ווייל זיי זיינען פאַרנומען צופיל אין זייער לערנען, און היטן ניט אָפּ זייער געזונט).

(מאן חולין רבנן. — נדרים מט).

71) עזרא האָט איינגעפירט, אַז ניט נאָר קראַנקע, נאָר אויך געזונטע זאָלן זיך טובל זיין.

(עזרא תיקן טבילה לבריא. — ברכות כב).

72) יעקב האָט איינגעפירט, אז מ'זאָל נעמען א באָד.
(ויחן את פני העיר, מרחצאות תיקן להם. — שבת לג).

73) אין א שטאָט, וואו עס איז ניטאָ קיין דאָקטער, טאָר א געלערנטער מענש ניט וואוינען.
(כל עיר שאין בה רופא אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה. — סנהדרין יז).

74) ניט פרעג דעם רופא, פרעג דעם חולה.
(אל תשאל את הרופא, שאל את החולה. — יומא פג).

פרויען און מענער

1) א פרוי ווערט געאכט צווישן מענער, אָבער ניט צווישן פרויען.
(אשה חשובה בין אנשים ואינה חשובה בין הנשים. — עבודה זרה כח).

2) א פרוי האָט א גרויסן יצר הרע צו צירונג.
(אשה משתוקקת לתכשיטין. — כתובות סה).

3) פרויען זיינען גוטהארציגע.
(נשים רחמניות הן. — מגילה יד).

4) פרויען זיינען א פאָלק פאר זיך.
(נשים עם בפני עצמן הן. — שבת סב).

5) א רעכטן מאן האָב איך איינעם פון טויזנט געפונען, א רעכטע פרוי האָב איך אין די אַלע ניט געפונען.
(אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי. — קהלת ז).

6) פרויען זיינען לייכטזיניגע.
(נשים דעתן קלה עליהן. — שבת לג).

7) פרויען ריידן א סך.
(נשים דברניות הן. — ברכות מח).

8) פרויען ווילן אַלץ וויסן.
(נשים מבקשות לידע הכל. — ילקוט אסתר).

9) א פרוי איז גרינג אויף טרערן.
(אשה דמעתה מצויה. — בבא מציעא נט).

10) צען מאָס רייד זיינען אַרונטער אויף דער ערד, ניין מאָס האָבן צוגענומען די פרויען און איין מאָס — די גאַנצע איבעריגע וועלט.

(עשרה קבין שיחה ירדו לעולם תשעה נטלו נשים ואחד כל העולם כולו. — קידושין מט).

11) אַ בריה אַ ווייבל איז שווער צו געפינען.

(אשת חיל מי ימצא. — משלי לא).

12) אַ פרוי קוקט קרום אויף געסט.

(אשה צרה עיניה באורחים. — בבא מציעא פז).

13) די פרויען אין מחוזא ווילן עסן אָבער ניט אַרבעטן.

(נשי דמחוזא דאכלן ולא עבדן. — שבת לג).

14) אַ פרוי וועט אָפדעקן דעם טעפּל צו וויסן וואָס איר פריינדינע קאָכט.

(אשה מגלת את הקדירה לידע מה חברתה מבשלת. — תוספתא טהרות פ"ח).

15) אַ פרוי איז שיין ווען זי איז פיין.

(אשה נאה במעשים. — שבת כה).

16) אידישע טעכטער זיינען שיינע.

(בנות ישראל נאות הן. — נדרים פא).

17) אַ חן'עוודיגע פרוי האָט אַ סך פאַרערער.

(אשת חן תתמך כבוד. — משלי יא).

18) איז ניט גוט געווען דעם ערשטן מאַן? מ'האָט פון אים צוגענומען נאָר איין ריפּ און מ'האָט אים אָפּגעגעבן דערפאַר אַ דינסט אויף צו באַדינען אים.

(ולא יפה היה לו לאדם הראשון שנטלו ממנו צלע אחת ונתנו לו שפחה לשמשו. — סנהדרין לט).

19) ווי אַ גאָלדענער רינג פאַסט זיך אויף דער נאָז פון אַ חזיר — אַזוי פאַסט זיך אַ שיינער פנים אויף אַ פרוי, וועלכער עס פעלט געשמאַק.

(נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם. — משלי יב).

20) דו זאָלסט ניט שמועסן לאַנג מיט אַ פרוי.

(אל תרבה שיחה עם האשה. — עירובין נג).

21) אַ פרוי קען ריידן מיט דיר און איר געדאַנק איז גאָר פאַר-

נומען מיט דעם שפינדל (הויז־ארבעט).

(אתתא בהדי שותא פילכא. — מגילה יד).

22) די גאַנצע חכמה פון אַ פרוי איז נאָר אין שפּינדל.

(אין חכמה לאשה אלא בפלך. — יומא סו).

23) אַ פרוי איז נאָר אויף צו האָבן קינדער.

(אין אשה אלא לבנים. — כתובות נט).

24) ווי איז צו די עלטערן וואָס האָבן מיידלאך.

(אוי לו למי שבניו נקבות. — פסחים סח).

25) יעדער וואָס לערנט זיין טאָכטער תורה צולאָזט ער איר נאָר מיט דעם.

(כל המלמד את בתו תורה מלמדה תיפלות. — סוטה כא).

26) אַ פרוי איז צופרידענער מיט אַן אָרעמען לעבן, אַבי דער מאַן זאָל שטענדיג זיך געפינען לעבן איר און פּיעשטשען איר, איידער מיט אַ רייכן לעבן און דער מאַן זאָל זיין ווייט אוועק פון איר.

(רוצה אשה בקב ותיפלות עמו מתשעה קבים ופרישות. — סוטה כ).

27) ווען איינעמס ווייב געוועלטיגט איבער אים איז זיין לעבן קיין לעבן ניט.

(אשתו מושלת עליו חייו אינם חיים. — ביצה לב).

28) זאָלסט בעסער נאָכגיין אַ לייב איידער נאָכגיין אַ פרוי [1].

(אחרי ארי ולא אחרי אשה. — עירובין יח).

29) אַ פרוי גאַרטלט זיך אונטער מיט אַ פאַרטוך צוליב צניעות (באַשיידנקייט).

(אשה חוגרת בסינר מפני צניעותא. — בבא קמא פב).

30) אַ מיידל פון צוועלף יאָר פאַרשטייט מער דעם לעבן ווי אַ אינגל פון צוועלף יאָר.

(תינוקת ממהרת להתחכם יותר מן תינוק. — נדה מה).

31) אויסגעלאַסענע פרויען פוצן איינע די אַנדערע.

(זונות מפרכסות זו את זו. — שבת לד).

32) אַ זעכציג יאָריגע, ווי אַ זעקס יאָריגע — ווי זי דערהערט

---

1) ווייל נאָכגייענדיג אַ פרוי קענען אריינקומען דעם מאַן שלעכטע געדאַנקען אין קאָפּ.

כלי-זמר, לויפט זי טאנצן.

(בת שיתין כבת שית לקל טבלא רהטא. — מועד קטן ט).

33) געוויסע רבנים האָבן געזאָגט: דאָס איז דער שטייגער ווי א פרוי פוצט זיך: זי שמינקעוועט די אויגן, זי טיילט פאַרנאַנדער די האָר און צולייגט זיי איבער די אקסלען, זי באשמירט איר פנים מיט פארב. האָט רב הונא געזאָגט: „נאָר די יונגע טוען אזוי, אָבער ניט די אלטע". האָט דאן צו אים רב חסדא געזאָגט: „אפילו דיין מאמע טוט עס אויך, און אפילו דיין באָבע, און אפילו די אלטינקע וואָס שטייט שוין ביי דעם קבר".

(תנו רבנן אלו הן תכשיטי נשים: כוחלת ופוקסת ומעבירה סרק על פניה. אמר רב הונא לא שנו אלא ילדה אבל זקנה לא. אמר לו רב חסדא אפילו אמך ואפילו אמא דאמך ואפילו עומדת על קברה. — מועד קטן ט).

34) שמשון האָט געזאָגט צו די פלשתים: „ווען איר וואָלט ניט געאַקערט מיט מיין קאַלב וואָלט איר ניט געטראָפן מיין רעטעניש".

(לולי חרשתם בעגלתי לא מצאתם חידתי. — שופטים יד).

35) א פרוי איז נאָר פאַר צירונג.

(אין אשה אלא לתכשיטין. — כתובות נט).

36) פרויען, אז זיי קריגן זיך, וואַרפן זיי אויף איינע די אַנדערע מיט אויסגעלאַסנקייט.

(נשי כי מנצו בעריות היא דמנצי. — קידושין עו).

37) א פרוי איז זיך מתקנא נאָר אָן איר פריינדינע.

(אין אשה מתקנא אלא בירך חברתה. — מגילה יב).

38) ארונטערגעלאָזן דעם קאָפּ גייט די גאַנז און אירע אויגן שוועבן אין די הימלען.

(שפיל ואזיל בר אווזא ועיניה מטייפי. — מגילה יד).

39) יעדערער וואָס האָט נאָר ווייבער פאַר קונדן אין זיין געשעפט, וועט אראָפּ פון גלייכן וועג.

(כל שעסקיו עם הנשים סורו רע. — קידושין פב).

40) אז דאָס ערשטע קינד איז א טאָכטער איז עס גוט פאַר איינגלאַך וואָס וועלן שפּעטער געבאָרן ווערן, ווייל זי וועט דאָך העלפן האָדעווען אירע ברידערלאַך.

(בת תחילה סימן יפה לבנים דמרביא לאחהא. — בבא בתרא קמא).

41) רב חסדא האָט געזאָגט: „ביי מיר, זיינען טעכטער בעסער

ווי זיין".

(רב חסדא אמר לדידי בנתן עדיפא לי מבני. — בבא בתרא קמא).

42) א פרוי טראָגט שטענדיג אירע געווער אויף זיך.

(אשה כלי זיינה עליה. — יבמות קטו).

43) פאַרמערט ער דינסטן, פאַרמערט ער אויסגעלאַסנקייט.

(מרבה שפחות מרבה זימה. — אבות פ"ב).

44) א פרוי שטעלט דעם מאַן אויף די פיס.

(אשה מעמידתו על רגליו. — יבמות סג).

45) א פרוי וועט אפילו לאָזן איר קינד אויסגיין פון הונגער און ניט מאָנען דורך געזעץ וואָס איר קומט אויף א לעבן צו מאכן, ווייל זי שעמט זיך צו גיין זיך משפטן.

(אשה בושה לבא לבית דין והורגת את בנה. — יבמות מב).

46) וואויל איז צו די עלטערן וואָס האָבן זין.

(אשרי לו למי שבניו זכרים. — פסחים סה).

47) אין דעם פאַל פון א מאַן, וועלכן ווייבער האָבן געקענט דער'הרג'ענען, איז ניטאָ קיין געזעץ און קיין דיינים, וואָס זאָלן פאַר-משפט'ן די מערדער.

(גברא דנשי קטלוהו לא דינא ולא דיינא. — בבא מציעא צז).

48) מ'טאָר ניט קוקן אויף ווייבער ווען זיי שטייען ביים וואשן וועש.

(אין מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה. — בבא בתרא נז).

49) גליק געפינט זיך ביי א מענשן אין הויז נאָר צוליב זיין ווייב.

(אין הברכה מצויה בביתו של אדם אלא בשביל אשתו. — בבא מציעא נט).

50) „איך בין אַן אויפזעער אין א פריזאָן (טורמע) און איך האַלט די מענער באַזונדער און די פרויען באַזונדער".

(זנדוקנא אנא ואסירנא גברי לחוד ונשי לחוד. — תענית כב).

51) פאַרוואָס זיינען די געזיכטס-ציגן ביי יעדן מענשן פאַר-שיידן? — כדי א מאַן זאָל זעענדיג א שיינע פרוי ניט זאָגן „זי איז מיינע".

(מפני מה אין פרצופיהן דומין זה לזה כדי שלא יראה אדם אשה נאה ויאמר שלי היא. — סנהדרין לח).

52) דעם אויסגעלאסענעם מאן פעלט א הארץ.
(נואף אשה חסר לב 2). — משלי ו).

53) א זיסע פרויען־שטימע ברענגט א מאן צו אוממאראלישע געדאנקען.
(קול באשה ערוה. — קידושין ע).

54) דוד איז ארויסגעקומען פון רות המואביה און האט גע־שלאגן די לאנד מואב. אט דאס וואס מענשן זאגן: „דער וואלד אליין באזארגט א הענטל פאר די האק".
(היינו דאמרי אינשי מיניה וביה אבא ליזיל ביה נרגא. — סנהדרין לט).

55) א מאן דארף מאכן דריי ברכות יעדן טאג: א דאנק גאט וואס ער האט מיר באשאפן א איד; א דאנק גאט וואס ער האט מיר ניט באשאפן א פרוי; א דאנק גאט וואס ער האט מיר ניט באשאפן א גראביאן.
(חייב אדם לברך ג' ברכות בכל יום ואלו הן: שעשני ישראל, שלא עשני אשה, שלא עשני בור. — מנחות מג).

56) דריי, זיינען זעלטענע מענשן ביי גאט: א בחור, וועלכער וואוינט אין א גרויסער שטאט און זינדיגט ניט; אן ארעמאן, וועלכער האט עפעס געפונען און גיט עס אפ צוריק דעם אייגנטימער; א רייכער מאן, וועלכער גיט צדקה און צופויקט עס ניט, אז די גאנצע וועלט זאל וויסן.
(שלשה מכריז עליהן הקב"ה בכל יום: על רווק הדר בכרך ואינו חוטא, על עני המחזיר אבידה לבעליה, על עשיר המעשר פירותיו בצינעה. — פסחים קיג).

57) און איך געפין, אז ביטערער פון טויט איז די פרוי.
(ומוצא אני מר ממות את האשה. — קהלת ז).

58) די תורה האט געמאכט גלייך די פרויען צו די מענער אומע־טום וואו עס האנדלט זיך פון באשטראפן פאר א פארברעכן.
(השוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה. — פסחים מג).

59) די צו־פרומע מיידל, און די אלמנה וואס האלט אין איין לויפן צו די שכנים (כלומר'שט אלס גוטע־פריינט), אויך דער האלב־געבאקענער אינטעליגענט — רואינירן די וועלט. (ווייל זיי זיינען

---

2) פילע איבערזעצן דעם ווארט „לב" — „פארשטאנד".

גאָר פונקט דער היפך פון דעם וואָס זיי ווייזן אויס צו זיין).

(בתולה צלייינית ואלמנה שובבית וקטן שלא הגיעו לו חדשיו הרי אלו מבלי עולם. — סוטה כב).

60) „און גאָט האָט געבענשט אברהם'ען מיט אַלץ" (בראשית כה) — וואָס הייסט „מיט אַלץ"? — זאָגט רבי מאיר: „אברהם איז געווען אַ געבענשטער מיט אַלץ, מיט דעם וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין טאָכטער". ר' יהודה זאָגט: „אברהם איז געווען אַ געבענשטער מיט אַלץ, מיט דעם וואָס ער האָט געהאַט אויך אַ טאָכטער".

(וד' ברך את אברהם בכל, מאי בכל, ר' מאיר אומר שלא היתה לו בת, ר' יהודה אומר שהיתה לו בת. — בבא בתרא טז).

עסן און טרינקען

1) **אַז דו ביזט הונגעריג** — עס; אַז דו ביזט דאָרשטיג — טרינק; אַז דו ביזט „אַן אויפגעקאָכטער" 1) — גיס בעסער אויס דיין טעפּל און עס ניט.

(דכפנת אכול, דצחית שתי, דרתחת קדרך שפוך. — ברכות סב).

2) **אַז אימעצער ניסט אין מיטן דיין עסן**, טאָרסטו אים דאַן ניט זאָגן „צו געזונט", וויל דאָס ריידן אין מיטן עסן איז אַ געפאַר פאַרן לעבן.

(אהן דעטיש בגו מיכלא אסור למימר ייס בגין סכנתא דנפשא. — ירושלמי ברכות פ"ו).

3) **ווייַן פאַרגרעסערט דעם אַפּעטיט.**

(חמרא מיגרר גריר. — פסחים קז).

4) **אין אַ שטאָט וואו עס איז ניטאָ קיין גרינס**, טאָר אַ קלוגער מענש ניט וואוינען.

(עיר שאין בה ירק אין חכם רשאי לדור בה. — עירובין נח).

5) **עס איז ניט גלייך דאָס פאַסטן ביי דעם וואָס האָט ברויט**

---

1) זע אַנמערקונג 1 אין קאַפּיטל „דאָקטאָריע".

אין זיין קערבל, ווי ביי דעם וואָס האָט ניט קיין ברויט אין זיין קערבל.

(אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו. — כתובות סב).

6) עס איז אריינגעגאנגען דער וויין איז ארויס דער סוד. [גלייכוואָרט: וואָס ביי א ניכטערן אויפן לונג — איז ביי א שיכור'ן אויפן צונג].

(נכנס יין יצא סוד. — עירובין סה).

7) בעסער א טרוקענע שטיקל ברויט מיט פרידן, איידער א פולע הויז מיט פלייש און קריג דערמיט.

(טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב. — משלי יז).

8) א מענש דארף זיך ניט מטריח זיין פאר קיינעם, ווען ער האלט אין עסן 2).

(אין אדם טורח בסעודה. — קידושין מה).

9) די וויין געהערט צו דעם בעל-הבית, און דעם דאנק גיט מען דעם משרת.

(חמרא למריה וטיבותא לשקייה. — בבא קמא צב).

10) דאָס עסן ברענגט דעם שלאָף.

(המאכל מביא את השינה. — יומא יח).

11) ווער עס איז אליין א גאסט און ער ברענגט צו זיך נאָך אימעצן פאר א גאסט איז א גאָרנישט 3).

(וקל מסובין וכו' אורח מכניס אורח. — בבא בתרא צח).

12) דער וואָס עסט אין מארק איז גלייך צו א הונט.

(האוכל בשוק דומה לכלב. — קידושין מא).

13) עס איז גרעסער (וויכטיגער) אויפצונעמען אורחים ווי אויפ-צונעמען גאָט אליין.

(גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה. — שבת קכז).

14) שלמה האָט איינגעפירט דאָס וואשן די הענט פאַרן עסן.

(שלמה תיקן נטילת ידים. — עירובין כא).

---

2) די וועלט באַנוצט זיך מיט דעם דאָזיגן גלייכוואָרט אין דעם זין וועלכן איך גיב, אפילו ווען די באַדייטונג אין תלמוד איז גאָר אַן אַנדערע.

3) פון דעם האָט זיך גענומען דער גלייכוואָרט: אין אורח מכניס אורח.

15) מ'רעדט ניט — ווען מ'עסט.
(אין מסיחין בסעודה. — תענית ה).

16) א מענש קען דורכלעבן מיט ברויט אליין.
(עושה אדם כל צרכו בפת. — שבת נא).

17) עס איז ניט קיין שמחה אָן עסן און טרינקען.
(אין שמחה בלא אכילה ושתיה. — מועד קטן ט).

18) דער וואָס פאַרלענגערט (פאַרווײַלט לאַנג) ביי זיין טיש, פאַרלענגערט מען אים זיינע יאָרן.
(המאריך על שולחנו מאריכין לו ימיו. — ברכות ג).

19) צוליב א שטיקל ברויט זינדיגט דער מענש.
(על פת לחם יפשע גבר. — משלי כח).

20) פיר לעבלאַך ברויט פאַר דעם אָרעמען שוסטער און פיר לעבלאַך ברויט פאַר דעם רייכן שוסטער. [דער רייכער עסט ניט מער ווי דער אָרעמער].
(ארבעה לצלא וארבעה לצללא. — בבא בתרא ה).

21) א שטאַרקער שרעק — וויין ווערט עס אָפּשוואַכן; א שטאַרקער וויין — שלאָף וועט עס אויסוועפּן.
(פחד קשה יין מפיגו, יין קשה שינה מפכחתו. — בבא בתרא י).

22) פאַר א געשמאַקן מאכל איז שטענדיג דאָ אָן אָרט אין מאָגן.
(רווחא לבסימא שכיח. — מגילה כז).

23) א מענש זאָל ניט זיין בייז ווען ער עסט.
(אל יהי אדם קפדן בסעודה. — כלה פ"י).

24) ביי דעם וואָס טוט אריין זיינע אויגן אין דעם בעכער פון וויין, קוקט אויס די גאַנצע וועלט ווי איין גלייכער פלאַץ. [ביי דעם וואָס לאָזט זיך אריין אין טרינקען, ווערט רעכט יענעמס געלט ווי זיינע].
(כל הנותן עיניו בכוסו כל העולם כולו דומה עליו כמישור. — יומא עה).

25) די טויב האָט געזאָגט צו גאָט: „זאָל בעסער מיין שפּייז זיין אזוי ביטער ווי דער אוילבערט, אָבער עס זאָל ליגן אין דיין האַנט, איידער זי זאָל זיין זיס ווי האָניג און ליגן אין דער האַנט פון א מענשן.
(אמרה יונה לפני הקב"ה יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם. — סנהדרין קח).

26) געגנב׳עטער וואסער איז זיס.
(מים גנובים ימתקו. — משלי ט).

27) ווארף דיין ברויט אויפ׳ן וואסער, ווייל אין פארלויף פון דער צייט וועסטו עס צוריק געפינען. [גלייכוואָרט: ווארף אמאָל ארויס א שטיקל ברויט — עס וועט דיר צוניץ קומען].
(שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו. — קהלת יא).

28) א מענש טרינקט ניט מיט א בעכער וואו ער אונטערזוכט ניט פריער צי ער האָט ניט קיין פּגימה.
(אין אדם שותה בכוס אלא אם כן בודקו. — כתובות עה).

29) דער וואָס לעבט פון זיין הארעוואַניע איז א גרעסערער מענש ביי גאָט ווי דער פרומער.
(גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים. — ברכות ח).

30) ווער עס האָט ניט אָנגעגרייט פרייטיג וועט ניט האָבען וואָס צו עסן שבת.
(מי שלא טרח בערב שבת מהיכן יאכל בשבת. — עבודה זרה ג).

31) אז דו ביזט א גאסט, אלץ וואָס דער בעל-הבית זאָגט דיר זאָלסטו טאָן (ערשט דעמאָלט, ווען ער זאָגט דיר) — אויסער אוועק-צוגיין (זאָלסטו ניט ווארטן ביז ער וועט דיר זאָגן) 4).
(כל מה שאומר לך בעל הבית עשה חוץ מצא. — פסחים פו).

32) אז ער בלאָזט אָפּ די שוים פון דער גלאָז ביר איז ער ניט דאָרשטיג.
(דנפח בכסיה לא צחי. — סנהדרין ק).

33) עס ציבעלע און זיץ אין הויז.
(אכול בצל ושב בצל 5). — פסחים קיד).

34) מ׳דארף זיך נאָכפרעגן (אונטערזוכן צי ער נויטיגט זיך ווירקליך אין דעם) ווען איינער בעט א קלייד, אָבער ניט ווען איינער בעט ברויט.
(בודקים לכסות ואין בודקים למזונות. — בבא בתרא ט).

---

4) איך גיב עס אין דעם זין ווי די וועלט באַנוצט עס אַלס א גלייכוואָרט.

5) די באַדייטונג אין תלמוד איז גאָר פאָלגענדיגע: „לעב אויסגערעכענט, וועסטו קענען איינזיצן אין דיין אייגענער היים“, דאָך גיב איך אויך דעם זין, ווי די וועלט באַנוצט עס אַלס אַ גלייכוואָרט צו די וואָס האָבן זיך אָנגעגעסן מיט ציבעלע און ווילן גיין ערגעץ צו גאַסט.

35) אַלטער וויין איז ביי אַן אַלטן מאַן טייערער פון אַלץ אין דער וועלט.

(יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו. — מגילה טז).

36) דו זאָלסט ניט זיין פון די וואָס זויפן וויין און פרעסן פלייש.

(אל תהי בסובאי יין ובזוללי בשר. — משלי כג).

37) וויין מאַכט פריילעכער דאָס לעבן.

(ויין ישמח חיים. — קהלת י).

38) אַ מענש זאָל ניט אויסטרינקען אַ גאַנצן בעכער מיט איין זופּ; אויב ער טרינקט עס אויס מיט איין זופּ איז ער אַ זויפער.

(לא ישתה אדם כוסו בבת אחת ואם שתה הרי זה גרגרן. — ביצה כה).

39) אַ מענש זאָל ניט טרינקען איין בעכער און וואַרפן די אויגן אויף אַן אַנדער בעכער.

(אל ישתה אדם בכוס זה ויתן עיניו בכוס אחר. — נדרים כא).

40) זאָלסט ניט קוקן אויפן קרוג, נאָר אויף דאָס וואָס איז אין קרוג.

(אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו. — אבות פ"ד).

41) שמואל האָט געזאָגט: „צו יעדער זאַך וואָס קען קראַנק מאַכן ווייס איך אַ מעדיצין, אויסער צו די דאָזיגע: ווער עס עסט אַ ביטערן טייטל אויף אַ ניכטערע האַרץ; ווער עס עסט אָפּ אַ מאַלצייט און גייט זיך ניט דורך אַמווייניגסטן פיר איילן, נאָר לייגט זיך באַלד שלאָפן.

(אמר שמואל כל מילי ידענא אסותייהו לבר מהני: מאן דאכיל אהינא מרירא אליבא ריקנא ומאן דאכיל נהמא ולא מסגי ארבעה גרמידי. — בבא מציעא קז).

42) זעכציג לויפערס וועלן לויפן און ניט קענען דעריאָגן דעם מענשן וואָס עסט גאַנץ פרי.

(שיתין רהיטי רהוט ולא מטו לגברא דמצפרא כרך. — ב"מ קז).

43) דער וואָס קען עסן גערשטענע ברויט, און ער האָט געגעסן ווייצענע ברויט איז אַ פאַרברעכער. (ווייל ער פאַרדאַרבט אַ זאַך, וואָס ער האָט זיך געקענט באַגיין אָן דעם). אויך דער וואָס קען טרינקען ביר און האָט געטרונקען וויין, איז אַ פאַרברעכער.

(האי מאן דאפשר ליה למיכל נהמא דשערי ואכל נהמא דחטי קעבר משום בל תשחית, ומאן דאפשר ליה למישתי שיכרא ושתי חמרא עובר משום בַל תַשְׁחִית. — שבת קמ).

44) טרינק וואסער פון דיין אייגענעם ברונעם.
(שתה מים מבורך. — משלי ה).

45) מ׳מעג זיך לאָזן לאנג בעטן צו א קלענערן מענשן פון זיך, אָבער מ׳דארף זיך ניט לאָזן לאנג בעטן צו א גרעסערן מענשן פון זיך.
(מסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול. — פסחים פו).

46) זאָלסט ניט עסן קיין ברויט ביי דעם ניט-פארגינער.
(אל תלחם לחם את רע עין. — משלי כג).

47) איין הויפן קען ניט זאט מאכן א לייב.
(אין הקומץ משביע את הארי. — ברכות ג).

48) אין א ברונעם, פון וועלכן דו האָסט געטרונקען וואסער, זאָלסטו ניט ווארפן קיין שמוץ.
(בירא דשתית מיניה מיא לא תשדי ביה קלא. — בבא קמא צב).

49) צו זינגען — דארף מען וויין.
(אין אומרים שירה אלא על היין. — ערכין יא).

50) ר׳ חנין דער זון פון פפא האָט געזאָגט: דער מענש וואָס אין זיין הויז גיסט זיך ניט קיין וויין ווי וואסער, קען ניט אריינגע-רעכנט ווערן אין די גליקליכע.
(אמר ר׳ חנין בר פפא כל שאין יין נשפך בתוך ביתו כמים אינו בכלל ברכה. — עירובין סד).

51) א סך וויין טויג ניט פארן קערפער, א ביסעלע — איז גוט.
(יין רובן קשה לגוף ומיעוטן יפה. — ד״א פ״ז).

52) אין דעם דור וואָס משיח וועט קומען וועט וויין זיין טייער.
(דור שבן דוד בא היין יהיה ביוקר. — דרך ארץ זוטא פ״י).

53) גיי ארויס און גיב א שמעק וואָס ער האָט דאָרטן אין זיין קריגעלע. [די באדייטונג אין תלמוד איז: ער זאָל ארויסגיין און זיך דורכריידן מיט אים אין לערנען].
(פוק תהי ליה בקנקניה. — בבא בתרא כב).

54) פרישער וויין איז ניט גוט פאר די געדערים, עלטערער וויין איז גוט פאר די געדערים.
(יין חדש קשה לבני מעיים, מיושן יפה לבני מעיים. — ברכות נא).

55) דער בעסטער פון אלע מעדיצינען בין איך וויין!
(בראש כל אסוון אנא חמר. — בבא בתרא נח).

56) ניט יעדער מענש ווערט באגליקט מיט צוויי טישן 6).
(לא כל אדם זוכה לשתי שולחנות. — ברכות ה).

57) רבי מאיר זאגט: עס איז ניטא נאך אזא זאך, וואס זאל ברייננען א „קלאג“ צו א מענשן ווי וויין.
(ר' מאיר אומר אין לך דבר שמביא יללה לאדם אלא יין. — סנהדרין ע).

58) אז דו וועסט קומען אין דיין פריינטס וויינגארטן מעגסטו עסן וויפל דו ווילסט ביז דו ביזט זאט, אבער אין דיינע קעשענעס זאלסטו ניט לייגן.
(כי תבא בכרם רעך ואכלת כנפשך שבעך ואל כליך לא תתן. — דברים כג).

59) די מענשן אין בבל זיינען נארישע — זיי עסן ברויט מיט ברויט.
(בבלאי טפשאי דאכלי נהמא בנהמא. — ביצא טז).

60) וואס א שיכור קויפט איז געקויפט און וואס ער פארקויפט איז פארקויפט.
(שיכור מקחו מקח וממכרו ממכר. — עירובין סה).

61) לאז דעם שיכור צורו — ער וועט אליין אומפאלן.
(שבקיה לרויא דמנפשיה נפיל. — שבת לב).

62) יעדער ווייןֹ, וואס ווערט ניט צומישט מיט א דריטל וואסער, איז ניט קיין ווייןֹ.
(כל חמרא דלא דרי על חד תלת מיא לאו חמרא הוא. —עירובין כט).

63) ווען די פרוי זויגט א קינד גיט מען איר אויך ווייןֹ, ווייל ווייןֹ איז גוט פאר די מילך.
(אם היתה מניקה מוסיפין לה יין שהיין יפה לחלב. — כתובות סה).

64) דעם הונגעריגן מענשן איז יעדע ביטערע זאך זיס; דער זאטער מענש צוטרעט אפילו דאס וואס איז זיס. [גלייכווארט: אז די מויז איז זאט — איז די מעל ביטער].
(נפש רעבה כל מר מתוק ונפש שבעה תבוס נופת. — משלי כז).

65) בעסער א קליינער קירבעס היינט, איידער א גרויסער קירבעס מארגן.
(בוצינא טב מקרא. — תמורה טו).

---

6) מיט רייכקייט און חכמה צוזאמען.

66) די פרוי זאָל אָנפּילן דעם גאַנצן אויוון מיט ברויט, ווייל דער ברויט ווערט בעסער אויסגעבאַקן ווען דער אויוון איז פול.

(ממלאה אשה כל התנור פת מפני שהפת נאפת יפה בזמן שהתנור מלא. — ביצה יז).

67) דריי זאַכן זיינען נעענטערע פריינט צום טויט ווי צום לעבן: גלייך אויפשטיין נאָכן עסן, גלייך אויפשטיין נאָכן טרינקען, אויפשטיין פלוצלינג פון שלאָף.

(ג׳ דברים קרובין למיתה יותר מן החיים: אכל ועמד. שתה ועמד, ישן ועמד. — שבת קכט).

68) אזוי איז דער וועג פון לערנען זיך: ברויט מיט זאַלץ דאַרפסטו עסן, וואַסער מיט אַ מעסטעלע דאַרפסטו טרינקען, אויף דער ערד דאַרפסטו שלאָפן, אַ געערגערטן לעבן דאַרפסטו לעבן, און זיי נאָר אריינגעטאָן אין לערנען. אויב דו וועסט אזוי טאָן, וועט דיר דערנאָך זיין גוט און וואויל.

(כך היא דרכה של תורה: פת במלח תאכל ומים במשורת תשתה ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל. אם אתה עושה כן אשריך וטוב לך. — אבות פ״ו.

69) אז דער בויך איז פול זוכט מען שלעכטע געזעלשאַפט.

(מלי כריסיה זני בישא. — ברכות לב).

70) ביי דעם מענשן איז די אכילה (עסן) דער עיקר.

(גברא לאכילה קא מכוין. — ברכות לח).

71) רבי אליעזר זאָגט: „אַ מענש דאַרף פאַרברענגען אַ יום טוב אָדער אין נאָר עסן און טרינקען (דער וואָס קען ניט לערנען), אָדער אין נאָר זיצן און לערנען (דער וואָס קען לערנען)“. רבי יהושע זאָגט: „צוטייל אים — האלב פאַר עסן און טרינקען און האלב פאַר־ברענגען אין בית המדרש“.

(ר׳ אליעזר אומר אין לו לאדם ביום טוב אלא או אוכל ושותה או יושב ושונה. ר׳ יהושע אומר חלקהו, חציו לאכילת ושתיה וחציו לבית המדרש. — פסחים סח).

72) אַ שותפות׳דיג טעפל איז ניט וואַרעם און ניט קאַלט. (ווייל מ׳פאַרלאָזט זיך איינע אויף די אַנדערע, בלייבט דער טעפל ניט קיין געקאָכטער). [גלייכוואָרט: פון צופיל אויפפּאַסער בלייבט די קינד אָן אַ נאָז].

(קדירא דבי שותפי לא חמימא ולא קרירא. — עירובין ג).

73) אַ איד דאַרף זיך גוט אָנ׳שיכור׳ן אין דעם טאָג פון פורים

אויף אזוי פיל דאָס ער זאָל ניט וויסן דעם אונטערשייד צווישן „פאַר-שאָלטן זאָל זיין המן“ צו „געבענשט זאָל זיין מרדכי“. [אָדער: א איד דארף זיך אָנ'שיכורן אין דעם טאָג פון פורים אויף אזוי פיל דאָס ער זאָל ניט וויסן וועמען צו שילטן און וועמען צו בענשן, המן'ען צי מרדכי'ן].

(חייב איניש לבסומי בפוריה עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי. — מגילה ז).

יוגנט און עלטער

1) געלערנטע מענשן, וואָס עלטער זיי ווערן, ווערן זיי אַלץ קליגער; אומוויסענדיגע מענשן, וואָס עלטער זיי ווערן, ווערן זיי אַלץ נאַרישער.

(תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם; עמי הארץ כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם. — שבת קנב).

2) אַז מיר זיינען געווען קליינע, האָבן מיר זיך געהאַלטן פאַר גרויסע; איצטער, אַז מיר זיינען אַלט אין יאָרן, האַלטן מיר זיך פאַר קינדער.

(כד הוינן זוטרי לגברא השתא דקש שנה לדרדקי. — בבא קמא צב).

3) די פאָלגענדיגע דריי, וואָס עלטער זיי ווערן, ווערן זיי אַלץ שטאַרקער: א פיש, א שלאַנג, א חזיר.

(שלשה כל זמן שמזקינין מוסיפין גבורה: דג, נחש וחזיר. — שבת עז).

4) אויב ער פירט זיך אזוי אין זיינע עלטערע יאָרן — איז אין זיין יוגנט געווים.

(בזקנותו כך בילדותו על אחת כמה וכמה. — עירובין כא).

5) פרייז זיך יונגערמאַן אין דיין יוגנט.

(שמח בחור בילדותיך. — קהלת א).

6) די שיינקייט פון יונגע לייט איז זייער קראַפט.

(תפארת בחורים כחם. — משלי כ).

7) אַז עס זיינען ניטאָ קיין ציגעלאַך, זיינען ניטאָ קיין בעק.

(אם אין גדיים אין תיישים. — ירושלמי סנהדרין י).

8) די וועלט ווערט אויפגעהאלטן נאָר צוליב די אומשולדיגקייט פון די קליינע קינדערלאַך, וועלכע גייען אין חדר.

(אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. — שבת קכ).

9) וואויל איז אזא יוגנט אונזערע, וועלכע פארשעמט ניט אונזער עלטער.

(אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנותינו. — סוכה נג).

10) אין דער ישיבה גיב אָפּ כבוד דעם חכם, אין געזעלשאפט — דעם עלטערן.

(בישיבה הלך אחר חכמה ובמסיבה הלך אחר זקנה. — בבא בתרא קכ).

11) צי דען אָן אלטקייט ווענדט זיך די גוטסקייט פון א זאַך? עס ווענדט זיך גאָר אָן דעם, ווי געשמאַק דאָס איז.

(מידי בקשישותא תליא מלתא בטעמא תליא מלתא. — בבא בתרא קמג).

12) ווי די מאַמע, אזוי איז איר טאָכטער.

(כאמה בתה. — יחזקאל טז).

13) דאָס וואָס אינגלאַך בויען איז עס ווי צעוואָרפן; דאָס וואָס אלטע צעוואָרפן איז עס ווי געבויט.

(בנין ילָדים סתירה וסתירת זקנים בנין. — מגילה לא).

14) ביי די אלטע לייט איז די חכמה.

(בישישים חכמה. — איוב יב).

15) ווי דער פאָטער — אזוי דער זון.

(ברא כרעיה דאבוה הוא. — עירובין ע).

16) דער וואָס דערציט דאָס קינד, ווערט אָנגערופן א פאָטער — ניט דער, וואָס ברענגט אים נאָר אויף דער וועלט.

(המגדל נקרא אב ולא המוליד. — שמות רבה סוף פמ"ו).

17) באַצי זיך מיט אכטונג צו די קינדער פון אָרעמע עלטערן, ווייל פון זיי וועלן אויסוואַקסן געלערנטע מענשן.

(הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. — נדרים פא).

18) באַצי זיך מיט אכטונג צו די קינדער פון אומוויסנדיגע עלטערן, ווייל פון זיי וועלן אויסוואַקסן געלערנטע מענשן.

(הזהרו בבני עמי הארץ שמהם תצא תורה. — סנהדרין צו).

19) ניט שטענדיג געפינט מען ביי תלמידי חכמים, אז עס זאָלן אויסוואַקסן תלמידי חכמים פון זייערע קינדער.

(אין מצויין ת"ח לצאת ת"ח מבניהם. — נדרים פא).

20) עס איז גוט פאר א מענשן אז ער זאָל טראָגן דעם יאָך פון לעבן אין זיין יוגנט.

(טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו. — איכה ג).

21) עס איז אַן אונטערשייד, צי מ'לערנט א זאַך אין דער פּריס-טער יוגנט, צי מ'לערנט זי אויף דער עלטער.

(נפקא מינה לגירסא דינקותא. — שבת כא).

22) די תורה האָט געזאָגט: „פאר א גרויען קאָפּ זאָלסטו זיך אויפשטעלן". קען מען דאָך מיינען, אז מ'דארף זיך אויפשטעלן אפילו פאר אַן אומוויסענדיגן אלטן — האָט די תורה באַלד געזאָגט: „און דו זאָלסט ערן דעם פּנים פון אַן אלטן מאַן". און אַן אַלטער מאַן איז נאָר דער, וועלכער באַזיצט חכמה.

(מפני שיבה תקום יכול אפילו מפני זקן אשמאי ת"ל והדרת פני זקן ואין זקן אלא מי שקנה חכמה. — קידושין לב).

23) איסי בן יהודה זאָגט: די תורה האָט געזאָגט: „פאר א גרויען קאָפּ זאָלסטו זיך אויפשטעלן" — מיינט עס, פאר יעדן איינעם וואָס האָט נאָר א גרויען קאָפּ.

(איסי בן יהודה אומר: מפני שיבה תקום אפילו כל שיבה במשמע. — קידושין לב).

24) א שיינע קרוין איז דער ווייסער קאָפּ האָר.

(עטרת תפארת שיבה. — משלי טז).

25) אין דעם פרימאָרגן (יוגנט) זאָלסטו זייען דיין זריעה און אין דעם אָוונט (עלטער) זאָלסטו ניט לאָזן רוען דיין האַנט.

(בבוקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך. — קהלת יא).

26) אין דער ישיבה שיינען די אַלטע לייט; אין דער מלחמה שיינען די יונגע לייט.

(אין לך נאה בישיבת אלא זקן ואין לך נאה במלחמת אלא בחור. — חגיגת יד).

27) ביי אַן אַלטען מאַן איז אַלטער ווין טייערער פון אַלץ אין דער וועלט.

(יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו. — מגילה טז).

28) דער קלוגער זון זאַמעלט אין זומער. [דער קלוגער מענש גרייט אָן אין דער יוגנט].

(אוגר בקיץ בן משכיל. — משלי י).

29) א קינד וואָס איז נאָר איין יאָר אַלט, האָט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד.

(בן שנה שלא טעם טעם חטא. — יומא כג).

30) דוד האָט געבעטן ביי גאָט: „זאָלסט מיר ניט אוועקוואַרפן אויף דער עלטער".

(אל תשליכני לעת זקנה. — תהלים עא).

31) א קירבעס קען מען דערקענען אָן זיין בליאונג, צי ער וועט אויסוואַקסען א גוטער.

(בוצין בוצין מקטפיה ידיע. — ברכות מח).

32) דער וואָס פאַרלענגערט (פאַרווײלט לאַנג) ביי זיין טיש, פאַרלענגערט מען אים זיינע יאָרן.

(המאריך על שולחנו מאריכין לו ימיו. — ברכות ג).

33) די תלמידים האָבן געפרעגט רבי נחוניא'ן: „מיט וואָס האָסטו פאַרלענגערט דיין לעבן?" האָט ער זיי געענטפערט: „איך בין געווען פרייגעביג מיט מיין געלט".

(שאלו תלמידיו את רבי נחוניא במה הארכת ימים. אמר להם וותרן בממוני הייתי. — מגילה כח).

34) וואָס איז מיין סוף, אַז איך זאָל פאַרלענגערן מיין לעבן?

(מה קצי כי אאריך נפשי. — איוב ו).

35) די רייד פון א קינד אין גאַס זיינען אָדער דעם טאַטנס אָדער דער מאַמעס. [גלייכוואָרט: וואָס די אַלטע שפּייען — די יונגע צוקייען].

(שותא דינוקא בשוקא או דאבוה או דאימיה. — סוכה נו).

36) ר' שמעון האָט געזאָגט: ליידנשאַפט, א קינד און א פרוי זאָל די לינקע האַנט אָפּשטויסען און די רעכטע האַנט דערנענטערן.

(אמר ר' שמעון בן אלעזר יצר תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרב. — סנהדרין קז).

37) „די שלאָף-עפּל גיבן ארויס א שמעקעדיגן ריח" (שיר השירים 7). זאָגט אויף דעם דער תלמוד: דאָס זיינען די אידישע בחורים, וועלכע האָבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד.

(הדודאים נתנו ריח אלו בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא. — עירובין כא).

38) אין דעם דור וואָס משיח וועט קומען וועט זיין אַן איבערקערעניש: יונגע לייט וועלן אויסלאַכן די אַלטע לייט און אַלטע לייט

וועלן זיך אויפשטעלן פאר יונגע לייט, א טאכטער וועט זיך שטעלן קעגן איר מוטער און א שנור — קעגן איר שוויגער, און א זון וועט זיך נים שעמען פאר זיין פאטער.

(דור שבן דוד בא נערים ילבינו פני זקנים וזקנים יעמדו לפני נערים ובת קמה באמה וכלה בחמותה ואין הבן מתבייש מאביו. — סנהדרין צז).

39) דער וואס איז זיך מגייר איז גלייך ווי א קינד וואס ווערט ערשט געבוירן.

(גר שנתגייר כקטן שנולד דמי. — יבמות סב).

40) יעדע זאך, וואס עלטער זי ווערט, ווערט זי אלץ בעסער — אויסער טויטלען, ביר און קליינע פישעלאך.

(כל מילי עתיקה מעליא לבר מתמרי ושיכרא והרסנא. — בבא בתרא צא).

41) די וועלט קען ניט פארליידן אן אלטן מאן וואס יאגט זיך נאך פרויען.

(זקן מנאף אין הדעת סובלתו. — פסחים קיג).

42) אויף דעם וואס פארהייראט זיין יונגע טאכטער צו אן אלטן מאן, זאגט עס די תורה: „גאט וועט אים קיין מאל ניט מוחל זיין".

(המשיא את בתו לזקן עליו הכתוב אומר לא יאבה ה׳ סלוח לו. — סנהדרין עו).

43) געלערנטע מענשן, וואס עלטער זיי ווערן, ווערט זייער שכל אלץ מער געזעצט; אומוויסנדיגע מענשן, וואס עלטער זיי ווערן, ווערט זייער שכל אלץ מער צומישט.

(זקני ת"ח כל זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהן ועמי הארץ כל זמן שמזקינין דעתן מטורפת עליהן. — קנים פ"ג).

44) דער וואס יאגט זיך צופיל נאך פרויען ווערט אלט פאר דער צייט.

(כל השטוף בזמה זקנה קופצת עליו. — שבת קנב).

45) א שאד איז נאר איין זאך וואס גייט אוועק און קומט ניט צוריק — די יוגנט.

(ווי לה להדא דאזלא ולא אתיא. מאי היא. אמר רב חסדא ינקותא. — שבת קנב).

חכמה

1) זאָל זיך ניט באַרימען דער קלוגער מיט זיין חכמה.
(אל יתהלל חכם בחכמתו. — ירמיה ט).

2) ווען אַ קלוגער מענש משפט זיך מיט אַ נאַרישן מענשן, צי ער איז בייז (ווייל ער האָט פאַרלאָרן), צי ער שמייכלט (ווייל ער האָט געוואונען), האָט ער אַלץ קיין נחת ניט. [גלייכוואָרט: בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן איידער מיט אַ נאַר צו געווינען].
(איש חכם נשפט את איש אויל ורגז ושחק ואין נחת. — משלי כט).

3) די וואָס האָבן אַ סך יאָרן זיינען ניט אימער די חכמים.
(לא רבים יחכמו. — איוב לב).

4) פון אַ קלוגן זון, פרייט זיך דער פאָטער; פון אַ נאַרישן זון, האָט די מאַמע צו קלאָגן.
(בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו. — משלי ל).

5) דער קלוגער מענש האָט זיינע אויגן אין קאָפּ; דער נאַר טאַפּט אין דער פינסטער.
(החכם עיניו בראשו והכסיל בחושך הולך. — קהלת ב).

6) איין געשריי אויף אַ קלוגן ווירקט מער ווי הונדערט קלעפּ אויף אַ נאַר.
(גערה במבין מהכות כסיל מאה. — משלי יז).

7) די ווערטער פון חכמים ווערן מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט. [אָדער: די ווערטער פון קלוגע מענשן, אפילו זיי קומען גאָר אַרויס גאַנץ שטיל, ווערן דאָך אויסגעהערט].
(דברי חכמים בנחת נשמעים. — קהלת ט).

8) אַ טייך וואָס קוועלט שטענדיג איז דער קוואַל פון חכמה.
(נחל נובע מקור חכמה. — משלי יח).

9) אַ געלאַסענער איז דער מענש מיט פאַרשטאַנד.
(וקר רוח איש תבונה. — משלי יז).

10) די חכמה פון אַ מענשן באַלויכט זיין פּנים.
(חכמת אדם תאיר פניו. — קהלת ח).

11) ניטאָ קיין חכמה, קיין עצה און קיין פאַרשטאַנד קעגן גאָט.

[אויך: מ'מוז ניט זיין א חכם, מ'מוז ניט זיין אן עצה געבער, מ'מוז ניט זיין א פארשטאנדיגער — אויף צו גיין קעגן גאָט] 1).

(אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ד'. — משלי כא).

12) דאָס רוב ממזרים זיינען זייער קלוג.

(רוב ממזרים פקחים. — ירושלמי קידושין ד).

13) עס איז גענוג פאר א קלוגן א וואונק.

(דיא לחכימא ברמיזא. — מדרש משלי כב).

14) דו זאָלסט ניט זיין צו-קלוג.

(אל תתחכם יותר. — קהלת ז).

15) ניט צו קלוגע — איז ברויט; און ניט צו די וואָס פארשטייען א סך — איז עשירות. [מ'קען זיך זיין א חכם, און דאָך קיין ברויט ניט האָבן; מ'קען זיך פארשטיין א סך, און דאָך זיין אן אָרעמאַן].

(לא לחכמים לחם ולא לנבונים עושר. — קהלת ט).

16) מער פארשטאנד — מער הארצווייטאָג.

(ויוסיף דעת יוסיף מכאוב. — קהלת א).

17) א שקלאַף איז דער נאר ביי דעם קלוגן.

(עבד אויל לחכם לב. — משלי יב).

18) ווער איז א קלוגער? דער וואָס זעט פריער וואָס שפעטער װעט זיין.

(איזהו חכם הרואה את הנולד. — תמיד לב).

19) איסי בן יהודה, ריידנדיג וועגן די אידישע גדולים, האָט זיך אויסגעדריקט: רבי מאיר איז א קלוגער און א שרייבער; רבי יהודה איז א חכם אז ער זאָל וועלן.

(איסי בן יהודה היה מונה שבחן של חכמים. רבי מאיר חכם וסופר. רבי יהודה חכם לכשירצה. — גיטין סז).

20) דער, וועלכער גיט זיך אָפּ צופיל מיט די געשעפטן, קען ניט ווערן קיין חכם (קענער) אין לערנען.

(לא כל המרבה בסחורה מחכים. — אבות ב).

21) דער רייכער מענש האלט זיך פאר א חכם.

(חכם בעיניו איש עשיר. — משלי כח).

---

1) איך גיב עס אין דעם זין ווי די פרומע אידן באַנוצן זיך מיט דאָזיגן גלייכוואָרט, ווען זיי ריידן וועגן אפיקורסים.

22) די גאנצע חכמה פון א פרוי איז נאָר אין שפינדל (הויז-ארבעט).
(אין חכמה לאשה אלא בפלך. — יומא סו).

23) דער אויער אונטערשיידט די גוטסקייט פון ווערטער און דער גומען — דעם געשמאַק פון שפייז.
(אוזן מלין תבחן וחיך אוכל יטעם לו. — איוב יב).

24) א פאָטער אין חכמה אָבער יונג אין יאָרן.
(אב בחכמה ורך בשנים. — ספרי דברים א).

25) חכמה אין פארגלייך מיט נארישקייט, איז ווי ליכט קעגן פינסטערניש.
(יש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך. — קהלת ב).

26) די גרעסטע חכמה איז: לערן זיך חכמה.
(ראשית חכמה קנה חכמה. — משלי יא).

27) א חכם איז בעסער פון א נביא.
(חכם עדיף מנביא. — בבא בתרא יב).

28) חכמה איז ניט שיין אין א מיאוסע כלי.
(אי חכמה מפוארה בכלי מכוער. — תענית ז).

29) לייג צו דיין אויער צו הערן די ווערטער פון קלוגע מענשן.
(הט אזנך לשמוע דברי חכמים. — משלי כב).

30) עס איז בעסער צו הערן א געשריי (זידל-וואָרט) פון א קלוגן איידער צו הערן א לויב-געזאנג פון א נאר.
(טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים. — קהלת ז).

31) מ'געדענקט ניט דעם קלוגן ווי מ'געדענקט ניט דעם נאר, אויף אייביג, אין פארלויף פון דער צייט, ווערן אלע פארגעסן.
(אין זכרון לחכם עם הכסיל לעולם בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. — קהלת ב).

32) אז א קלוגער מענש שטארבט זיינען אלע זיינע קרובים.
(חכם שמת הכל קרוביו. — שבת קה).

33) ווער איז א קלוגער? דער וואָס לערנט זיך פון יעדן מענשן.
(איזהו חכם הלומד מכל אדם. — אבות פ"ג).

34) זיי א קלוגער און שוויַיג.
(הוי פקח ושתוק. — יומא ז).

35) יעדער מענש וואָס האָט אין זיך שכל (אָדער: קענטעניש) טעט נאָך אמאָל רייך ווערן.
(כל אדם שיש בו דעה לסוף מתעשר. — סנהדרין צב).

36) קלוגע, זייט פאָרזיכטיג מיט אייערן אַ וואָרט.
(חכמים הזהרו בדבריכם. — אבות א).

נאַרישקייט

1) אַ נאַר — גלויבט אַלץ וואָס מ׳זאָגט אים.
(פתי יאמין לכל דבר. — משלי יד).

2) אז דיין חבר רופט דיך אייזל — טו אָן אַ זאָטל אויף דיין רוקן.
(חברך קרייך חמרא אוכפא לגביך מוש. — בבא קמא צב).

3) די וועלט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין הענט פון נאַראָנים.
(אימסר עלמא בידא דטפשאי. — סנהדרין מו).

4) מ׳ברענגט ניט קיין ראיה פון נאַראָנים.
(אין מביאין ראיה מן השוטים. —שבת קד).

5) אַ מענש באַגייט ניט קיין פאַרברעכן סיידן עס איז אין אים אריין אַ נאַרישער געדאַנק.
(אין אדם עושה עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות. — סוטה ג).

6) דו זאָלסט ניט זיין קיין נאַר אין גראַמען.
(אל תהי שוטה בחרוזין 1). — חולין צה).

7) גאָט היט איין די נאַראָנים.
(שומר פתאים ה׳. — תהלים צה).

8) ווען אַ נאַר שווייגט מיינט מען אַז ער איז אַ חכם.
(גם אויל מחריש חכם יחשב. — משלי יז).

1) די באַדייטונג אין תלמוד איז גאָר אַן אַנדערע. דאָך ווערט די פראַזע באַנוצט אַלס אַ שטאָכוואָרט פאַר כלומר׳שטע (וואָס ווילן זיין) פאָעטן.

9) ווייז דעם נאר אז ער איז א נאר, אויב ניט וועט ער זיך האלטן פאר א חכם.
(ענה כסיל כאולתו פן יהיה חכם בעיניו. — משלי כו).

10) א נאר רעדט א סך.
(הסכל ירבה דברים. — קהלת י).

11) אז דו וועסט אפילו שטויסן דעם נאר אין א שטויסל, וועט דאך זיין נארישקייט פון אים זיך ניט אפטאן.
(אם תכתוש את האויל במכתש לא תסור מעליו אולתו. — משלי כז).

12) דער וואס שטעלט צופיל אויף זיך איז א נאר.
(בוטח בלבו הוא כסיל. — משלי כח).

13) פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז די נבואה צוגענומען געווארן פון די נביאים און אפגעגעבן געווארן צו נאראנים. [גלייכווארט: א נאר איז א נביא].
(מיום שחרב בית המקדש נטלה נבואה מן הנביאים ונתנה לשוטים. — בבא בתרא יב).

14) א נאר טוט נאך אמאל די זעלביגע נארישקייט.
(כסיל שונה באולתו. — משלי כו).

15) ווען נאר איינער זאגט דיר אז דיינע אויערן זיינען ווי ביי אן אייזל, זאל דיר ניט ארן; אויב צוויי זאגן עס דיר, מאך זיך א צוימל.
(אם אומר לך חד אודניך דחמור לא תיחוש; תרין עביד לך פרובי. — ב"ר מה).

16) רב יהודה זאגט: מ'מעג אנשטעלן חזנים 2) אפילו אזעלכע וואס האבן ווינציג פארשטאנד. [פון דעם האט זיך גענומען דער ווערטל: חזנים זיינען נאראנים].
(ר' יהודה אומר מעמידין חזנין אפילו חסירי מדע. — מכות כג).

17) שווייגן איז גוט אפילו פאר קלוגע, פאר נאראנים — געוויס.
(יפה שתיקה לחכמים וקל וחומר לטפשים. — פסחים צט).

18) וועגן נאראנים איז ניטא וואס צו ריידן.
(אמו בשופטני עסקינן. — בבא בתרא קכב).

---

2) אין דער צייט פון דער גמרא איז „חזן" באנוצט געווארן אין די באדייטונג פון „שמש", דאך באנוצט זיך די וועלט מיט דעם ווערטל — אויף חזנים.

19) אַ נאַר איז דער וואָס פאַרלירט אַלץ וואָס מ'גיט אים.
(איזהו שוטה זה המאבד כל מה שנותנין לו. — חגיגה ד).

20) אַ שקלאַף איז דער נאַר ביי דעם קלוגן.
(עבד אוויל לחכם לב. — משלי יב).

21) דער נאַר טאַפּט אין דער פינסטער.
(הכסיל בחושך הולך. — קהלת ב).

22) וואָס אַ נאַר זאָל ניט טאָן מיינט ער אַז עס איז גוט.
(דרך אויל ישר בעיניו. — משלי יב).

23) אויף אַ יום טוב דאַרפן אַלע אידן גיין זען די שיינקייט פון דער עבודה אין בית המקדש, אויסער אַ טויבער, אַ נאַר און אַ קליין קינד.
(הכל חייבין בראייה חוץ מחרש שוטה וקטן. — חגיגה א).

24) עס איז שלעכט זיך צו באַגעגענען מיט אַ טויבן, אַ נאַר און אַ קליין קינד; ווייל ווען זיי צו-מזיק'ן אימעצן זיינען זיי ניט שולדיג, ווען אָבער אימעצער צו-מזיק'ט זיי איז ער יאָ שולדיג.
(חרש שוטה וקטן פגיעתם רעה הם שחבלו באחרים פטורים והחובל בהם חייב. — בבא קמא פז).

25) אַז אַ פרוי האָט געטאָן אַ נדר צו ווערן אַ נזירה 3) און איר מאַן האָט עס געהערט און איר ניט געשטערט, לייגט ער איר אריין אַ פינגער אין מויל. [פון דעם דער ווערטל: ביז מ'לייגט אים ניט אריין אַ פינגער אין מויל, פאַרשטייט ער ניט].
(האשה שנדרה בנזיר ושמע בעלה ולא הפר לה נותן אצבע בין שיניה. — כתובות עא).

26) אַ בייטש פאַר אַ פערד, אַ צוים פאַר אַן אייזל, און אַ רוט פאַר אַ נאַר.
(שוט לסוס מתג לחמור ושבט לגו כסילים. — משלי כו).

27) אַז אַ מענש ענטפערט אויף אַ זאַך איידער ער הערט עס אויס, ווערט דאָס אים גערעכנט פאַר אַ נאַרישקייט און אַ שאַנדע.
(משיב דבר בטרם ישמע אולת היא לו וכלימה. — משלי יח).

28) אַ נאַר פילט ניט זיינע פעלערן.
(אין שוטה נפגע. — שבת יג).

---

3) אַ „נזירה" (נאַזירטע) רופט מען די פרוי, וועלכע שיידט זיך אָפּ פון אַלע וועלטליכע פאַרגעניגנס און גיט זיך אָפּ נאָר מיט געטליכקייט (ענליך צו אַ נאָנע אָדער מאָנאַשקע).

לעבן

1) ראטעוועז א מענשנס לעבן שטויסט אפ אן א זייט דעם שבת.
(פקות נפש דוחה את השבת. — שבת קלב).

2) א מענש קומט אויף דער וועלט מיט פארמאכטע הענט, ווי ער וואלט זאגן „די גאנצע וועלט איז נאר מיינע".
(אדם בא לעולם בידים קפוצות כלומר כל העולם כולו שלי הוא. — קהלת רבה פ"ה).

3) דער וואס האלט אויף דעם לעבן פון איין אידן איז ווי ער וואלט אויפגעהאלטן די גאנצע וועלט.
(כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא. — בבא בתרא יא).

4) דער וואס רואינירט דעם לעבן פון איין אידן, איז ווי ער וואלט רואינירט די גאנצע וועלט.
(כל המאבד נפש אחת מישראל כאלו אבד עולם מלא. — סנהדרין לז).

5) דו וועסט ניט געפינען א מענשן וואס זאל ניט האבן קיין צרות.
(אין לך אדם בלא יסורין. — ב"ר פצ"ב).

6) וויין מאכט פרייליכער דעם לעבן.
(ויין ישמח חיים. — קהלת י).

7) בעסער איז דעם לעבעדיגן הונט ווי דעם טויטן לייב.
(לכלב חי הוא טוב מאריה המת. — קהלת ט).

8) א לעבן פאר א לעבן.
(נפש תחת נפש. — שמות כג).

9) לעבן ווענדט זיך ניט אין ווערט זיין, נאר אין מזל.
(חיי וכו׳ לא בזכותא תליא אלא במזל. — מועד קטן כח).

10) דער וואס פארלענגערט (פארווײלט לאנג) ביי זיין טיש פארלענגערט מען אים זיינע יארן.
(המאריך על שולחנו מאריכין לו ימיו. — ברכות ג).

11) דיין אייגענער לעבן קומט פריער פאר דיין חבר'ס לעבן.
(חייך קודמין לחיי חברך. — בבא מציעא סב).

12) „אלע טעג דעם ארעמאנ'ס זיינען שלעכטע" (משלי טו) —

קען אויך געזאָגט ווערן אויף דעם וואָס האָט אַ שלעכטע ווייב.
(כל ימי עני רעים מי שיש לו אשה רעה. — בבא בתרא קמו).

13) די תלמידים האָבן געפרעגט רבי נחוניא'ן: „מיט וואָס האָסטו פאַרלענגערט דיין לעבן?" האָט ער זיי געענטפערט: „איך בין געווען פרייגעביג מיט מיין געלט".
(שאלו תלמידיו את רבי נחוניא במה הארכת ימים אמר להם וותרן בממוני הייתי. — מגילה כח).

14) אַן אָרעמאַן איז גלייך ווי אַ טויטער.
(עני חשוב כמת. — עבודת זרה ה).

15) ווען איינער קוקט אוים אויף זיין פריינד'ס טיש איז זיין לעבן קיין לעבן ניט.
(המצפה לשולחן חברו חייו אינם חיים. — ביצה לב).

16) דער וואָס גיט לעבן גיט צום לעבן.
(מאן דיהיב חיי יהיב מזוני. — תענית ח).

17) אַ ווילדער אייזעלע ווערט דער מענש געבוירן.
(עיר פרא אדם יולד. — איוב יא).

18) עס זיינען דאָ דריי קלאַסן מענשן וואָס זייער לעבן איז קיין לעבן ניט: גוט-הערציגע, אויפגערעגטע, פאַרטרויערטע.
(שלשה חייהם אינם חיים ואלו הן: רחמנים, רתחנים ואניני הדעת. — מסכת כלה פ"ו).

19) אַזוי לאַנג ווי אַ מענש לעבט קען ער האָפן.
(כל זמן שאדם חי יש לו תקוה. — ירושלמי ברכות ט).

20) אַ באַשרענקטע צייט האָט אַ מענש אויף דער וועלט.
(צבא לאנוש עלי ארץ. — איוב ז).

21) וואָס פאַר אַ נוצן האָט אַ מענש פון זיין גאַנצער האָרעוואַניע וואָס ער האָרעוועט אָפּ אונטער דער זון.
(מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש. — קהלת א).

22) אַלע טעג דעם אָרעמאַנס זיינען שלעכטע.
(כל ימי עני רעים. — משלי טו).

23) „די" מענשן ווילן לעבן און יענע מענשן ווילן ניט לעבן?
(הני בעו חיי והני לא בעו חיי. — יומא יא).

24) אַז זיין ווייב געוועלטיגט איבער אים, איז זיין לעבן קיין לעבן ניט.
(אשתו מושלת עליו חייו אינם חיים. — ביצה לב).

25) מענשן לאָזן אוועק אַן איביגן לעבן און באַשעפטיגן זיך מיט אַ לעבן וואָס איז נאָר אויף אַ ווײַלע.

(מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה. — שבת ט).

26) דו לעבסט איבער געוואַלד.

(בעל כרחך אתה חי. — אבות פ"ד).

27) אַ שיינע ווייב — אַז וואויל איז איר מאַן; די צאָל פון זיינע טעג איז דאָפּלט.

(אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. — בן סירא).

28) וואָס איז מיין סוף אַז איך זאָל פאַרלענגערן מיין לעבן?

(מה קצי כי אאריך נפשי. — איוב ו).

29) אַ לעבעדיגער מענש טראָגט זיך אַליין 1).

(אדם חי נושא את עצמו. — שבת צג).

30) דער מענש האָט ניט קיין גרעסערן ווערט ווי די בהמה.

(ומותר האדם מן הבהמה אין. — קהלת ג).

31) איך לויב די געשטאָרבענע וועלכע זיינען שוין לאַנג טויט מער ווי די לעבעדיגע וואָס לעבן נאָך; אָבער בעסער פון זייביידן איז דעם וואָס איז נאָך גאָר ניט געבאָרן געוואָרן.

(ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עודנה. וטוב משניהם את אשר עדן לא היה. — קהלת ד).

32) אין אַ פּוסטע (נאַרישע) וועלט קומט דער מענש און אין אַ פינסטערע — גייט ער אוועק.

(בהבל בא ובחושך ילך. — קהלת ו).

33) וואָס האָט דער אָרעמאַן דערפון וואָס ער ווייס ווי צו קעמפען קעגן דעם לעבן?

(מה לעני יודע להלך נגד החיים. — קהלת ו).

34) ווער ווייס וואָס גוט איז פאַר אַ מענשן אין דעם לעבן!

(מי יודע מה טוב לאדם בחיים. — קהלת ו).

35) און איך האָב פיינט מיין גאַנצע האָרעוואַניע וואָס איך האָרעווע אונטער דער זון, ווייל איך וועל עס דאָך איבערלאָזן פאַר אַ

---

1) אין דער גמרא רעדט זיך גאָר וועגן דעם וואָס מ'מעג טראָגן אַ קינד אויף די הענט אום שבת. די וועלט באַנוצט אָבער אויך דיזע פראַזע ווען איינער וויל זאָגן אויף אימעצן אַז ער האָט אים שוין גענוג געטראָגן אויף זיינע אַקסלען, ד. ה. ער האָט אים שוין גענוג אַרויסגעהאָלפן.

מענשן וואָס וועט זיין נאָך מיר; און ווער ווייס צי יענער מענש וועט זיין אַ קלוגער אָדער אַ נאַר, וואָס וועט געוועלטיגן איבער מיין האָרעוואַניע וואָס איך האָב אָפּגעהאָרעוועט און זיך געקליגט אונטער דער זון.

(ושנאתי את כל עמלי שאני עמל תחת השמש שאניחנו לאדם שיהיה אחרי. ומי יודע החכם יהיה או סכל וישלט בכל עמלי שעמלתי ושחכמתי תחת השמש. — קהלת ב).

36) איך האָב געזען אין מיין לעבן, שקלאַפּן אויף די פערד און האַרן גייענדיג צו־פוס ווי שקלאַפּן.

(ראיתי עבדים על סוסים ושרים הולכים כעבדים על הארץ. — קהלת י).

37) איוב האָט געזאָגט: זאָל פאַרלאָרן גיין דער טאָג אין וועלכן איך בין געבאָרן געוואָרן.

(יאבד יום אולד בו. — איוב ג).

38) די טעג פון אונזער לעבן זיינען זיבעציג יאָר, אַז פיל — אַכציג יאָר, און דאָס רוב זיינען זיי פול מיט מאַטערניש און צרות.

(ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה ורהבם עמל ואון. — תהלים צ).

39) אַ מענש ווערט געבאָרן אויף צו מאַטערן זיך.

(אדם לעמל יולד. — איוב ה).

40) נאָך אַ נשמה (אַ באַזונדערן געפיל) ווערט אַריינגעגעבן אין אַ מענשן ערב שבת.

(נשמה יתירה נתנה בו באדם בערב שבת. — תענית כז).

41) אַז איינער ווערט קראַנק זאָל ער עס באַלד דעם ערשטן טאָג ניט באַקאַנט מאַכן, כדי זיין מזל זאָל ניט ווערן נאָך ערגער.

(האי מאן דחליש יומא קמא לא לגלי כי היכי דלא ליתרע מזליה. — ברכות נה).

42) דאָס רוב קראַנקע ווערן געזונט.

(רוב חולין לחיים. — קידושין עא).

43) בעסער וואָלט געווען דעם מענשן, ווען ער וואָלט גאָר ניט באַשאַפן געוואָרן.

(נוח לו לאדם שלא נברא משנברא. — עירובין יג).

44) פיר, זיינען גלייך ווי טויט: אַן אָרעמאַן, אַ קרעציגער, אַ בלינדער, און דער וואָס האָט ניט קיין קינדער.

(ארבעה חשובין כמת: עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים. — נדרים סד).

45) **אויב דו האָסט געלט, האָב הנאה דערפון — ווייל אין קבר איז ניטאָ קיין פארגעניגן, און דער טויט זאמט זיך ניט אין קומען. און אויב דו וועסט זאָגן „איך וועל דאָס געלט איבערלאָזן פאר מיינע קינדער, כדי זיי זאָלן זיין פארזאָרגט מיט חיונה" — ווער וועט דיר דערציילן אין קבר, צי זיי פארטאכלעווען ניט די געלט?**

(אם יש לך היטב לך שבשאול אין תענוג והמות אין התמהמה וא"ת אניח לבני חוק בשאול מי יגיד לך. — עירובין נד).

טויט

1) **טויטע וויסן גאָרנישט.**

(מתים אינם יודעים מאומה. — קהלת ט).

2) **דער וואָס רעדט (שלעכטס) וועגן א טויטן איז ווי ער וואָלט עם ריידן וועגן אַ שטיין.**

(כל המספר אחרי המת כאלו מספר אחרי האבן. — ברכות יט).

3) **דער מענש איז נאָך ניט געשטאָרבן און אימעצער אנדערש שטייט שוין געגרייט צו פארנעמען זיין הויז.**

(עד דלא שכיב שכבא קיימא מנו ביתיה. — בבא בתרא צא).

4) **פאראן אַ זעלכע וואָס שטאַרבן פאר דער צייט.**

(איכא דאזיל בלא זמניה. — חגיגה ד).

5) **אז עס שטאַרבט ביי אַ מאַן די ערשטע ווייב, איז אזוי ווי דער בית המקדש וואָלט חרוב געוואָרן אין זיין לעבן.**

(אדם שמתה עליו אשתו ראשונה כאלו חרב בית המקדש בימיו. — סנהדרין כב).

6) **אַ מענש גייט אוועק פון דער וועלט האַלטנדיג אָפן זיינע הענט, ווי ער וואָלט זאָגן: „איך האָב פון דער דאָזיגער וועלט גאָר-נישט מיטגענומען".**

(אדם נפטר מן העולם בידים פשוטות כלומר לא נטלתי מן העולם הזה כלום. — קהלת רבה פ"ה).

7) **אַ טויטער קערפער פילט ניט דעם שניט פון אַ מעסער.**

(אין בשר המת מרגיש באיזמל. — שבת יג).

8) **אז מ'דערציילט דיר דאָס דיין חבר איז געשטאָרבן — מעגסטו**

גלויבן; אז מ׳דערציילט דיר דאָס דיין חבר איז רייך געוואָרן — מעגסטו ניט גלויבן.

(חברך מית אשר, איתעשר לא תאשר. — גיטין ל).

9) כאַפּ אריין און עס, כאַפּ אריין און טרינק, ווייל די וועלט פון וועלכער מיר גייען אוועק איז גלייך ווי א חתונה.

(חטוף ואכול חטוף ושתח דעלמא דאזלינן מינת כהלולא דמיא. — עירובין נד).

10) מ׳זאָגט אויף דעם מלאך המות אז ער איז דורכאויס פול מיט אויגן.

(אמרו עליו על מלאך המות שכולו מלא עינים. — עבודה זרה כ).

11) פאַר דעם מלאך המות איז קיין אונטערשייד ניט, צי דאָ צי דאָרטן.

(מלאך המות מה לי הכא מה לי התם. — בבא מציעא לו).

12) ווען איינער איז קראַנק געוואָרן און ער האַלט ביים שטאַרבן, זאָגט מען צו אים: „זיי זיך מתוודה“.

(מי שחלה ונטה למות אומרים לו התוודה. — שבת לא).

13) רבי יצחק זאָגט: א טויטער קען ניט פאַרטראָגן די ווערים, ווי א לעבעדיגער מענש קען ניט פאַרטראָגן דעם שטאָך מיט א נאָדל.

(רבי יצחק אמר קשה רמה למת כמחט בבשר החי. — ברכות יח).

14) ירמיה הנביא האָט געזאָגט: וויינט ניט אויף דעם טויטן — וויינט אויף דעם לעבעדיגן וואָס ליידט.

(אל תבכו למת בכו בכה להולך. — ירמיה כב).

15) נאָכן טויט — זיינען אַלע הייליגע.

(אחרי מות קדושים יהיו 1). — מחברת עמנואל סוף מחברת כ).

16) דער גייציגער מענש איז ווי דער מלאך המות — ער קען זיך קיינמאָל ניט אָנזעטיגן.

(והוא כמות ולא ישבע. — חבקוק ב).

17) מ׳ענטפערט ניט אָפּ דעם לייב ווען ער איז שוין טויט. [אויב דו האָסט, צי ניט געקענט, אויס׳טענה׳ן זיך מיט א גרעסערן

1) אין פאָלק ווערט באַנוצט דער ווערטל „אחרי מות קדושים אמור“, וואָס האָט די זעלביגע באַדייטונג. די ווערטער זיינען גענומען פון סדרות, און עס האָט זיך גענומען דערפון וואָס די דאָזיגע סדרות גייען איינע נאָך די אַנדערע אין חומש.

מענשן פון דיר ווען ער האָט געלעבט, טאָ פּרוביר ניט אויס'טענהין זיך קעגן אים ווען ער איז שוין טויט].
(אין משיבין את הארי לאחר מיתה. — גיטין פג).

18) עס איז בעסער דעם לעבעדיגן הונט ווי דעם טויטן לייב.
(לכלב חי הוא טוב מן הארית המת. — קהלת ט).

19) צדיקים זיינען גרעסער נאָך זייער טויט ווי ביי זייער לעבן.
(גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם. — חולין ז).

20) קיין איין מענש שטארבט ניט האָבנדיג דערגרייכט אפילו א העלפט פון דעם וואָס אים האָט זיך געוואָלט.
(אין אדם מת וחצי תאוותו בידו. — קהלת רבה א).

21) מ'נעמט אוועק דעם מת, דערנאָך פירט מען די כלה צו דער חופה.
(מעבירין את המת מלפני הכלה. — כתובות יז).

22) דער וועג צום קבר איז א ברייטער.
(דרך הקבר אין לה שיעור. — בבא בתרא ק).

23) נאָכן טויט איז מען א פרייער מענש.
(במתים חפשי. — תהלים פח).

24) דו שטארבסט איבער געוואלד.
(בעל כרחך אתה מת. — אבות פ"ד).

25) עס איז א פליכט מקיים צו זיין (אויסצופירן) דעם טויטנס ווערטער (ד. ה. צו טאָן וואָס ער האָט פארלאנגט פאר זיין טויט).
(מצוה לקיים דברי המת. — תענית כא).

26) רבי אליעזר האָט אמאָל געזאָגט צו די מענשן וואָס האָבן ניט געוואָלט אויספאָלגן זיינע א גזירה: „איר גרייט צו קברים פאר זיך".
(תקנתם קברים לעצמיכם. — תענית כח).

27) דער טויט איז דער סוף פון יעדן מענשן.
(הוא סוף כל האדם. — קהלת ז).

28) א קליינער מענש, א גרויסער מענש — אלע זיינען אין קבר גלייך.
(קטן וגדול שם הוא. — איוב ג).

29) קיינער קען ניט, אפילו א ברודער, אויסקויפען א מענשן פון טויט.

(אָח לא פדה יפדה איש. — תהלים מט).

30) מ׳געדענקט ניט דעם קלוגן ווי מ׳געדענקט ניט דעם נאר אויף אייביג; אין פארלויף פון דער צייט, ווערן אלע פארגעסן.

(אין זכרון לחכם עם חכסיל לעולם בשכבר הימים הבאים הכל נשכח. — קהלת ב).

31) טויט איז א געוויינטליכע זאך, רייכטום — אן אויסערגע־וויינטליכע.

(מיתה שכיחא עשירות לא שכיחא. — כתובות פג).

32) טויט און לעבן זיינען אין דער מאכט פון דער צונג.

(מות וחיים ביד הלשון. — משלי יח).

33) דאָס רוב פון די וואָס האלטן ביים שטארבן — שטארבן.

(רוב גוססין למיתה. — שבועות לז).

34) אז א חשוב׳ער מענש שטארבט גייט מען פאָרויס דער מטה און מ׳רופט אויס: „ראַמט אָפּ אַן אָרט!“ [מאכט א ווארע!]

(כיון דחשיב קדמי ומכרזי פנו מקום. — ברכות יח).

35) אז הינט וויינען איז דער מלאך המות געקומען אין שטאָט.

(כלבים בוכים מלאך המות בא לעיר. — בבא קמא ס).

36) א טויטער ווערט ניט פארגעסן ביז נאָך צוועלף חדשים.

(אין המת משתכח מן הלב אלא לאחר י״ב חודש. — ברכות נח).

37) אז עס שטארבט איינעמס פרוי טאָר ער ניט הייראטן א צווייטע פרוי ביז עס גייט אריבער דריי ימים טובים.

(מתה אשתו אסור לישא אשה אחרת עד שיעברו עליו שלשה רגלים. — מועד קטן כג).

38) רבי שמעון בן לקיש זאָגט: „עס וועט ניט זיין קיין גיהנום אין דער קומענדיגער צייט (נאָך תחיית המתים) — נאָר גאָט וועט ארויסנעמען די זון פון איר שייד: די צדיקים וועלן געהיילט ווערן און די רשעים וועלן שרעקליך ליידן פון די ברענענדיגע היץ.

(אמר רבי שמעון בן לקיש אין גיהנום לעתיד לבוא אלא הקב״ה מוציא חכמה מנרתיקה צדיקים מתרפאין בה ורשעים נדונין בה. — נדרים ח).

39) אז א פרוי שטארבט פעלט זי אוים נאָר איר מאן; אז א

מאן שטאַרבט פעלט ער אוים נאָר זיין ווייב.
(אין אשה מתה אלא לבעלה ואין איש מת אלא לאשתו. — סנהדרין כב).

40) אז ביי איינעם שטאַרבט די ווייב ווערט פינסטער פאַר אים די וועלט.
(אדם שמתה לו אשתו בימיו עולם חשך בעדו. — סנהדרין כב).

41) אפילו דער אָרעמסטער איד, זאָל ניט נעמען צו א לויוה ווייניגער ווי צוויי פייפלער און א קלאָגערין.
(אפילו עני שבישראל לא יפחות משני חלילין ומקוננת. — כתובות מו).

42) דער סוף פון א מענשן — איז צו שטאַרבן; דער סוף פון א בהמה — איז צו ווערן געשאָכטן.
(סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה. — ברכות יז).

43) דער סוף פון א גנב — איז צו ווערן געהאנגען.
(סוף גנב לתליה. — קהלת רבה פכ"ז ועיין בית וועד לחכמים).

44) „איך (גאָט) טויט און מאַך לעבעדיג" (דברים לב): פון די דאָזיגע ווערטער אין דער תורה לערנט מען ארויס, אז די טויטע וועלן צוריק לעבעדיג ווערן.
(אני אמית ואחיה: מכאן לתחיית המתים מן התורה. — סנהדרין צא).

ליבע

1) די ליבע פארקרימט די גלייכע ליניע. [גלייכוואָרט: ליבע איז בלינד].
(אהבה מקלקלת את השורה. — סנהדרין קה).

2) אַ ליבע וואָס ווענדט זיך אָן אַ זאַך — ווערט צו־גאָרנישט די זאַך, ווערט גאָרנישט פון דער ליבע.
(אהבה שהיא תלויה בדבר בטל דבר בטלה אהבה. — אבות פ"ה).

3) האָב ליב די אַרבעט.
(אהב את המלאכה. — אבות פ"א).

4) אַ פרוי האָט ליבער אַ יונגן מאַן אָן אָרעמען — פון אַן אַלטן מאַן אַ רייכן.
(אשה אוהבת בחור מסכן מזקן עשיר. — מדרש רות ו).

5) צו דעם אָרט וועלכן איך האָב ליב — פירן מיר מיינע פיס.
(למקום שאני אוהב רגלי מוליכות אותי. — סוכה נג).

6) וויים פון אַ לעבן, מיט אַ ווייב וועלכע דו האָסט ליב.
(ראה חיים עם אשה אשר אהבת. — קהלת ט).

7) דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין.
(ואהבת לרעך כמוך. — ויקרא יט).

8) פאַראַן אַ מענש ביי וועמען זיין געלט איז אים ליבער ווי זיין קערפער.
(יש אדם שממונו חביב עליו מגופו. — ברכות סא).

9) גאָר דער לעצטער איז דער ליבסטער. [צולעצט קומט דאָס בעסטע].
(אחרון אחרון חביב. — ב"ר פע"ח).

10) קען דען אַ פרוי פאַרגעסן איר זויג־קינד?
(התשכח אשה עולה. — ישעיה מט).

11) דעם אויסגעלאַסענעם מאַן פעלט אַ האַרץ 1).
(נואף אשה חסר לב. — משלי ו).

---

1) זע אַנמערקונג 2 אין קאַפּיטל „פרויען און מענער".

12) זאָל דיין חברים געלט זיין ביי דיר אזוי טייער ווי דיינע אייגענע.

(יהי ממון חבירך חביב עליך כשלך. — אבות פ"ב).

13) די נאַטור איז, אז דער מאַן זוכט די פרוי.

(דרכו של איש לחזור על אשה. — קידושין ב).

14) אַ מענש זאָל אפילו וועלן געבן זיין גאַנצן פאַרמעגן צו קויפן ליבע וועט מען נאָר אים אויסלאַכן.

(אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו. — ש"ה ח).

15) אויפריכטיג (געטריי) זיינען אפילו די וואונדן וואָס אַ געליבטער פאַראורזאַכט, אָבער פאַלש זיינען אפילו די קושן פון אַ שונא.

(נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא. — משלי כז).

16) וואָס דו האָסט פיינט אַז אימעצער זאָל דיר טאָן זאָלסטו דיין חבר ניט טאָן.

(דעלך סני לחברך לא תעביד. — שבת לא).

17) אמאָל איז אַ פריינט מער צוגעקלעפּט ווי אַ ברודער.

(יש אוהב דבק מאח. — משלי יח).

18) צוויי רויב-פויגל (ראָבן) קענען ניט שלאָפן אויף דעם זעלביגן צווייגעלע. [גלייכוואָרט: צוויי קעץ קענען ניט זיין אין איין זאַק].

(אין שני זרזירים ישנים בדף אחד. — ב"ר עה).

19) די געצנדינער האָבן ליבער אַ אידישע בהמה מער ווי זייערע אייגענע ווייבער.

(חביבה על עכו"ם בהמתן של ישראל יותר מנשותיהן. — עבודה זרה כב).

20) די ליבע פאַרדעקט אַלע פעלערן.

(על כל פשעים תכסה אהבה. — משלי י).

21) וועמען גאָט האָט ליב דעם שטראָפט ער.

(את אשר יאהב ה' יוכיח. — משלי ג).

22) דער וואָס הייראַט אַ פרוי צוליב געלט, וועט ניט האָבן קיין פאַסנדיגע קינדער.

(כל הנושא אשה לשום ממון הוויין לו בנים שאינן מהוגנים. — קידושין ע).

23) ניט אומזיסט איז געגאַנגען די רויב-פויגל (ראָב) צו דער

וואראַנע — זי איז פון איר סאָרט.

(לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו. — ב"ק צב).

24) אַ מענש זאָל ניט טרינקען אין איין בעכער און וואַרפן זיי־נע אויגן אויף אַן אַנדער בעכער (ד. ה. ער זאָל ניט וואוינען מיט איין פרוי און האָבן אין זינען אַן אַנדערע).

(אל ישתה אדם בכוס זה ויתן עיניו בכוס אחר. — נדרים כ).

25) אויב זי וועט ניט געפינען קיין חן אין זיינע אויגן זאָל ער איר שרייבן אַ שיידונג.

(אם לא תמצא חן בעיניו וכתב לה ספר כריתות. — דברים כד).

26) דריי, דאַרף מען היטן: אַ קראַנקן, אַ חתן, אַ כלה.

(שלשה צריכין שימור ואלו הן: חולה חתן וכלה. — ברכות נד).

27) די וועלט רירט זיך, ווען אַ העסליכע פרוי האָט חתונה.

(תחת שלש רגזה ארץ וכו׳ תחת שנואה כי תבעל. — משלי ל).

28) אויף מיין געלעגער דורך די נעכט האָב איך געזוכט דעם, וועמען איך האָב ליב.

(על משכבי בלילות בקשתי את שאהבה נפשי. — ש"ה ג).

29) איך געדענק די פיינקייט פון דיין יוגנט; די ליבע, ווען דו ביזט געווען אַ כלה.

(זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך. — ירמיה ב).

30) פילע וואַסערן קענען ניט אויסלעשן די ליבע.

(מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה. — ש"ה ח).

31) איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן.

(ואהבתם את הגר. — דברים י).

32) ווען די ליבע איז געווען שטאַרק האָבן מיר געפונען גענוג פּלאַץ אפילו אויף דער ברייטער זייט פון אַ שווערד; אָבער אַז די ליבע איז אָפּגעקילט געוואָרן — איז ניטאָ גענוג פּלאַץ פאַר אונז אפילו אין אַ בעט פון זעכציג איילן די ברייט.

(כי רחימתין הוה עזיזא אפותיא דספסירא שכיבן, השתא דלא עזיזא רחימתין פוריא בר שיתין גרמידי לא סגי לן. — סנהדרין ז).

צדקה און הלוואה

1) דער וואָס נעמט צדקה און ער דאַרף עס ניט, וועט צום סוף מוזן אָנקומען דערצו.

(המקבל צדקה ואינו צריך לכך סופו יבוא לידי כך. — כתובות סח).

2) אפילו אזא אָרעמאַן וואָס ווערט אַליין געשפּייזט פון צדקה זאָל געבן צדקה.

(אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה. — גיטין ז).

3) עס איז אַ גרעסערער מענש ביי גאָט דער וואָס לייט אַ באַדערפטיגן אַ גמילות-חסד פון דעם וואָס גיט צדקה.

(גדול המלוה יותר מן העושה צדקה. — שבת סג).

4) עס איז אַלץ איינס, צי איינער גיט פיל, צי איינער גיט ווינציג, אָבער מ'דאַרף עס געבן מיטן גאַנצן האַרצן.

(אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לאביו שבשמים. — שבועות טו).

5) אָט דער איז אַ זעלטענער מענש ביי גאָט: אַ רייכער מאַן וואָס גיט צדקה באַהאַלטענערהייט.

(שלשה מכריז עליהן הקב"ה בכל יום וכו׳ על עשיר המעשר פירותיו בצינעה — פסחים קיג).

6) אין אַ הונגער-יאָר האָט רבי פאַנאַנדערגעעפנט זיינע שפּייכלערם מיט תבואה און האָט אויסגערופן: זאָלן אריינקומען די וואָס לערנען חומש, אויך די וואָס לערנען משניות, אויך די וואָס לערנען גמרא, אָבער די עמי-הארצים (אומוויסנדיגע) זאָלן ניט אריינקומען.

אין געדרענג האָט זיך אויך אריינגעשפּאַרט רבי יונתן בן עמרם. האָט צו אים רבי געזאָגט: „מיין קינד, לערנסטו דעם חומש?" רבי יונתן האָט געענטפערט: „ניין!" האָט אים רבי געפרעגט: „לערנסטו משניות?" רבי יונתן האָט געענטפערט: „ניין!" האָט דאַן צו אים רבי געזאָגט: „אויב אַזוי — פאַר וואָס זאָל איך דיר שפּייזן?" רבי יונתן האָט געענטפערט: „שפּייז מיר ווי אַ הונט אָדער אַ וואָראָנע!" האָט אים רבי געגעבן שפּייז.

ווען רבי יונתן איז אַוועקגעגאַנגען האָט זיך רבי זייער געערגערט און געזאָגט: „ווייי איז צו מיר! איך האָב געשפּייזט אַן עם-הארץ". האָט צו אים רבי שמעון געזאָגט: „אפשר איז דאָס גאָר געווען דיין

תלמיד רבי יונתן וועלכער וויל ניט אז מ'זאָל אים שפּייזן נאָר דער-פאַר וואָס ער קען לערנען?".

מ'האָט דאַן אונטערגעזוכט די זאַך און עס האָט זיך אַרויסגע-וויזן אַז רבי שמעון האָט געטראָפן. רבי האָט באַלד אויסגערופן: „אַלע קענען אַריינקומען!"

(רבי פתח אוצרותיו בשני בצורת, אמר יכנסו בעלי מקרא בעלי משנה בעלי גמרא אבל ע"ה אל יכנסו. דחק ר' יונתן בן עמרם ונכנס. א"ל רבי בני קרית. אמר לו לאו. שנית. אמר לו לאו. אם כן במה אפרנסך? א"ל פרנסני ככלב וכעורב. פרנסיה. בתר דנפיק יתיב רבי וקא מצטער ואמר אוי לי שנתתי מפתי לע"ה. אמר לפניו רבי שמעון שמא יונתן בן עמרם הוא שאינו רוצה ליהנות מכבוד תורה מימיו. בדקו ואשכח. אמר רבי יכנסו הכל. — בבא בתרא ח).

7) בנימין הצדיק איז געווען גבאי איבער דער צדקה-קאַסע. איין מאָל אין אַ הונגער-יאָר איז צו"אים געקומען אַ פרוי, און געזאָגט: „רבי, שפּייזט מיר!" האָט ער איר געענטפערט: „איך שווער דיר, אַז עס איז ניטאָ מער קיין פּרוטה אין דער צדקה-קאַסע". האָט זי צו אים געזאָגט: „רבי, אויב דו וועסט מיר ניט שפּייזן וועט אַ פרוי מיט זיבן קינדערלאַך אויסגיין פון הונגער". רבי בנימין האָט איר דאַן געשפּייזט פון זיינע אייגענע געלט.

(בנימין הצדיק היה ממונה על קופה של צדקה. פעם אחת באתה אשה לפניו בשני בצורת. אמרה לו רבי פנסני. אמר לה העבודה שאין בקופה של צדקת כלום. אמרה לו רבי אם אין אתה מפרנסני הרי אשה ושבעה בניה מתים. עמד ופרנסה משלו. — בבא בתרא יא).

8) דער וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בלינדן אָדער אַ קאַליקע, וועט צום סוף ווערן אַזעלכער.

(המסמא את עינו והמקפח את שוקו סופו שיבוא לידי כך. — כתובות סח).

9) ווען אַ מענש ווערט אַרויסגעהאָלפן פון אַ מענשן בייטן זיך ביי אים די קאָלירן אין פּנים.

(כיון שנצטרך אדם לבריות פניו משתנות לכמה גוונין. — ברכות ו).

10) ווער איז עס וואָס באַקלאָגט זיך און קיינער סימפּאַטיזירט ניט מיט אים? — דער וואָס לייט אימעצן געלט און עס זיינען ניטאָ דערביי קיין עדות.

(הצועק ואינו נענה מי שמלוה מעותיו שלא בעדים. — בבא מציעא עה).

11) ביי אידן קוקט מען אויף אָרעמע לייט ווי אויף פרייע

(גלייכע) מענשן וועלכע האָבן נאָר פארלאָרן זייער פארמעגן, ווייל זיי זיינען דאָך אויך די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.

(אפילו עניים שבישראל רואין אותם כאלו הם בני חורין שירדו בנכסיהן שהן בני אברהם יצחק ויעקב. — בבא קמא צ).

12) עס איז אַ גרעסערער מענש ביי גאָט דער וואָס מאַכט אַנ־דערע צו טאָן אַ גוטע זאַך (ווי געבן צדקה למשל), ווי דער וואָס טוט אַליין אַ גוטע זאַך.

(גדול המעשה יותר מן העושה. — בבא בתרא ט).

13) איין הויפן קען ניט זאַט מאַכן אַ לייב.

(אין הקומץ משביע את הארי. — ברכות ג).

14) אז די זון שיינט שבת איז עס אַ טייערע זאַך (אַ פארגע־ניגן) פאַר די אָרעמע לייט.

(שמוש בשבת צדקה לעניים. — תענית ה).

15) טורנוסרופוס האָט אַמאָל געפרעגט רבי עקיבאן: „אויב אייער גאָט האָט ליב די אָרעמע לייט, טאָ פארוואָס שפּייזט ער זיי ניט?" האָט אים רבי עקיבא געענטפערט: „גאָט גיט אונז אַ געלעגנ־הייט צו געבן צדקה, כדי מיר זאָלן דורך דעם געראַטעוועט ווערן פון גיהנום".

(שאל טורנוסרופוס את רבי עקיבא: אם אלהיכם אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן. אמר לו כדי שניצול אנו מדינה של גיהנום. — בבא בתרא י).

16) וואָס פאַר אַ גוטע זאַך זאָל אַ מענש טאָן וואָס זאָל אים העלפן צו האָבן קינדער? — זאָגט רבי אליעזר: „ער זאָל זיין פריי־געביג מיט זיין געלט צו אָרעמע לייט".

(מה יעשה לו אדם ויהיה לו בנים ר' אליעזר אומר יפזר מעותיו לעניים. — כלה פ"י).

17) רבי ינאי האָט באַמערקט ווי איינער האָט געגעבן אַן אָרע־מאַן אַ גילדן פאַר פילע מענשן אין די אויגן. האָט ער צו אים גע־זאָגט: „בעסער וואָלסטו אים גאָרניט געגעבן ווי דו האָסט אים גע־געבן און אים פאַרשעמט.

(ר' ינאי חזייה לההוא גברא דקא יהיב זוזא לעני בפרהסיא א"ל מוטב דלא יהבת ליה מהשתא דיהבת ליה וכספתיה. — חגיגה ה).

18) אַ צדקה (זייער גוט) האָט גאָט געטאָן מיט אידן וואָס ער האָט זיי צושפּרייט צווישן אַלע פעלקער (ווייל ווען מ'זאָל אויס'הרג'ע־נען אידן אין איין לאַנד וועלן דאָך בלייבן אידן אין אַן אַנדער לאַנד).

(צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרן לבין האומות. — פסחים פז).

19) בעסער גארניט צוזאגן איידער צוזאגן און ניט באצאלן.
(טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם. — קהלת ה).

20) א שקלאף ווערט דער מענש וואס לייעט, צו דעם מענשן פון וועמען ער לייעט.
(עבד לוה לאיש מלוה. — משלי כד).

21) דו זאלסט ניט פארשליסן די טיר פאר דעם וואס וויל לייען.
(לא תנעול דלת בפני לוין. — יבמות קכב).

22) האסטו געליען עפעס טארסטו עס ניט פארלייען.
(אין השואל רשאי להשאיל. — גיטין כט).

23) א מענש האט ניט די העזה צו לייקענען א חוב דעם בעל חוב אין די אויגן.
(אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו. — שבועות מב).

24) עס איז גלייכער פאר א מענשן אפילו צו פארקויפן זיין טאכטער פאר א שקלאפן איידער צו לייען געלט אויף פראצענט. (ווייל די אויסלייז-געלט פאר זיין טאכטער ווערט וואס ווייטער אלץ קלענער, אבער זיין חוב צום פראצענטניק ווערט וואס ווייטער אלץ גרעסער).
(ניחא ליה לאיניש דליזבין ברתיה ולא ליזיף בריביתא. — ערכין ל).

25) די פאלגענדיגע זיינען ניט קיין באגלויבטע עדות: דער קארטן-שפילער, דער פראצענטניק.
(ואלו הן הפסולין לעדות: המשחק בקוביא ומלוה בריבית. — עירובין פב).

26) מ'דארף אונטערזוכן (נאכפרעגן צי ער נויטיגט זיך ווירקליך אין דעם) ווען איינער בעט א בגד, אבער מ'מאכט ניט קיין אונטערזוכונג אויף אזעלכן וואס בעט ברויט.
(בודקים לכסות ואין בודקים למזונות. — בבא בתרא ט).

27) דער ארעמאן איז הונגעריג און ער פילט עס ניט. [אויך מיינט עס: דער ארעמאן ווייס ניט ווי „שטארק" הונגעריג ער איז].
(כפין עניא ולא ידע. — מגילה י).

28) די תלמידים האבן געפרעגט רבי נחוניא'ן: „מיט וואס האסטו פארלענגערט דיין לעבן?" האט ער זיי געענטפערט: „איך בין געוועזן פרייגעביג מיט מיין געלט".
(שאלו תלמידיו את רבי נחוניא: במה תארכת ימים? אמר להם וותרן בממוני הייתי. — מגילה כח).

29) א מענש טאָר ניט אוועקלייגן א לייב אויב זיין פעלד, כדי די אָרעמע לייט זאָלן זיך אָפּשרעקן און אנטלויפן.
(אסור לאדם להרביץ ארי בתוך שדהו כדי שיראו עניים ויברחו. — בבא מציעא יא).

30) די טויב האָט געזאָגט צו גאָט: „זאָל בעסער מיין שפּייז זיין אַזוי ביטער ווי דער אוילבערט, אָבער עס זאָל ליגן אין דיין האַנט, איידער מיין שפּייז זאָל זיין זיס ווי האָניג און ליגן אין דער האַנט פון א מענשן“.
(אמרה יונה לפני הקב"ה: יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם. — עירובין יח).

31) צוויי מענשן וועלכע גייען צוזאַמען קלייבן צדקה פאַר א באַדערפטיגן טאָרן ניט אָפּטרעטן איינער פון דעם אַנדערן אויף איין מינוט.
(גבאי צדקה אינן רשאין לפרוש זה מזה. — בבא בתרא ח).

32) צדקה־געלט ווערט געקליבן דורך צוויי מענשן און פאַנאַנ־דערגעטיילט דורך דריי.
(צדקה נגבת בשנים ומתחלקת בשלשה. — סנהדרין יז).

33) די תורה האָט געזאָגט: „אייער תרומה“ (במדבר יח) — מיינט עס אייערע. [גלייכוואָרט: זיי ניט קיין בעל צדקה אויף יע־נעמס קעשענע].
(אמר קרא תרומתכם שלכם תהא. — פסחים כג).

34) אויב ער איז אַן אָרעמאַן זאָלסטו ניט שלאָפן מיט זיין משכון ביי דיר.
(אם איש עני הוא לא תשכב בעבוטו. — דברים כד).

35) „דו זאָלסט אכטן גאָט מיט דיין געלט“ (משלי ג) — מיינט עס אַז אין דיין קעשענע זאָל ווערן ווינציגער (דורך געבן צדקה).
(כבד את ד׳ מהונך בחסרון כיס. — קידושין לב).

36) דער וואָס האָט שפּייז אויף צוויי מאָלצייטן זאָל ניט נעמען פון דער שטאָטישער קיך.
(מי שיש לו מזון שתי סעודות לא יטול מן התמחוי. — שבת קיז).

37) א צדיק איז דער וואָס האָט ניט אוועקגענומען ביי א צווייטן זיין שטיקל ברויט, אויך דער וואָס האָט קיינמאָל גאָר ניט גענומען פון דער צדקה־קאַסע.
(צדיק הוא שלא ירד לאומנות חבירו וזה שלא נהנה מקופה של צדקה. — סנהדרין פא).

38) **דער וואָס האָט פיינט געשענקטע וועט לעבן.**
(ושונא מתנות יחיה. — משלי טז).

39) שלמה המלך איז געגאנגען איבער די הייזער (ווען דער אשמדאי האָט אים פאַרוואָרפן פיר הונדערט מייל ווייט) און וואו ער איז געקומען האָט ער געזאָגט: „איך בין דער פאַרפאַסער פון קהלת, איך בין געווען אַמאָל קעניג איבער די אידן אין ירושלים".
(שלמה היה מחזר על הפתחים וכל היכא דמטא אמר אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים. — גיטין סח).

40) אויב דו האָסט גאַראַנטירט פאַר אימעצן וואָס האָט געליען געלט, האָסטו גאַראַנטירט צו באַצאָלן אויב ער באַצאָלט נים.
(אם ערבת, ערבת על מנת לשלם. — דרך ארץ זוטא פ"ג).

41) די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט נאָר דורך דעם וואָס גאָט איז אַ גרויסער בעל-צדקה, אָבער נים דערפאַר ווייל די וועלט איז עס ווערט.
(כל העולם כולו ניזון בצדקה. — ברכות יז).

42) אויב דיין שונא איז הונגעריג, גיב אים עסן ברויט; און אויב ער איז דורשטיג, גיב אים טרינקען וואַסער — אפילו דו שאַרסט גאָר מיט דעם הייסע קוילן אויף זיין קאָפּ, דאָך וועט דיר גאָט גוט באַצאָלן דערפאַר.
(אם רעב שונאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים כי גחלים אתה חתה על ראשו וה' ישלם לך. — משלי כה).

פרנסה און האַנדל

1) פון אַ קליינעם געשעפט איז קליין דער פאַרדינסט.

(עסקא זוטר דזוטר רווחא. — כתובות סו).

2) „דאָס איז די ערגסטע סחורה“, זאָגט דער קויפער ווען ער קויפט, און אַז ער גייט אַוועק, באַרימט ער זיך מיט דער זעלביגער סחורה.

(רע רע יאמר הקונה ואוזל לו אז יתהלל. — משלי כ).

3) דער קויפער קען חרטה האָבן, אָבער ניט דער פאַרקויפער. [גלייכוואָרט: חרטה — איז ניט מעשה סוחר].

(לוקח יכול לחזור בו ולא המוכר. — בבא בתרא פג).

4) איר זאָלט ניט אָפּנאַרן איינער דעם צווייטן.

(לא תונו איש את עמיתו. — ויקרא כה).

5) די אידן האָבן געזאָגט צו דעם קעניג דוד: „אונזער האַר קעניג! דיין פאָלק ישראל דאַרף האָבן פּרנסה“. האָט ער זיי געענט-פערט: „גייט אייך און האָט פּרנסה איינע פון די אַנדערע“.

(אמרו לדוד: אדוננו המלך עמך ישראל צריכין פרנסה. אמר להם לכו והתפרנסו זה מזה. — ברכות ג).

6) דער וואָס נעמט סחורה אָן געלט (אויף באָרג) פאַרדינט גאָר-ניט אין זיין האַנדל (ווייל עס קומט אים אָן גרינג גיט ער עס אַוועק אָן פאַרדינסט).

(כל הנוטל ממך בלא דמים אינו מועיל בפרקמטיא שלו כלום. — מגילה ו).

7) דער פאַרקויפער פאַרגינט דיר די זאַך וואָס ער פאַרקויפט.

(מוכר בעין יפה מוכר. — בבא בתרא סד).

8) דער וואָס באַאַרבעט זיין ערד וועט האָבן ברויט צו זאַט.

(עובד אדמתו ישבע לחם. — משלי יב).

9) די הענדלער וואָס זיצן אין מאַרק מיט זייערע פּעק סחורה וייסן ניט פון קיין גוטס אויף דער וועלט.

(תגרי סימטא אינם רואים סימן ברכה בעולם. — פסחים נ).

10) דער, וועלכער גיט זיך אָפּ צופיל מיט די געשעפטן, קען ניט ווערן קיין חכם (קענער) אין לערנען.

(לא כל המרבה בסחורה מחכים. — אבות ב).

11) אַ מענש גייט צו דעם קרעמער ביי וועלכן ער איז איינגע־וואוינט צו קויפן.
(הולך אדם אצל חנוני הרגיל אצלו. — ביצה כט).

12) אַ מענש וועט ניט ארויסוואַרפן זיין געלט אויף דאָס וואָס ער דאַרף ניט.
(לא שדי איניש זוזי בכדי. — כתובות לז).

13) יעדער אָנפאַנג איז שווער.
(כל התחלות קשות. — מכילתא פ׳ יתרו).

14) נאָך דעם רייכן מאַן איז גוט זיך נאָכצושלעפּן. [אויך: געלט — ציט זיך צו דעם רייכן מאַן].
(בתר מרי ניכסי ציבי משך. — בבא קמא צג).

15) עס איז ניטאָ קיין מזל ברכה אין אַ זאַך וואָס איז געוואויגן, געמאָסטן אָדער געציילט.
(אין הברכה מצויה לא בדבר השקול ולא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי. — תענית ח).

16) האָסטו צוגעגאָסן וואַסער — שיט צו מעל.
(אוסיפתא מיא אוסיף קמחא. — ב״ר פ״ע).

17) אַ פאָטער דאַרף שפּייזן זיינע זין און טעכטער ווען זיי זיינען נאָך קליינע.
(יהא אדם זן את בניו ואת בנותיו כשהן קטנים. — כתובות מט).

18) גליק געפינט זיך ביי אַ מענשן אין הויז נאָר צוליב זיין ווייב.
(אין הברכה מצויה בביתו של אדם אלא בשביל אשתו. — ב״מ נט).

19) אויף יעדן מענשן קומט אַ צייט.
(אין לך אדם שאין לו שעה. — אבות פ״ד).

20) געלט שטעלט אַ מענשן אויף די פיס.
(ממון מעמיד רגליו של בעליו. — קה״ר ז).

21) דער וואָס גיט לעבן גיט צום לעבן.
(מאן דיהיב חיי יהיב מזוני. — תענית ח).

22) פון אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן ווערט אַ פולער עמער.
(מטיפה לטיפה נתמלא התין. — מד״ר פי״ז).

23) עס איז בעסער איין פויגל א געבונדענער פון הונדערט וואס פליען אין דער לופטן.

(טבא חדא ציפרא כפותא ממאה פרחיין באויר. — קה"ר ד).

24) די וואס שרייבן ספרים ווייסן ניט פון קיין גוטס אויף דער וועלט.

(כותבי ספרים אינם רואים סימן ברכה בעולם 1). — פסחים ג).

25) דער וואס עוסק'ט זיך צופיל מיט זיין הויז (בויען און אי-בערבויען) ווערט אן ארעמאן.

(כל העוסק בבנין מתמסכן. — יבמות סג).

26) מ'פאנגט ניט אן אן ארבעט אום מאנטיג און מיטוואך (ווייל עס איז ניט מזל'דיג).

(אין מתחילין בב"ד. — זוהר עקב).

27) אלץ ווענדט זיך אן מזל.

(הכל תלוי במזל. — זוהר נשא).

28) דעם מענשנס גאנצע פלאגעניש איז פאר זיין מויל.

(כל עמל האדם לפיהו. — קהלת ו).

29) ווער עס האט הונדערט וויל צוויי הונדערט.

(מי שיש לו מנה רוצה מאתים. — מדרש קר"א).

30) אזוי גיך ווי א מענש ווערט אויסגעקליבן פאר א קהל'שן אמט 2) ווערט ער רייך.

(כיון שנתמנה אדם פרנס על הציבור מתעשר. — יומא כב).

31) די הענט זיינען שטענדיג באשעפטיגט.

(ידים עסקניות הן. — שבת יד).

32) פרייען זיך די ארעמע לייט — טרויערן די בעלי בתים; טרויערן די ארעמע לייט — פרייען זיך די בעלי בתים.

(עניים שמחין ובעלי בתים עצבין; עניים עצבין ובעלי בתים שמחין. — יומא כא).

33) א מענש קען דורכלעבן מיט ברויט אליין.

(עושה אדם כל צרכו בפת. — ביצה כ).

---

1) דער ווארט ווערט אפט אויך געזאגט אויף פארפאסער, אבער דער תלמוד מיינט נאר די וואס שרייבן ספרי־תורה'ס.

2) זע אנמערקונג 1 אין קאפיטל „רייכקייט“.

34) איך וויל ניט זיין פון די וואָס פארשפארן זיך אין בית המדרש ווען אין הויז איז ניטאָ קיין ברויט.

(לא אהיה מחובשי עצמן בבית המדרש ובביתי אין לחם. — שבת קכ).

35) רבי שמעון מאָלט אַ סך און פאַרדינט ווייניג.

(רבי שמעון טוחן הרבה ומוציא קמעה. — גיטין סז).

36) עס איז אַ רעדעלע וואָס „דרייט" זיך אין דער וועלט. [גלייכווערט: די וועלט איז ווי אַ רעדעלע וואָס דרייט זיך: איינער ארויף און דער אַנדערער אַרונטער].

(גלגל הוא שחוזר בעולם. — שבת קנא).

37) וועמען עס איז שלעכט אין איין שטאָט זאָל אוועקגיין אין אַן אַנדער שטאָט.

(מאן דביש ליה בהאי מתא ילך למתא אחריתא. — בבא מציעא עה).

38) די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט נאָר דורך דעם וואָס גאָט איז אַ גרויסער בעל-צדקה, אָבער ניט דערפאַר ווייל די וועלט איז עס ווערט.

(כל העולם כולו ניזון בצדקה. — ברכות יז).

39) לעבן, האָבן קינדער און חיונה ווענדן זיך ניט אין ווערט זיין, נאָר אין מזל.

(חיי בני ומזוני לא בזכותא תליא מלתא אלא במזל. — מועד קטן כח).

40) זאָל זיך אַ מענש פאַרדינגען צו אַן אַרבעט וואָס איז אים פרעמד און ער זאָל ניט אָנקומען צו מענשן.

(ישכיר אדם את עצמו לעבודה שזרה לו ואל יצטרך לבריות. בבא בתרא קי).

41) רבי אליעזר האָט געזען אַן ערד-אַרבעטער וועלכער האָט געוואָרפן די זריעה אין דער ברייט פון די בייטן. האָט ער צו אים געזאָגט: „ווען דו זאָלסט אפילו וואַרפן די זריעה אין דער לענג פון די בייטן וועסטו אַלץ דערפון ניט פאַרדינען אַזוי פיל ווי פון געשעפט.

(ר' אליעזר חזייה לההיא ארעא דשדי ביה כרבא לפותיא אמר לו אי תשדייה לאורכיך הפוכי בעסקא טב מינה. — יבמות סג).

42) עס איז בעסער איין הויפן (אַ ביסעלע), אָבער מיט רואיקייט — איידערביידע הויפנס, אָבער מיט פּלאָגעניש.

(טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל. — קהלת ד).

43) דעם סוחר קען מען ניט אפנארן — ער איז קלאר אין זיין געשעפט.

(תגר אין לו אונאה מפני שהוא בקי. — בבא מציעא נא).

44) פיר לעבלאך ברויט דארף דער ארעמער שוסטער און פיר לעבלאך ברויט דארף דער רייכער שוסטער. [דער רייכער עסט ניט מער ווי דער ארעמער].

(ארבעה לצלא וארבעה לצללא. — בבא בתרא ח).

45) שלמה האט געבעטן ביי גאט: „ארעמקייט און רייכקייט זאלסטו מיר ניט געבן, שפייז מיר נאר מיט ברויט וויפל איך דארף.

(רש ועושר אל תתן לי הטריפני לחם חוקי. — משלי ל).

46) ניט צו קלוגע — איז ברויט; און ניט צו די וואס פאר־שטייען א סך — איז עשירות. [מ'קען זיך זיין א חכם, און דאך קיין ברויט ניט האבן; מ'קען זיך פארשטיין א סך, און דאך זיין אן ארעמאן].

(לא לחכמים לחם ולא לנבונים עושר. — קהלת ט).

47) האסטו אנגענומען צופיל — האסטו גארניט אנגענומען; האסטו אנגענומען א ביסעלע — האסטו עס יא אנגענומען.

(תפשת מרובה לא תפשת; תפשת מיעוט תפשת. — חגיגה יז).

48) מער פארמעגן — מער זארג.

(מרבה נכסים מרבה דאגה. — אבות פ"ב).

49) געלט אויף צו קויפן תבואה און עפעס פארדינען איז ניטא, אויף צו פארלירן געפינט זיך.

(זוזא לעללא לא שכית לתליתא שכית. — חגיגה ה).

50) דער ביי וועמען אין האנט עס איז די געלט, יענער האט די אויבערהאנט.

(כל שהכסף בידו ידו על העליונה. — בבא מציעא מט).

51) דו זאלסט זיך ניט דינגען ווען דו האסט ניט ביי זיך קיין געלט.

(אל תעמוד על המקח בשעה שאין לך דמים. — פסחים קיב).

52) דער וואס האט חרטה פארלירט די אויבערהאנט.

(כל המשנה ידו על התחתונה. — בבא מציעא עו)

53) מיט דעם שווייס פון דיין פנים וועסטו עסן ברויט.

(בזעת אפיך תאכל לחם. — בראשית ג).

54) אויב א מענש וועט דיר זאָגן: „איך האָב ניט געהאָרעוועט און פאַרדינט“, זאָלסטו אים ניט גלויבן. אויב ער זאָגט: „איך האָב געהאָרעוועט און ניט פאַרדינט“, זאָלסטו אים ווידער ניט גלויבן. אויב ער זאָגט: „איך האָב געהאָרעוועט און פאַרדינט“, זאָלסטו אים יאָ גלויבן.

(אם יאמר לך אדם לא יגעתי ומצאתי אל תאמן. יגעתי ולא מצאתי אל תאמן. יגעתי ומצאתי תאמן. — מגילה ו).

55) דער וואָס היט דעם פייגן-בוים וועט עסן זיינע פרוכט.

(נוצר תאנה יאכל פריה. — משלי כז).

56) א בריה א מענש פאַרלירט אמאָל אויך.

(יש זריז ונפסד. — פסחים נא).

57) עס איז ניטאָ קיין אָרעמקייט פון דער ארבעט און עס איז ניטאָ קיין עשירות (רייכקייט) פון דער ארבעט.

(לא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות. — קידושין י).

58) יעקב האָט געזאָגט: „און גאָט וועט מיר געבן ברויט צו עסן און א קלייד אָנצוטאָן“ (וועל איך זיין צופרידן).

(ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש. — בראשית כח).

59) זיבן יאָר איז געווען א הונגער און איבער דעם שוועל פון דעם ארבעטער איז ער ניט אריבער.

(שב שני הוה כפנא ואבבא דאומנא לא חלף. — סנהדרין כט).

60) ווען זיין פאָטער האָט איבערגעלאָזן געלט און ער וויל עס פאַרלירן, זאָל דינגען ארבעטער און ניט זיצן מיט זיי.

(מי שהניח לו אביו מעות ורוצה לאבדן ישכור פועלים ואל ישב עמהן. — חולין פה).

61) א מענש זאָל שטענדיג צוטיילן זיין פאַרמעגן אין דריי טייל: און דריטל זאָל ער אריינלייגן אין לאַנד, איין דריטל — אין געשעפט, און איין דריטל זאָל ער האָבן שטענדיג לעבן זיך אין גרייטע געלט.

(לעולם ישליש אדם את מעותיו שליש בקרקע ושליש בפרקמטיא ושליש תחת ידו. — בבא מציעא מב).

תלמידי חכמים, ריכטער, שרייבער, רבנים, חזנים, שמשים, קהל'שע באַאַמטע, און עמי־הארצים

1) אפילו אין די וואָכעדיגע (איינפאַכע) רייד פון תלמידי חכמים מוז מען זיך גוט אריינטראַכטן זיי צו פאַרשטיין.
(אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה לימוד. — סוכה כא).

2) יפתח אין „זיין" דור (איז געווען אזוי גרויס) ווי שמואל אין „זיין" דור.
(יפתח בדורו כשמואל בדורו. — ראש השנה כה).

3) יעדער דור האָט זיינע פאַרשער; יעדער דור האָט זיינע חכמים.
(דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו. — סנהדרין לט).

4) וואָס פאַר א דור — אזא פירער.
(פרנס לפי דור. — ערכין יז).

5) נאָך דעם קאָפּ — גייט דער קערפער. [וואָס פאַר א קעניג — אזעלכע מיניסטערס].
(בתר רישא גופא אזיל. — עירובין מא).

6) דו זאָלסט ניט וואוינען אין א שטאָט וואָס אירע באַאַמטע זיינען תלמידי חכמים. (ווייל זיי גיבן זיך אָפּ מיט זייער לערנען מער ווי מיט די שטאָטישע עסקים).
(אל תדור בעיר שראשיה תלמידי חכמים. — פסחים קיב).

7) אפילו א געצנדינער, אויב נאָר ער באַשעפטיגט זיך מיט תורה, איז אזוי גרויס ווי א כהן גדול.
(אפילו עכו"ם ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול. — סנהדרין נט).

8) ניט שטענדיג געפינט מען ביי תלמידי חכמים אז עס זאָלן אויסוואַקסן תלמידי חכמים פון זייערע קינדער.
(אין מצויין ת"ח לצאת ת"ח מבניהם. — נדרים פא).

9) דער וואָס ווייס ניט די דינים פון גיטין און קידושין זאָל זיך מיט זיי ניט באַשעפטיגן.
(כל שאינו יודע טיב גיטין וקידושין לא יהא לו עסק עמהן. — קידושין ו).

10) עס איז גרעסער די שנאה וואָס אומוויסנדיגע מענשן האָבן צו געלערנטע, ווי די שנאה וואָס די געצנדינער האָבן צו די אידן; און די ווייבער (פון די אומוויסנדיגע) פילן נאָך אַ גרעסערע שנאה (צו די געלערנטע) ווי זייערע מענער.

(גדולה שנאה ששונאין עמי הארץ לתלמידי חכמים יותר משנאה ששונאין עכו"ם את ישראל ונשותיהן יותר מהן. — פסחים מט).

11) תלמידי חכמים, וואָס עלטער זיי ווערן — ווערן זיי אַלץ קליגער; עמי־הארצים, וואָס עלטער זיי ווערן — ווערן זיי אַלץ נאַרישער.

(ת"ח כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם. ע"ה כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם. — שבת קנב).

12) ווײ איז צו די רבנות — עס טרייבט יונג אין קבר אריין [1].

(אוי לה לרבנות שמקברה את בעליה. — פסחים פז).

13) רבי! דו מעגסט און איך טאָר ניט?

(רבי לך שרי ולי אסור. — ירושלמי מגילה ג).

14) ר' אליעזרים בהמה פלעגט ארויסגיין אום שבת מיט דעם שטריקל צווישן אירע הערנער — קעגן דעם ווילן פון די אנדערע חכמים. [דערפון דער ווערטל: דעם רביים בהמה — מעג].

(פרתו של ר' אליעזר היתה יוצאת בשבת ברצועה שבין קרניה שלא ברצון חכמים. — שבת נד).

15) אַ ממזר אַ תלמיד חכם איז מער יחסן פאַר אַ כהן גדול אַן עם־האָרץ.

(ממזר ת"ח קודם לכהן גדול עם הארץ. — הוריות יג).

16) די ווייב פון אַ געלערנטן מענשן איז געאַכט ווי דער געלערנטער.

(אשת חבר הרי היא כחבר. — עבודה זרה לט).

17) האָב ליב די אַרבעט און האָב פיינט צו זיין אַ פּריץ.

(אהב את המלאכה ושנא את הרבנות. — אבות א).

18) „און אַן עלטסטן אין דיין פאָלק זאָלסטו ניט שילטן" (שמות כב). זאָגט אויף דעם דער תלמוד: „די תורה מיינט נאָר אזעלכן, וואָס פירט זיך אויף אַזוי ווי עס דאַרף זיך אויפפירן איינער פון דיין פאָלק".

(ונשיא בעמך לא תאור בעושה מעשה עמך. — בבא קמא צד).

---

1) „רבנות" באַדייט — „הערשאַפט", ד. ה. זיין אַ פירער אָדער אַ הערשער.

19) אז דער פאסטוך ווערט אין כעס אויף דער סטארע מאכט ער איר פירער בלינד.
(כד רגיז רעיא על ענא עביד לנגדא סמותא. — בבא קמא נא).

20) יעדער תלמיד חכם וואס איז ניט אינעווייניג ווי ער זעט אוים צו זיין פון אויסנווייניג איז ניט קיין תלמיד חכם.
(כל ת"ח שאין תוכו כברו אינו ת"ח. — יומא עג).

21) א דיין (ריכטער), וועלכער ווערט גערופן פון אימעצן צו א משפט איז זיין נאמען ניט „דיין".
(כל דיין דמיתקרי לדין לא שמיה דיין. — בבא בתרא נח).

22) זאלסט פריער זיך אליין אויספוצן (אויסאיידלען), דער־נאך קענסטו אויך פוצן אנדערע.
(קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים. — סנהדרין יט).

23) די תלמידי חכמים אין בבל צו־מזיק'ן איינע די אנדערע אין לערנען.
(ת"ח שבבבל מחבלים זה את זה בהלכה. — סנהדרין כד).

24) אייניגע זאגן אז מ'טאר ניט און אנדערע זאגן אז מ'מעג.
(הללו אוסרין והללו מתירין. — חגיגה ג).

25) דער בלאז פון שופר לייגט אריין אין חרם און דער בלאז פון שופר נעמט ארונטער דעם חרם.
(טוט אסר וטוט שרי. — מועד קטן טז).

26) רב יוסף איז סיני (ער קען א סך לערנען, אבער ער קען ניט דעם פלפול), רבה רייסט אוים בערג מיט זיין שארפן קאפ.
(רב יוסף סיני רבה עוקר הרים. — הוריות יד).

27) רבי יוסי איז א דיין וואס גרונטעוועט זיך אין די טיפעניש פון געזעץ.
(רבי יוסי בר חנינא דיינא הוא ונחית לעומקא דדינא. — ב"ק לט).

28) א ווארנונג צו די דיינים ; זיי זאלן ניט זיין ווייך צו איינעם און שטרענג צו א צווייטן.
(אזהרה לבית דין שלא יהא רך לזה וקשה לזה. — כתובות מו).

29) א קלאגע וועגן א פרוטה איז ווי א קלאגע וועגן הונדערט גילדן.
(דין של פרוטה כדין של מאה מנה. — סנהדרין ח).

30) דער ריכטער וועלכער נעמט כאבאר, אפילו ער קען זיך

זיין א גרויסער צדיק אין אלע אנדערע זאכן, וועט ניט אוועקגיין פון דער דאזיגער וועלט ביז ער וועט פריער ארונטער פון זינען.

(אפילו צדיק גמור ולוקח שוחד אינו נפטר מן העולם בלא טירוף דעת. — כתובות קה).

31) ווער איז א תלמיד חכם? — דער, ביי וועמען מ'פרעגט אפילו אזא דין וואס איז געשריבן אין א ספר וואס מ'לערנט זעלטן און דאך — זאגט ער דעם דין.

(איזהו ת"ח כל ששואלין אותו הלכה בכל מקום ואומרה. — שבת קיג).

32) ווער איז אן עם-הארץ? — דער וואס האט קינדער און דערציט זיי ניט אין לערנען.

(איזהו עם הארץ כל שיש לו בנים ואינו מגדלן ללמוד תורה. — סוטה כא).

33) א תלמיד-חכם איז אן אלמער פול מיט ביכער (א ביכער-שראנק).

(צנא מלא ספרא. — מגילה כח).

34) תלמידי־חכמים שטויסן זייערע פיס פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד צו לערנען תורה.

(ת"ח מכתתים רגליהם מעיר לעיר וממדינה למדינה ללמוד תורה. — בבא בתרא ח).

35) תלמידי-חכמים פארמערן דעם פרידן אין דער וועלט. [אדער: וואס מער געלערנטע מענשן — אלץ מער פרידן אין דער וועלט].

(ת"ח מרבים שלום בעולם. — ברכות סד).

36) מיין קינד! באצי זיך מיט אכטונג צו די ווערטער פון געלערנטע.

(בני הזהר בדברי סופרים. — עירובין כא).

37) א געזעץ פון די רבנים איז ווי א געזעץ פון דער תורה.

(תקון רבנן כעין דאורייתא. — עבודה זרה לב).

38) א פרומער נאר איז, למשל, דער וואס זעענדיג א פרוי זיך טרינקען אין א טייך האט ער געזאגט: „עס איז ניט דער שטייגער פון דער וועלט צו קוקן אויף פרויען" און ער האט איר געלאזן זיך דערטרינקען.

(חסיד שוטה כגון דקא טבעה אתתא בנהרא ואמר לאו אורח ארעא לאסתכולי בה ואצולה. — סוטה כא).

39) דאָס וואָס די רבנים האָבן געזאָגט זאָל ניט זיין ביי אייך ווי אויף א געלעכטער.

(לא ליהוי מלתא דרבנן כחוכא ואיטלולא. — עירובין סח).

40) א תלמיד-חכם וועלכער איז ניט האַרט ווי אייזן (שטרענג, פעסט) איז ניט קיין תלמיד-חכם.

(ת"ח שאין קשה כברזל אינו ת"ח. — תענית ד).

41) דער וואָס איז ניט קיין תלמיד-חכם און ער גרויסט זיך אין די קליידער וואָס תלמידי-חכמים טראָגן, וועט ניט אריינגעלאָזן ווערן פאַר גאָט (ד. ה. גאָט וועט אים ניט וועלן אָנקוקן).

(כל המתגאה בטלית של ת"ח ואינו ת"ח אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה. — בבא בתרא צז).

42) א רבי און זיין געוועזענער תלמיד, וועלכע באשעפטיגן זיך מיט תורה אין דעם זעלביגן פּלאַץ ווערן שונאים איינער דעם אנדערן. זיי גייען אָבער ניט אוועק פון דאָרטן ביז זיי ווערן צוריק גוטע פריינט.

(הרב ותלמידו שעוסקין בתורה על שער אחד נעשו אויבים זה את זה ולא זזו משם עד שנעשו אוהבים זה את זה. — קידושין ל).

43) ווען א רב האָט מוחל געוועזן אויף זיין כבוד איז זיין כבוד פאַרגעבן.

(הרב שמחל על כבודו, כבודו מחול. — קידושין לב).

44) דער וואָס גייט קעגן זיין רבי איז א גראָביאַן.

(המהלך כנגד רבו הרי זה בור. — יומא לח).

45) סופרים (די וואָס שרייבן ספרי-תורה'ס) ווייסן ניט פון קיין גוטס אויף דער וועלט 2).

(כותבי ספרים אינם רואים סימן ברכה בעולם. — פסחים ג).

46) צו דעם וואָס לאַכט אָפּ פון תלמידי-חכמים איז שוין גאָר קיין רפואה ניטאָ צו זיין מכה 3).

(המבזה ת"ח אין לו רפואה למכתו. — שבת קכ).

---

2) דער דאָזיגער גלייכוואָרט ווערט אויך געזאָגט אָפּט אויף פאַרפאַ־סער — ווייל די באַדייטונג פון „סופרים" איז „שרייבער". דער תלמוד מיינט אָבער נאָר די וואָס שרייבן ספרי־תורה'ס.

3) איך גיב עס אין דעם זין ווי די וועלט באַנוצט עס אלס א גלייכ־וואָרט.

47) דער וואָס גיט תרומה צו אַ כהן אַן עם-הארץ איז אַזוי ווי ער וואַרפט עס פאַר אַ לייב.
(כל הנותן תרומה לכהן עם הארץ כאלו נותנה לפני ארי. — סנהדרין צ).

48) ניט דער עם-הארץ קען זיין פרום.
(לא עם הארץ חסיד. — אבות פ"ב).

49) אַזוי גיך ווי אַ מענש ווערט אויסגעקליבן פאַר אַ פירער ביי דאָס פאָלק טאָר ער ניט טאָן קיין פּראָסטע אַרבעט.
(כיון שנתמנה אדם פרנס על הציבור אסור בעשיית מלאכה. קידושין ע).

50) אַזוי גיך ווי אַ מענש ווערט אויסגעקליבן פאַר אַ פירער ביי דאָס פאָלק ווערט ער רייך 4).
(כיון שנתמנה אדם פרנס על הציבור מתעשר. — יומא כב).

51) זאָלסט ניט אַוועקמאַכן אונטערן האַנט די ברכה וואָס אַן איינפאַכער מענש וועט דיר געבן.
(אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך. — מגילה טו).

52) דער דיין דאַרף באַטראַכטן אַ זאַך נאָר ווי די אויג זעט.
(אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות. — נדה כ).

53) אַ פייאיגער תלמיד איז געווען אין יבנה וועלכער האָט געקענט ריין מאַכן (כשר'ן) אַ שרץ אַנגעבנדיג הונדערט מיט פופציג טעמים (אַרגומענטן).
(תלמיד ותיק היה ביבנה שהיה מטהר את השרץ בק"ן טעמים. — עירובין יד).

54) ריש לקיש פלעגט אויסרייסן בערג און זיי צומאָלן איינע אין די אַנדערע (ד. ה. מיט זיין שאַרפן קאָפּ האָט ער געקענט זיך שטעלן קעגן די גרעסטע געלערנטע).
(ריש לקיש היה עוקר הרים וטוחנן זה בזה. — סנהדרין כג).

55) ר' יהודה זאָגט: מ'מעג אַנשטעלן חזנים אפילו אַזעלכע וואָס האָבן ווינציג פאַרשטאַנד 5).
(ר' יהודה אומר מעמידין חזנין אפילו חסרי מדע. — מכות כג).

---

4) זע אַנמערקונג 1 אין קאַפּיטל „רייכקייט".

5) פון דעם האָט זיך גענומען דער גלייכוואָרט: חזנים — זיינען נאַראָנים. [ביי דעם וואָרט „חזנים" מיינט גאָר דער תלמוד די, וואָס מ'רופט אין די איצטיגע צייטן „שמשים". נאָר די וועלט באַנוצט עס פאַר אַ גוט־וואָרט צו חזנים].

56) דער וואָס פּסקנ'ט אַ דין ווען זיין רבי איז דאָ דערביי, איז ווערט דעם טויט. (ד. ה. אַזאַ מענש איז ניט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט).

(המורה הלכה בפני רבו חייב מיתה. — ברכות לא).

57) אויב אַ רויבער — ניט קיין שרייבער; אויב אַ שרייבער — ניט קיין רויבער. [ד. ה. קען איינער האַלטן אַ שווערד — קען ער ניט האַלטן קיין פּעדער; קען ער האַלטן אַ פּעדער — קען ער ניט האַלטן קיין שווערד].

(אי סייפא לא ספרא ואי ספרא לא סייפא. — עבודה זרה יז).

58) ניט אַן עדות מאַכט מען פאַר דעם דיין.

(אין עד נעשה דיין. — בבא קמא צ).

59) שמשים ווייסן ניט פון קיין גוטס אויף דער וועלט.

(חזנים 6) אינם רואים סימן ברכה בעולם. — כלה י)..

60) די קנאה פון שרייבער פאַרמערט חכמה.

(קנאת סופרים תרבה חכמה. — בבא בתרא כא).

61) עס פּאַסט ניט פאַר אַ תלמיד-חכם ארויסצוגיין אין גאַס אין פאַרלאַטעטע שיך.

(גנאי הוא לתלמיד חכם שיצא במנעלים המטולאים בשוק. — שבת קיד).

62) אַ תלמיד חכם וואָס מ'געפינט אַ פלעק אויף זיין בגד איז ווערט דעם טויט. (ד. ה. אַזאַ תלמיד חכם איז ניט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט).

(ת"ח שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה. — שבת קיד).

63) אין דעם דור וואָס משיח וועט קומען וועלן תלמידי חכמים ווערן וואָס ווייניגער.

(דור שבן דוד בא ת"ח מתמעטים. — סנהדרין צז).

64) תלמידי חכמים דאַרפן זיך ניט געפינען שטענדיג לעבן זייערע ווייבער ווי העהנער לעבן די הינער.

(לא יהיו ת"ח מצויין אצל נשיהם כתרנגולים. — ברכות כב).

65) די באַלוינונג פון הערן אַ טיפע זאַך איז דער ארויסקריגן דעם שכל דערפון.

(אגרא דשמעתא סברא. — ברכות ו).

---

6) אין די גמרא האָט „חזן" די באַדייטונג פון „שמש".

66) תלמידי חכמים זיינען שיין אין געזעלשאפט; עמי-הארצים זיינען ניט שיין אין געזעלשאפט. [אויך: אויף א קאמפאניע תלמידי חכמים איז שיין צו קוקן — אבער ניט אויף א קאמפאניע פון גראבע-יונגעו].

(ת"ח נאים בחבורות ואין ע"ה נאים בחבורה. — דרך ארץ פ"ד).

67) ר' יהודה ברי עילאי איז געווען דער ערשטער פון די רעד-נער וואו ער פלעגט קומען.

(ר' יהודה בר' עילאי ראש המדברים בכל מקום 7). — שבת לג).

68) ווי אזוי קען פאסירן א חילול השם? — האט רב געזאגט: „למשל, איך זאל נעמען פלייש ביי א קצב און אים גלייך ניט דער-לאנגען די געלט".

(היכי דמי חילול השם אמר רב כגון אנא שקילנא בישרא מטבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר. — יומא פו).

69) דו זאלסט מורא האבן פאר דיין רבין ווי דו האסט מורא פאר גאט.

(יהי מורא רבך כמורא שמים. — אבות ד).

70) צוויי תלמידי חכמים וועלכע גייען אין וועג און ריידן ניט צווישן זיך אין לערנען מעגן פארברענט ווערן. (ד. ה. זיי זיינען ניט ווערט צו לעבן אויף דער וועלט).

(שני תלמידי חכמים המהלכין בדרך ואין ביניהם דברי תורה ראויין לישרף. — תענית י).

71) תלמידי חכמים האבן ניט קיין מנוחה, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט.

(ת"ח אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא. — ברכות סד).

72) תלמידי חכמים ליידן כמעט שטענדיג פון עפעס א קראנק-הייט. (ווייל זיי זיינען פארנומען אין לערנען און היטן ניט אפ זייער געזונט).

(מאן חולין רבנן. — נדרים מט).

73) חכמים! זייט פארזיכטיג מיט אייערן א ווארט.

(חכמים הזהרו בדבריכם. — אבות א).

74) תלמידי חכמים, וואס עלטער זיי ווערן ווערט זייער שכל אלץ מער געזעצט; עמי-הארצים, וואס עלטער זיי ווערן ווערט זייער

7) אין דעם דאזיגן זין באנוצט עס די וועלט אלס א גלייכווארט.

שכל אליין מער צומישט.

(ת"ח כל זמן שמזקינין דעתן מתישבת עליהן ועמי הארץ כל זמן שמזקינין דעתן מטורפת עליהן. — קנים פ"ג).

75) אין א שטאט וואס עס זיינען ניטא די פאלגנדיגע צען זאכן טאר א געלערנטער מענש (תלמיד חכם) ניט וואוינען: דיינים (ריכטער) וואס זאלן האבן די מאכט צו באשטראפן פאר א פארברעכן; א צדקה-קאסע; א שול; א באד; אן אפטרעט; א דאקטער; א ספעציאליסט אויף בלוט-לאזן (אלס א רפואה); א שרייבער; א קצב; א מלמד פאר די קליינע קינדער.

(כל עיר שאין בה י׳ דברים הללו אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה: בי"ד מכין ועונשין וקופה של צדקה ובית הכנסת ובית המרחץ ובית הכסא ורופא ואומן ולבלר וטבח ומלמד תינוקות. — סנהדרין יז).

76) די צו-פרומע מיידל, און די אלמנה וואס האלט אין איין לויפן צו די שכנים (כלומרשט אלס גוטע פריינט), אויך דער האלבגעבאקענער תלמיד-חכם — רואינירן די וועלט. (ווייל זיי זיינען גאר פונקט דער היפך פון דעם וואס זיי ווייזן אוים צו זיין).

(בתולה צליינית ואלמנה שובבית וקטן שלא הגיעו לו חדשיו הרי אלו מבלי עולם. — סוטה כב).

דער איד

1) אלע אידן זיינען פרינצן (גלייכע יחסנים — דער אָרעמער ווי דער רייכער).

(כל ישראל בני מלכים הן. — שבת סז).

2) אידן האָבן ניט קיין מזל.

(אין מזל לישראל. — שבת קנו).

3) דריי סימנים האָט די אידישע פאָלק: זיי זיינען גוט-האַר-ציגע, זיי זיינען שעמעוודיגע, זיי לאָזן ניט פאַלן א מענשן אין נויט.

(שלשה סימנים יש באומה זו: רחמנים ביישנים וגומלי חסדים. — יבמות עט).

4) אלע אידן זיינען פאַראַנטוואָרטליך איינער פאַר דעם אנדערן.

(כל ישראל ערבים זה בזה. — שבועות לט).

5) ווען מ'שלאָגט איין אידן פילן עס אלע.

(ישראל לקה אחד מהם כולם מרגישים. — שה"ש רבה ו).

6) אַן איבערגעאיילטע פאָלק! איר האָט אַרויסגערעדט „מיר וועלן טאָן" איידער אייערע אויערן האָבן געהערט וואָס מ'פאָדערט פון אייך צו טאָן.

(עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו. — שבת פז).

7) גאָט שלאָגט ניט די אידן וואו ער באַשאַפט ניט פריער א רפואה פאַר דער מכה.

(אין הקב"ה מכה את ישראל אלא אם כן בורא להם רפואה תחילה. — מגילה יד).

8) ביי אידן קוקט מען אפילו אויף אָרעמע לייט ווי אויף פרייע (גלייכע) מענשן וועלכע האָבן נאָר פאַרלאָרן זייער פאַרמעגן, ווייל זיי זיינען דאָך אויך די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.

(אפילו עניים שבישראל רואין אותן כאלו הן בני חורין שירדו מנכסיהם שהם בני אברהם יצחק ויעקב. — בבא קמא צ).

9) יעדערער וואָס טוט אָן אידן צרות — ווערט דערהויבן צו א פירער.

(כל המיצר לישראל נעשה ראש. — גיטין נו).

10) יעדערער וואָס טוט אַן אידן צרות — ווערט גאָרניט **מיד** (דריקנדיג זיי).

(כל המציק לישראל אינו עיף. — סנהדרין קד).

11) אידישע טעכטער זיינען שיינע.

(בנות ישראל נאות הן. — נדרים פא).

12) א איד, אפילו אז ער האָט געזינדיגט, איז ער אלץ א איד.

(אף על פי שחטא ישראל הוא. — סנהדרין מד).

13) אידישע טעכטער פוצן זיך אויס אין א יום טוב.

(בנות ישראל מתקשטות ברגל. — כתובות ע).

14) וואויל איז דיר, ישראל, ווער איז גלייך צו דיר!

(אשריך ישראל מי כמוך. — דברים לג).

15) אזוי ווי די וועלט קען ניט אויסקומען אָן ווינטן, אזוי קען די וועלט ניט אויסקומען אָן אידן.

(כשם שאי אפשר לעולם בלא רוחות כך אי אפשר לעולם בלא ישראל. — עבודה זרה י).

16) באַליבט זיינען די אידן ביי גאָט מער ווי מלאכים.

(חביבין ישראל לפני הקב"ה יותר ממלאכי השרת. — חולין צא).

17) די געצנדינער האָבן ליבער א אידישע בהמה מער ווי זייערע אייגענע ווייבער.

(חביבה עליהן בהמתן של ישראל יותר מנשותיהן. — עבודה זרה כב).

18) גרים זיינען אזוי שלעכט פאר דאָס אידישע פאָלק — ווי א קרעץ אויפן קערפער.

(קשים גרים לישראל כספחת. — קידושין ע).

19) פאר א גר, ביז אין צענטן דור, זאָלסטו ניט פארשעמען קיין גוי.

(גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה קמיה. — סנהדרין צד).

20) ווען ניט דער טאָג פון מתן תורה זיינען א סך אזעלכע מענשן ווי דער איד פאראַן אין מארק.

(אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא. — פסחים סח).

21) אז א איד איז אַן עם-הארץ, מעג מען אים צורייסן ווי א פיש.

(יהודי עם הארץ מותר לקורעו כדג. — פסחים מט).

22) „איד" ווערט אנגערופן מענשן, ניט די געצנדינער.
(אתם קרויים אדם ולא הכותים קרויים אדם. — יבמות סא).

23) אפילו די זינדיגע אידן זיינען פול מיט מצוות ווי א מיל־גרוים איז פול מיט קערנער.
(פושעי ישראל מלאין מצוות כרמון. — עירובין יט).

24) אפילו איבער די זינדיגע אידן וועט דער פייער פון גיהנום ניט האבן קיין שליטה. (ווייל אפילו די זינדיגע אידן זיינען דאך פול מיט מצוות).
(פושעי ישראל אין אור גיהנום שולטת בהן. — עירובין יט).

25) איבער תלמידי חכמים וועט דער פייער פון גיהנום ניט האבן קיין שליטה.
(תלמידי חכמים אין אור גיהנום שולטת בהן. — עירובין יט).

26) די דאזיגע פאלק איז געגליכן צו זאמד און געגליכן צו שטערן: ווען זיי גייען ארונטער — גייען זיי ארונטער ביז צו דער ערד; ווען זיי גייען ארויף — גייען זיי ארויף ביז די שטערן.
(אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים, כשהם יורדים יורדים עד עפר וכשהם עולים עולים עד לכוכבים. — מגילה טז).

27) זאל זיך ניט געפינען קיין אויסגעלאסענע צווישן די טעכטער פון ישראל.
(לא תהיה קדשה מבנות ישראל. — דברים כג).

28) עס איז געווען א חסד פון גאט וואס ער האט די אידן צושפרייט צווישן אלע פעלקער. (מיט דעם וואס אז מ'זאל אוים־הרג'ענען אידן אין איין לאנד, וועלן נאך אלץ בלייבן אידן אין אן אנדער לאנד).
(צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרם לבין האומות. — פסחים פז).

29) אפילו א געצנדינער, אויב ער באשעפטיגט זיך נאר מיט תורה, איז אזוי גרוים ווי א כהן גדול.
(אפילו עכו"ם ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול. — סנהדרין נט).

30) א איד וואס האט ניט קיין ווייב איז ניט קיין מענש.
(כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם. — יבמות סג).

31) א איד וואס האט ניט קיין ווייב וויים ניט פון פרייד.
(כל יהודי שאין לו אשה שרוי בלא שמחה. — יבמות מ).

32) גרעסער איז די שנאה וואס עס פילן די אומוויסנדיגע מענשן

צו די געלערנטע ווי די שנאה וואָס עם פילן די געצנדינער צו די אידן; און די ווייבער (פון די אומוויסנדיגע) פילן נאָך א גרעסערע שנאה (צו די געלערנטע) ווי זייערע מענער.

(גדולה שנאה ששונאין עמי הארץ לתלמידי חכמים יותר משנאה ששונאין עכו״ם את ישראל ונשותיהן יותר מהן. — פסחים מט).

33) אז דער רבי איז בייז און זיין תלמיד איז בייז — וואָס וועט דאן ווערן פון אידן?

(הרב בכעס ותלמידו בכעס ישראל מה תהא עליהם. — ברכות סג).

34) דער וואָס רואינירט איין אידישן לעבן איז ווי ער וואָלט רואינירט די גאַנצע וועלט.

(כל המאבד נפש אחת מישראל כאלו אבד עולם מלא. — סנהדרין לז).

35) דער וואָס האלט-אויף איין אידישן לעבן איז ווי ער וואָלט אויפגעהאלטן די גאַנצע וועלט.

(כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא. — בבא בתרא יא).

36) המן האָט געזאָגט: „דעם גאַנצן יאָר דרייען זיך די אידן ארוים פון ארבעט, מיט שהי פהי״ 1).

(דמפקי לכולא שתא בשהי פהי. — מגילה יג).

37) ניט אַלע אידישע יוונים האָבן דעם זעלביגן פנים.

(אוכלסי ישראל אין פרצופיהן דומים זה לזה. — ברכות נח).

38) צי איר זייט שלעכט, צי איר זייט גוט — זייט איר גאָטס קינדער.

(בין כך ובין כך אתם קרויים בנים. — קידושין לה).

39) וואו א „ויהי״ — איז נאָר א צרה. [וואו א געשיכטע אין תנ״ך הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „ויהי״, ווערט דאָרטן דערציילט פון אידישע צרות].

(ויהי אינו אלא צרה. — מגילה י).

40) וואויל איז אייך, אידן! איר זייט אַלע גרויסע חכמים, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן.

(אשריכם ישראל שכולכם חכמים גדולים אתם מגדולכם עד קטנכם. — עירובין נג).

---

1) „שהי פהי״ באַדייט: „שבת היום, פסח היום ואנו אסורים במלאכה״; ד. ה. די אידן פלעגן זאָגן: „היינט איז שבת, היינט איז פסח, און מיר טאָרן ניט אַרבעטן״. דערפון דער גלייכוואָרט: „אָפּקומען מיט שהי פהי״.

41) ווען איינער קויפט א אידישן שקלאף, איז ווי ער וואָלט קויפן א האר איבער זיך.

(הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו. — ערכין ל).

42) די לופט פון ארץ ישראל מאכט קלוג.

(אוירא דארץ ישראל מחכים. — בבא בתרא קנז).

43) וואָס איז דער אונטערשייד פון די גנבים אין בבל צו די רויבער אין ארץ ישראל?

(מה בין גנבי בבל ולסטים דארץ ישראל. — עבודה זרה כו).

44) ארץ ישראל — ווען אידן וואוינען דאָרטן ווערט זי גרעסער; ווען אידן וואוינען ניט דאָרטן, ווערט זי איינגעשרומפּן.

(ארץ ישראל בזמן שיושבין עליה רווחא ובזמן שאין יושבין עליה גמדא. — גיטין נז).

45) אליהו הנביא וועט ניט קומען אן ערב שבת אָדער אן ערב יום טוב, ווייל אידן זיינען דאַן צופיל פארנומען.

(אין אליהו בא לא בערבי שבתות ולא בערבי ימים טובים מפני הטורח. — עירובין מג).

46) רבי הלל זאָגט: „אידן האָבן ניט קיין משיח", (נאָר גאָט אליין וועט זיי אויסלייזן).

(ר' הלל אומר אין להם משיח לישראל. — סנהדרין צט).

47) אז איינער קויפט א הויז אין ארץ ישראל, מעג מען לאָזן שרייבן דעם שטר מכירה אפילו אום שבת — צוליב באזעצן דאָס אידישע לאנד מיט אידן.

(הלוקח בית בארץ ישראל כותבין עליו אונו אפילו בשבת משום ישוב דארץ ישראל. — בבא קמא פ).

48) איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן.

(ואהבתם את הגר. — דברים י).

49) „דיר, ישראל, האָב איך אויסגעאיידלט — אין דעם שמעלצטאָפּ פון ליידן" (ישעיה מח) — דעריבער זאָגן מענשן: „עס פּאַסט גוט די אָרעמקייט דעם אידן" (ד. ה. א איד האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט אָרעמקייט).

(בחרתיך בכור עוני היינו דאמרי אינשי יאה עניותא ליהודאי. — חגיגה ט).

50) א איד דאַרף זיך גוט אָנ'שכור'ן אין דעם טאָג פון פורים אויף אזוי פיל דאָס ער זאָל ניט וויסן דעם אונטערשייד צווישן „פאר

שאלטן זאל זיין המן" צו „געבענשט זאל זיין מרדכי". [אדער: א איד דארף זיך אנ'שכור'ן אין דעם טאג פון פורים אויף אזוי פיל דאס ער זאל ניט וויסן וועמען צו שילטן און וועמען צו בענשן, המן'ען צי מרדכיין].

(חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי. — מגילה ז).

גאטהייט

1) איוב האט געזאגט: „פון מיין קערפער זע איך א גאט".

(מבשרי אחזה אלוה. — איוב יט).

2) אויב דו זינדיגסט, וואס ווירקט עס אויף אים? זיינען א סך דיינע זינד, וואס טוסטו מיט דעם צו אים? אז די ביזט פרום, וואס האט ער דערפון?

(אם חטאת מה תפעל בו רבו פשעיך מה תעשה לו אם צדקת מה תתן לו. — איוב לה).

3) ווער קען צו אים זאגן: „וואס טוסטו?"

(מי יאמר אליו מה תעשה. — איוב ט).

4) דער מיאוסער מענש טראכט ביי זיך אין הארצן עס איז ניטא קיין גאט.

(אמר נבל בלבו אין אלהים. — תהלים נג).

5) ניטא קיין חכמה, ניטא קיין עצה, ניטא קיין פארשטאנד קעגן גאט. [אויך קען עס מיינען: מ'מוז ניט זיין א חכם, מ'מוז ניט זיין אן עצה-געבער, מ'מוז ניט האבן א גרויסן פארשטאנד — אויף צו גיין קעגן גאט]. 1)

(אין חכמה ואין עצה ואין תבונה לנגד ד'. — משלי כא).

6) עס דארף ניט ציטערן, עס דארף ניט זארגן דער מענש, וועמען גאט העלפט.

(לא חלי ולא מרגיש גברא דמריה סייעיה. — יומא כב).

---

1) איך גיב עס אין דעם זין ווי די פרומע אידן באנוצן זיך מיט דעם אלס א גלייכוואָרט ווען זיי ריידן וועגן אפיקורסים.

7) אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט, אויסער פרומקייט.
(הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. — מגילה כה).

8) דער וואָס לאַכט אָפּ פון אַן אָרעמאַן מאַכט כוויזעק פון זיין באַשעפער.
(לועג לרש חרף עושהו. — משלי טז).

9) צי איר זייט שלעכט, צי איר זייט גוט — זייט איר גאָטס קינדער.
(בין כך ובין כך אתם קרויין בנים. — קידושין לה).

10) אין זיינע הייליגסטע גלויבט ער ניט.
(בקדושיו לא יאמין. — איוב טו).

11) אַ בעל תשובה שטייט ביי גאָט העכער פון דעם גרעסטן צדיק.
(במקום שבעלי תשובה עומדים אפילו צדיקים גמורים אינם עומדים. — ברכות לד).

12) איך בין דער ערשטער און איך בין דער לעצטער, זאָגט גאָט.
(אני ראשון ואני אחרון נאום ד׳. — ישעיה מד).

13) פאָלג איך גאָט, פאַרפאָלגט מיך מיין יצר הרע; פאָלג איך דעם יצר הרע, פאַרפאָלגט מיך גאָט. (עס איז מיר שלעכט פוןביידע זייטן).
(אוי לי מיצרי ואוי לי מיוצרי. — ברכות סא).

14) גאָט קירצט ניט די באַלוינונג פון קיין באַשעפעניש; ער באַצאָלט גוט אַפילו פאַר שיינע (איידעלע) רייד.
(אין הקב״ה מקפח שכר כל בריה אפילו שכר שיחה נאה. — בבא קמא לט).

15) אַ מענש זאָל ניט פרעגן וואָס עס טוט זיך אויבן (אין די הימלען), און וואָס עס טוט זיך אונטן. (מ׳דאַרף ניט פילאָזאָפירן).
(לא ישאל אדם מה למעלה ומה למטה. — חגיגה יא).

16) גאָט האָט געזאָגט צו די אידן (וועגן די מצריים): „מיינע באַשעפענישן טרינקען זיך אין ים און איר זינגט!״
(מעשי ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה. — מגילה יא).

17) פון דעם טאָג וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָט נאָך גאָט ניט געלאַכט.
(מיום שחרב בית המקדש אין שחוק להקב״ה. — עבודה זרה ד).

18) אליהו בינדט און גאָט שמייסט, דעם מאַן וואָס נעמט אַ ניט-פּאַסנדיגע פרוי.

(כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו אליהו כופתו והקב"ה רוצעו. — קידושין ע).

19) גאָט וועט געבן יעדן צדיק דריי הונדערט מיט צען וועלטן.

(עתיד הקב"ה ליתן לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות. — סנהדרין ק).

20) גאָט שלאָגט ניט די אידן וואו ער באַשאַפט ניט פריער אַ רפואה פאַר דער מכה.

(אין הקב"ה מכה את ישראל אלא אם כן בורא להם רפואה תחילה. — מגילה יד).

21) אין אַ צרה — האָב איך גערופן גאָט.

(מן המצר קראתי יה. — תהלים קיח).

22) אַ גנב, ווען ער ברעכט דעם שלאָס, רופט צו גאָט (ער זאָל אים העלפן).

(גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי. — מחברת עמנואל יא ובברכות ס"ג בע"י).

23) גאָט וויל נאָר די האַרץ.

(רחמנא ליבא בעי. — סנהדרין קו).

24) דער וואָס לעבט פון זיין האָרעוואַניע איז אַ גרעסערער מענש ביי גאָט ווי דער פרומער.

(גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים. — ברכות פ).

25) אַ מענשן און אַ בהמה — העלפט גאָט.

(אדם ובהמה תושיע ד'. — תהלים לו).

26) דער וואָס גיט לעבן גיט צום לעבן.

(מאן דיהיב חיי יהיב מזוני. — תענית ח).

27) אַ גנב דאַרף באַצאָלן פאַר אַ שעפּס פיר און פאַר אַן אָקס פינף, ווייל גאָט האָט גענומען אין באַטראַכט זיין טרחה. (אַ שעפּס מוז ער טראָגן און אַן אָקס פירט ער, ווערט אים אַרונטערגערעכנט ביי אַ שעפּס פאַר זיין טרחה).

(ד' בצאן וה' בבקר מאי טעמא דחש רחמנא אטרחית. — כלה ועיין בבא קמא עט).

28) אַ גנב איז ביי גאָט ערגער פון אַ גזלן. דער גזלן האָט קיין מורא ניט פאַר גאָט — האָט ער דאָך אָבער אויך קיין מורא ניט פאַר

מענשן; דער גנב האָט אָבער פאַר מענשן יאָ מורא און פאַר גאָט ניט.

(החמירה תורה בגנב יותר מגזלן זה השווה כבוד עבד לכבוד קונו וזה לא השווה כבוד עבד לכבוד קונו. — בבא קמא עט).

29) די וועלט האָט גאָט איבערגעגעבן אין די הענט פון נאַראָנים.

(אימסר עלמא בידא דטפשאי. — סנהדרין מו).

30) וועמען גאָט האָט ליב דעם שטראָפט ער.

(את אשר יאהב ד׳ יוכיח. — משלי ג).

31) איינער קויפט אַמאָל עולם הבא אין איין שעה.

(יש קונה עולמו בשעה אחת. — עבודה זרה י).

32) דער וואָס איז פאַלש צו מענשן איז ווי ער וואָלט געווען פאַלש צו גאָט. [אָדער: אַ גאָטס גנב — איז דער צוויי-זייטיגער מענש].

(הגונב דעת הבריות כגונב דעת המקום. — כלה י׳ ועיין חולין צד).

33) די רוימישע פילאָזאָפן האָבן געפרעגט די אידישע זקנים: „אויב אייער גאָט וויל ניט קיין געצנדינעריי, טאָ פאַרוואָס צושטערט ער דאָס ניט?" האָבן די זקנים זיי געענטפערט: „זיי דינען דאָך אויך צו דער זון, צו דער לבנה, צו די שטערן און מזלות — זאָל ער צושטערן די גאַנצע וועלט צוליב די נאַראָנים!"

(שאלו פילוסופין את הזקנים ברומי אם אלהיכם אין רצונו בעובדי אלילים מפני אינו מבטלה, אמרו להם הרי הן עובדין לחמה וללבנה ולכוכבים ולמזלות יאבד עולם מפני השוטים. — עבודה זרה נד).

34) צוועלף שטונדן איז אין אַ טאָג. די ערשטע פיר שטונדן זיצט גאָט און לערנט די תורה, די צווייטע פיר שטונדן זיצט ער און משפּט די וועלט, די דריטע פיר שטונדן זיצט ער און שפּייזט די וועלט.

(שתים עשרה שעות הוי היום שליש הראשונה הקב"ה יושב ועוסק בתורה, שניות יושב ודן את כל העולם, שלישית יושב וזן את כל העולם. — עבודה זרה ד).

35) גאָט האָט געטאָן אַ חסד מיט אידן וואָס ער האָט זיי צו-שפּרייט צווישן אַלע פעלקער. (ווייל ווען מ'זאָל אפילו אויס'הרג'ענען אידן אין איין לאַנד, וועלן דאָך בלייבן אידן אין אַן אַנדער לאַנד).

(צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפיזרם לבין האומות. — פסחים פז).

36) א מענש דארף דאנקען גאָט פאַר שלעכטעס ווי ער דאנקט פאַר גוטעס.

(חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה. — ברכות לג).

37) מיינע איז די זילבער און מיינע איז די גאָלד — אזוי זאָגט גאָט.

(לי הכסף ולי הזהב נאום ד׳ צבאות. — חגי ב).

38) ער האָט ליב דעם פרעמדן אים צו געבן ברויט און א קלייד.

(אוהב גר לתת לו לחם ושמלה. — דברים י).

39) א מענש זאָל ניט פארשוועכן דעם נאָמען פון דעם וואָס אין הימל עפענטליך.

(אל יחלל שם שמים בפרהסיה. — מועד קטן יז).

40) ווי אזוי קען פאַסירן א חילול השם? — האָט רב געזאָגט: „אז איך זאָל, למשל, נעמען פלייש ביי דעם קצב און זאָל אים באַלד ניט דערלאַנגען די געלט.

(היכי דמי חילול השם אמר רב כגון אנא אי שקילנא בישרא מטבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר. — יומא פו).

41) דער וואָס קומט זיך רייניגן פון זינד העלפט אים גאָט אין דעם.

(הבא לטהר מסייעין לו. — יומא לט).

42) א ליכט פון גאָט — איז די נשמה פון א מענשן.

(נר ד׳ נשמת אדם. — משלי כ).

43) עס איז וויכטיגער אויפצונעמען אורחים ווי אויפצונעמען גאָט אליין.

(גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה. — שבת קכז).

44) טורנוסרופוס האָט געפרעגט רבי עקיבאין: „אויב אייער גאָט האָט ליב די אָרעמע לייט, טאָ פארוואָס שפייזט ער זיי ניט?“ האָט אים רבי עקיבא געענטפערט: „ער גיט אונז א געלעגנהייט אי־מעצן צו העלפן כדי מיר זאָלן דורך דעם געראטעוועט ווערן פון דעם גיהנום.

(שאל טורנוסרופוס את רבי עקיבא אם אלהיכם אוהב עניים מפני מה אינו מפרנסן, אמר לו כדי שניצול אנו בהן מדינה של גיהנום. — בבא בתרא י).

45) רבי שמעון בן לקיש זאָגט: „עס וועט ניט זיין קיין גיהנום אין דער קומענדיגער צייט (נאָך תחיית המתים), נאָר גאָט וועט

אַרויסנעמען די זון פון איר שייד: די רשעים וועלן דאַן געפּלאָגט ווערן פון דער ברענענדיגער היץ, און די צדיקים וועלן געהיילט ווערן".

(אמר ר' שמעון בן לקיש אין גיהנום לעתיד לבוא אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה רשעים נידונין בה וצדיקים מתרפאין בה. — עבודה זרה ג).

46) ווען אַ מענש איז אין כעס האָט ער ניט קיין אַכטונג אפילו פאַר גאָט אַליין.

(כל הכועס אפילו שכינה אינה חשובה כנגדו. — נדרים כב).

47) אַ מענש זאָל ניט געבן קיין געלעגנהייט דעם שטן.

(אל יפתח אדם פיו לשטן. — ברכות יט).

48) די רעגירענדיגע מאַכט אויף דער ערד איז ווי די רעגירענדיגע מאַכט אין הימל.

(מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא. — ברכות נח).

49) אין דעם וועג וואָס אַ מענש וויל גיין פירט מען אים.

(בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו. — מכות י).

50) גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוריקגענומען.

(ד' נתן וד' לקח. — איוב א).

51) אַ מענש פאַרשטעכט ניט אַ פינגער דאָ אונטן סיידן מ'האָט עס אויסגערופן (באַשטימט) פון אויבן.

(אין אדם נוקב אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה. — חולין ז).

52) עס איז אַלץ-איינס, צי איינער גיט פיל (צדקה), צי איינער ניט ווינציג, ווען ער גיט עס נאָר פון גאָטס וועגן.

(אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין את לבו לאביו שבשמים. — שבועות טו).

53) די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט נאָר דורך דעם וואָס גאָט איז אַ גרויסער בעל-צדקה, אָבער ניט דערפאַר ווייל די וועלט איז עס ווערט.

(כל העולם כולו ניזון בצדקה. — ברכות יז).

54) גאָט האָט באַשאַפן דעם מענשן אין אַ געטליכער פאָרמע.

(ויברא את האדם וכו' בצלם אלקים ברא אותו. — בראשית א).

55) אַלץ איז אין די הענט פון דעם וואָס אין הימל, אויסער אַ פאַרקילונג. (ווען אַ מענש פאַרקילט זיך איז ער אַליין שולדיג).

(הכל בידי שמים חוץ מצינים פחים ושומר נפשו ירחק מהם. — עבודה זרה ד).

56) **ווען די אידן לײדן צרות לײדט גאָט מיט זיי.**
(בכל צרתם לו צר. — ישעיה סג).

57) ר׳ אליעזר האָט געזאָגט (אין א דעבאטע וועגן א געוויסן דין, אין וועלכער ער איז געווען איינער קעגן א סך): „אויב דער דין איז ווי איך זאָג זאָל מען עס באווייזן פון הימל!“ איז אראָפּ א בת-קול פון הימל און האָט געזאָגט: „דער דין איז ווי ר׳ אליעזר זאָגט!“ איז ר׳ יהושע אויפגעשפּרונגען און האָט געזאָגט: „מיר נעמען ניט אין אכט קיין בת-קול! דו גאָט האָסט איין מאָל געשריבן אין דער תורה ,צו גיין נאָך דער מערהייט׳ און דו קענסט עס ניט צוריקציען“. א ביסל שפּעטער האָט רבי נתן זיך געטראָפן מיט אליהו׳ן. האָט ר׳ נתן אים געפרעגט: „וואָס האָט גאָט געזאָגט נאָך ר׳ יהושע׳ס ווער-טער?“ האָט אים אליהו געענטפערט: „גאָט האָט צוגעשמייכעלט און געזאָגט: „זיי האָבן מיך באזיגט, מיינע קינד׳ער!“
(אמר ר׳ אליעזר אם הלכה כמותי מן השמים יוכיחו יצאה בת קול ואמרה הלכה כר׳ אליעזר. עמד ר׳ יהושע על רגליו ואמר אין אנו משגיחין בבת קול שכבר כתבת בתורה אחרי רבים להטות. אשכחיה ר׳ נתן לאליהו אמר לו מה עביד קוב״ה בההאי שעתא א״ל קא חייך ואמר נצחוני בני. — בבא מציעא נט).

עלטערן, ברידער און שוועסטער

1) דריי, האָבן א טייל אין א מענשן: גאָט, זיין פאָטער, זיין מוטער.
(שלשה שותפין הן באדם הקב"ה ואביו ואמו. — קידושין ל).

2) איין זון גיט דעם טאַטן עסן געבראָטענע טייבעלאך, ער גיט עס אים אָבער מיט אַזאַ הארץ אַז גאָט וועט אים נאָך שטראָפן דערפאַר, און פארטרייבן אים פון דער וועלט. אַן אַנדער זון שטעלט אַוועק דעם טאַטן ביי אַזאַ שווערער ארבעט ווי דרייען א מילשטיין, ער טוט עס אָבער מיט אַזאַ איידלקייט און גוטסקייט אַז גאָט וועט אים נאָך געבן עולם הבא דערפאַר.
(יש מאכיל לאביו פסיוני וטורדו מן העולם ויש מטחינו בריחיים ומביאו לחיי עולם הבא. — קידושין לא).

3) דו און דיין מאַמע דאַרפן אָפּגעבן כבוד דעם טאַטן.
(אתה ואמך חייבים בכבוד אביך. — קידושין לא).

4) א מאַמע פארגעסט ניט איר זון.
(אימא לא מנשי ברא. — בבא בתרא לו).

5) קען דען א מאַמע פארגעסן איר זויג-קינד?
(התשכח אשה עולה. — ישעיה מט).

6) דער פאָטער זאָל געבן זיין טאָכטער עפּעס, כדי די בחורים זאָלן האָבן חשק צו הייראַטן איר.
(וניתיב לה מידי כי היכי דקפצי עלה ואתו נסבי לה. — כתובות נב).

7) דער וואָס פארהייראַט זיין טאָכטער צו א גראָבן-יונג איז ווי ער וואָלט איר בינדן און וואַרפן פאַר א לייב.
(כל המשיא בתו לעם הארץ כאלו כופתה ונותנה לפני ארי. — פסחים מט).

8) א ברודער — פאַר א שלעכטע צייט ווערט ער געבאָרן 1).

9) לבן האָט געזאָגט צו יעקבן: „צי דען ווייל דו ביזט מיינער א ברודער (א קרוב) זאָלסטו אַרבעטן פאַר מיר אומזיסט?" [אויך
(את לצרה יולד. — משלי יז).

---

1) איך גיב עס אין דעם זין ווי די וועלט באַנוצט עס אַלס א גלייכוואָרט.

איבערזעצן עס פילע: „ביזטו דען מיינער א ברודער וואס דו זאלסט ארבעטן פאר מיר אומזיסט?"].

(הכי אחי אתה ועבדתני חנם. — בראשית ל).

10) דעם פאטערס משפחה ווערט אנגערופן „משפחה", ניט דער מוטערס.

(משפחת אב קרויה משפחה ומשפחת אם אינה קרויה משפחה. — בבא בתרא קט).

11) ווען א מאן הייראט א פרוי דארף ער זיך נאכפרעגן אויף אירע ברידער, ווייל דאס רוב קינדער זיינען געראטן אין דער מוטערס ברידער.

(הנושא אשה צריך שיבדוק באחיה שרוב בנים דומין לאחי האם. — בבא בתרא קי).

12) עס איז בעסער א נאענטער שכן איידער א ווייטער ברודער.

(טוב שכן קרוב מאח רחוק. — משלי כז).

13) דער וואס דערציט דאס קינד ווערט אנגערופן א פאטער, ניט דער וואס ברענגט אים נאר אויף דער וועלט.

(המגדל נקרא אב ולא המוליד. — שמו"ר סוף פ"ו).

14) א מענש דארף שפייזן זיינע זין און טעכטער ווען זיי זיינען נאך קליינע.

(יהא אדם זן את בניו ואת בנותיו כשהן קטנים. — כתובות מט).

15) די שונאים פון א מענשן זיינען אפט זיינע אייגענע הויז-לייט.

(אויבי איש אנשי ביתו. — מיכה ז).

16) אין דער שטאט אושא האט מען איינגעפירט אז א פאטער דארף ליידן פון זיין זונס קאפריזן ביז ער ווערט צוועלף יאר אלט; פון צוועלף יאר אן און ווייטער קען דער פאטער אים דערגיין די יארן. (ער קען אים דאן אויך שלאגן צו דערציען אים ריכטיג).

(באושא התקינו אדם מתגלגל עם בנו עד י"ב שנה מכאן ואילך יורד עמו לחייו. — כתובות נ).

17) עלטערן זאלן ניט שטארבן פאר די זינד פון די קינדער.

(אבות לא יומתו על בנים. — דברים כד).

18) דער וואס לערנט אימעצענס א קינד די תורה איז ווי ער וואלט אים געבראכט אויף דער וועלט.

(כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו. — סנהדרין צט).

19) א טאָכטער האָט א שוואכערן כח ווי א זון צו ירש'ענען די אייגנטום פון פאָטער. זי האָט אָבער א שטאַרקערן כח ווי א זון צו ירש'ענען די אייגנטום פון דער מוטער.

(בת הורע כחה בנכסי האב ויפה כחה בנכסי האם. — בבא בתרא קי).

20) פארשאָלטן איז יענער — דער וואָס מאַכט צו-גאַרנישט זיין פאָטער און מוטער.

(ארור מקלה אביו ואמו. — דברים כז).

21) דו זאָלסט אָפּגעבן כבוד דיין פאָטער און מוטער.

(כבד את אביך ואת אמך. — שמות כ).

22) וואָס פאַר א גוטע זאַך זאָל א מענש טאָן, וואָס עס זאָל אים העלפן צו האָבן קינדער? — זאָגט רבי אליעזר: „ער זאָל זיין פרייגעביג מיט זיין געלט צו אָרעמע לייט, אָדער ער זאָל טאָן וואָס זיין ווייב פאַרלאַנגט“.

(מה יעשה לו אדם ויהיה לו בנים ר' אליעזר אומר יפזר מעותיו לעניים או שיעשה חפצי אשתו. — כלה פ"ב).

23) ווי דער רחמנות פון א פאָטער אויף זיינע קינדער, אזוי איז דער רחמנות פון גאָט אויף זיינע פרומע מענשן.

(כרחם אב על בנים רחם ה' על יראיו. — תהלים קג).

24) שלמה האָט געזאָגט: „א זון בין איך געווען ביי מיין פאָטער“.

(בן הייתי לאבי. — משלי ד).

25) יעקב האָט געפרעגט רחל'ען: „ווילסטו מיט מיר הייראטן?“ האָט רחל געענטפערט: „יאָ, נאָר מיין טאַטע איז א קינסטלער אין אָפּטאָן שטוקעס און דו וועסט זיך ניט קענען שטעלן קעגן אים“. האָט ביי איר יעקב געפרעגט: „וואָס פאַר א שטוקע קען ער מיר אָפּטאָן?“ האָט אים רחל געענטפערט: „איך האָב אן עלטערע שוועסטער וועלכע איז נאָך ניט פאַרהייראַט, און ער וועט ניט דערלאָזן אז איך זאָל הייראטן פריער פון איר“. האָט איר יעקב געזאָגט: „וואָס אָנבאַלאַנגט אָפּטאָן שטוקעס קען איך זיין זיינער א ברודער“.

(אמר יעקב לרחל מינסבת לי אמר ליה אין מיהו אבא רמאה הוא ולא יכלת ליה אמר לה מאי רמאותיה אמרה ליה אית לי אחתא דקשישא מינאי ולא מינסבא לי מקמה אמר לה אחיו אני ברמאות. — בבא בתרא קכג).

26) די קללה אין דער תוכחה: „דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן ווערן איבערגעגעבן צו פרעמדע מענשן“ (דברים כח) — זאָגט

רב חנן: „דאָס איז געמיינט, צו שטיף-מאַמעס“.

(בניך ובנותיך נתונים לעם אחר אמר רב חנן זו אשת האב. — יבמות סג).

27) אויב דו האָסט געלט, האָב הנאה דערפון — ווייל אין קבר איז ניטאָ קיין פאַרגעניגן, און דער טויט זאַמט זיך ניט אין קומען. און אויב דו וועסט זאָגן: איך וועל עס איבערלאָזן פאַר מיינע קינדער, כדי זיי זאָלן זיין פאַרזאָרגט מיט חיונה — איז אַ פראַגע: „ווער וועט דיר דערציילן אין קבר, צי זיי פאַרטאַכלעווען ניט דיינע געלט?“.

(אם יש לך היטב לך שבשאול אין תענוג והמות אין התמהמה וא"ת אניח לבני חוק בשאול מי יגיד לך. — עירובין נד).

קינדער

1) און איר מאַן אלקנה האָט צו איר געזאָגט: „חנה, וואָס וויינסטו? איך בין דאָך בעסער צו דיר פון צען קינדער“.

(ויאמר לה אלקנה אישה חנה למה תבכי הלא אנכי טוב לך מעשרה בנים. — שמואל א, א).

2) פון אַ קלוגן זון פרייט זיך דער טאַטע און פון אַ נאַרישן זון האָט די מאַמע צו קלאָגן.

(בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו. — משלי י).

3) ווען איינעמס ווייב האָט געבאָרן אַ זון דאַרף ער זאָגן: „גע-לויבט איז דער גוטער גאָט“.

(ילדה אשתו זכר אומר ברוך הטוב. — ברכות נט).

4) אַ מענש וועלכער האָט ניט קיין קינדער איז גלייך ווי אַ טויטער.

(אדם שאין לו בנים חשוב כמת. — נדרים סד).

5) ווי די מאַמע — אַזוי איז איר טאָכטער.

(כאמה בתה. — יחזקאל טז).

6) ווי דער פאָטער — אַזוי איז דער זון.

(ברא כרעיה דאבות. — עירובין ע).

7) לעבן, האָבן קינדער און חיונה ווענדן זיך ניט אין ווערט זיין, נאָר אין מזל.
(חיי בני בני ומזוני לא בזכותא תליא מלתא אלא במזל. — מועד קטן כח).

8) אייניקלעך זיינען ווי אייגענע קינדער.
(בני בנים הרי הם כבנים. — יבמות סב).

9) אַ זון שעצט זיין מוטער מער ווי זיין פאָטער.
(בן מכבד את אמו יותר מאביו. — קידושין לא).

10) אַ זון האָט מורא פאַר זיין פאָטער מער ווי פאַר זיין מוטער.
(בן מתיירא מאביו יותר מאמו. — קידושין לא).

11) יעקב האָט געהאַט ערגערניש אין דערציען די קינדער.
(יעקב הוה ליה צער גידול בנים. — שבת פט).

12) דער וואָס דערציט דאָס קינד ווערט אָנגערופן אַ פאָטער, ניט דער וואָס ברייננגט אים נאָר אויף דער וועלט.
(המגדל נקרא אב ולא המוליד. — שמו"ר סוף פמ"ו).

13) דאָס רוב קינדער זיינען געראָטן אין דער מוטערס ברידער.
(רוב בנים דומים לאחי האם. — בבא בתרא קי).

14) וואויל איז דעם ווער עס האָט זין און וויי איז דעם ווער עס האָט טעכטער.
(אשרי מי שבניו זכרים ואוי לו למי שבניו נקבות. — קידושין פב).

15) רב חסדא האָט געזאָגט: „ביי מיר זיינען טעכטער בעסער ווי זין.
(רב חסדא אמר לדידי בנתן עדיפא לי מבני. — בבא בתרא קמא).

16) אַז דאָס ערשטע קינד איז אַ טאָכטער איז גוט פאַר די אינגלאַך וואָס וועלן שפּעטער געבאָרן ווערן, ווייל זי וועט דאָך העלפן האָדעווען אירע ברידערלאַך.
(בת תחילה סימן יפה לבנים דמרביא לאחהא. — בבא בתרא קמא).

17) „און גאָט האָט געבענשט אברהם׳ען מיט אַלץ" (בראשית כד). — וואָס הייסט „מיט אַלץ"? — זאָגט רבי מאיר: „אברהם איז געווען אַ געבענשטער מיט אַלץ — מיט דעם וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין טאָכטער". רבי יהודה זאָגט: „ער איז געווען אַ געבענשטער מיט אַלץ — מיט דעם וואָס ער האָט געהאַט אויך אַ טאָכטער".
(וד׳ ברך את אברהם בכל מאי בכל ר׳ מאיר אומר שלא היתה לו בת, ר׳ יהודה אומר שהיתה לו בת. — בבא בתרא טז).

18) דעם מענשנס געדאנק איז נאָענט צו זיין קינד (ד. ה. א פאָטער איז שטענדיג אויסן דעם קינד'ס טובה).

(דעתו של אדם קרובה אצל בנו. — בבא בתרא קמב).

19) אפילו א זעקס יאָריגער אינגל וויל בעסער זיין לעבן דער מאמען.

(אפילו בר שש בצוותא דאמיה ניחא ליה. — עירובין פב).

20) וואַרף א שטעקן אין דער לופטן, פאַלט ער צוריק צו זיין וואָרצל. [גלייכוואָרט: דער עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון דעם ביי-מעלע].

(זרוק חוטרא לאוירא אעיקריה נפיל. — ב"ר פפ"ז).

21) עס איז שלעכט זיך צו באַגעגענען מיט א טויבן, א נאַר און א קליין קינד; ווען זיי צו-מזיק'ן אימעצן זיינען זיי ניט שולדיג, ווען אָבער אימעצער צו-מזיק'ט זיי איז ער יאָ שולדיג.

(חרש שוטה וקטן פגיעתם רעה הם שחבלו באחרים פטורים והחובל בהן חייב. — בבא קמא פז).

22) א מענש זאָל ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן איין קינד און די אַנדערע קינדער.

(אל ישנה אדם בנו בין הבנים. — שבת י).

23) צוליב א פּאָר טאָלער מער וואָס יעקב האָט אויסגעגעבן אויף יוסף'ס העמדל ווי פאַר זיינע אַנדערע קינדער זיינען אונזערע עלטערן מגולגל געוואָרן אין מצרים.

(בשביל משקל שני סלעים מילת שהוסיף יעקב ליוסף משאר אחיו נתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים. — מגילה טז).

24) יעדן קירבעס קען מען דערקענען פון זיין בליאונג צי ער וועט אויסוואַקסן א גוטער.

(בוצין בוצין מקטפיה ידיע. — ברכות מח).

25) אין דעם דור וואָס משיח וועט קומען וועלן די יונגע אויס-לאַכן די עלטערע און די עלטערע וועלן זיך אויפשטעלן פאַר די יונגע; א טאָכטער וועט זיך שטעלן קעגן איר מוטער, א שנור — קעגן איר שוויגער; און א זון וועט זיך ניט שעמען פאַר זיין פאָטער.

(דור שבן דוד בא נערים ילבינו פני זקנים וזקנים יעמדו לפני נערים בת קמת באמה כלה בחמותה ואין הבן מתבייש מאביו. — סנהדרין צז).

26) די וועלט ווערט אויפגעהאַלטן נאָר צוליב די אומשולדיקייט

פון די קליינע קינדערלאך וועלכע גייען אין חדר.

(אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. — שבת קכ).

27) א קינד ביז זעקס יאר זאלסטו ניט אריינגעמען אין חדר; פון זעקס יאר און ווייטער — נעם אים אריין, און שטאפ אים מיט תורה ווי מ'שטאפט אן אקס.

(עד שית לא תקביל מכאן ואילך קביל ואטפי ליה כתורא. — בבא בתרא כא).

28) און אברהם האט אפגעגעבן אלץ וואס ער האט געהאט צו זיין זון יצחק.

(ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק בנו. — בראשית כה).

29) ווער איז עס וואס באקלאגט זיך און קיינער סימפאטיזירט ניט מיט אים? — דאס איז דער וואס שרייבט אפ זיין פארמעגן צו זיינע קינדער ביי זיין לעבן.

(הצועק ואינו נענה מי שכותב נכסיו לבניו בחייו. — בבא מציעא עה).

30) עס איז א פליכט אויף די יתומים צו באצאלן דעם פאטערס חובות.

(מצוות על היתומים לפרוע חובת אביהם. — בבא בתרא קנו).

31) אויף דעם וואס לאזט ניט איבער א זון וואס זאל אים ירש'ענען האט גאט א שטארקן כעס.

(כל שאינו מניח בן ליורשו הקב"ה מלא עליו עברה. — בבא בתרא קטז).

32) „א געזאנג וואס דוד האט געזונגען ווען ער איז אנטלאפן פאר זיין זון אבשלום" (תהלים ג) — וואס הייסט דוד האט געזונגען? ער האט דאך גאר געדארפט קלאגן דאן? (דערקלערט דער תלמוד די זאך מיט די פאלגענדיגע ווערטער:) ווען גאט האט געזאגט צו דוד'ן: „איך וועל אנשטעלן איינעם פון דיין הויז-געזינד וועלכער וועט דיר אנטאן צרות" האט זיך דוד זייער געערגערט, ווייל ער האט גערעכנט אז דער יעניגער וואס וועט אים אנטאן די צרות קען דאך זיין זיינער א שקלאף אדער א ממזר וואס וועט איבער אים קיין רחמנות ניט האבן; ווען דוד האט אבער געזען אז עס איז גאר אבשלום זיין זון האט ער געזונגען פון פרייד.

(מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו (תהלים ג). מזמור לדוד קינה לדוד מיבעי ליה וכו' כיון שאמר לו הקב"ה הנני מקים עליך רעה מביתך היה עצב אמר שמא עבד או ממזר הוא דלא חייס עלי כיון דחזא דאבשלום הוא שמח. — ברכות ז).

33) ווי באלד עס ווען קומען קינדערלאך צו די פארהייראטע וועט זיין שטיל ביי די דיינים ווייל ס'וועט ניט קומען צו קריג.

(כיון שבנים לבניך שלום על דייני ישראל דלא אתי לאינצויי. — כתובות נ).

34) שטענדיג זאל א מענש לערנען זיין קינד א ריינע און א גרינגע ארבעט.

(לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה. — ברכות סג).

35) באצי זיך מיט אכטונג צו די קינדער פון ארעמע עלטערן, ווייל פון זיי וועלן אויסוואקסן געלערנטע מענשן.

(הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. — נדרים פא).

36) באצי זיך מיט אכטונג צו די קינדער פון עמי־הארצים, ווייל פון זיי וועלן אויסוואקסן געלערנטע מענשן.

(הזהרו בבני עמי הארץ שמהם תצא תורה. — סנהדרין צו).

37) ניט שטענדיג געפינט ביי תלמידי חכמים, אז עס זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים פון זייערע קינדער.

(אין מצויין ת"ח לצאת ת"ח מבניהם. — נדרים פא).

38) דאס וואס אינגלאך בויען איז עס ווי צעווארפן; דאס וואס אלטע צעווארפן איז עס ווי געבויט.

(בנין ילדים סתירה וסתירת זקנים בנין. — מגילה לא).

39) עס איז אן אונטערשייד, צי מ'לערנט א זאך אין דער פרים־טער יוגנט, צי מ'לערנט זי אויף דער עלטער.

(נפקא מינה לגירסא דינקותא. — שבת כא).

40) א מענש זאל ניט לערנען זיין קינד קרעמעריי, ווייל קרע־מעריי איז רויבעריי (מ'גיסט וואסער אין די ווין און מ'לייגט שפענד־לאך אין די ווייץ).

(לא ילמד אדם את בנו חנווני שאומנתן אומנות לסטים [מטיל מים ביין וצרורות בחטין, רש"י]. — קידושין כח).

41) דער וואס לערנט ניט זיין קינד קיין מלאכה איז ווי ער לערנט אים צו ווערן א רויבער.

(כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאלו מלמדו לסטות. — קידושין כח).

42) א קינד וואס איז נאר איין יאר אלט, האט ניט פארזוכט דעם טעם פון זינד.

(בן שנה שלא טעם טעם חטא. — יומא כג).

43) דער וואָס גיט א קינד א שטיקל ברויט דארף עס געבן צו ווּיסן דעם קינדס מוטער.
(הנותן פת לתינוק צריך להודיעו לאמו. — ביצה טז).

44) דער וואָס האלט צוריק דעם רוט האָט פיינט זיין קינד.
(חושך שבטו שונא בנו. — משלי יג).

45) דו זאָלסט ניט אויסמיידן צו שטראָפן א קינד: אז דו וועסט אים שלאָגן מיט א רוט וועט ער דערפון ניט שטארבן.
(אל תמנע מנער מוסר כי תכנו בשבט לא ימות. — משלי כג).

46) אויך אין זיין שפּילן זיך קען דערקענען א קינד, צי ער וועט (שפּעטער אין לעבן) טאָן וואָס עס איז קלאָר און גלייך.
(גם במעלליו יתנכר נער אם זך ואם ישר פעלו. — משלי כ).

47) לערן דעם קינד דאָס, צו וואָס ער האָט א נויגונג [אָדער: דערציִ דעם קינד ווערליג זיין פּיאיקייט]: אז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער עס ניט אָפּלאָזן.
(חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה. — משלי כב).

48) צי איר זייט שלעכט, צי איר זייט גוט, ווערט איר אָנגערופן קינדער ביי גאָט.
(בין כך ובין כך אתם קרויין בנים. — קידושין לה).

49) ר׳ שמעון בן אלעזר זאָגט: „די תאוה (ליידנשאפט), א קינד און א פרוי זאָל די לינקע האַנט אָפּשטויסן און די רעכטע האַנט דערנענטערן.
(אמר ר׳ שמעון בן אלעזר יצר תינוק ואשה תהא שמאל דוחה וימין מקרב. — סנהדרין קז).

50) עס איז א פליכט אויף דעם פאָטער צו שפּייזן די טעכטער, ווער רעדט וועגן די זין וואָס באשעפטיגן זיך אין לערנען — זיי מוז ער געווים שפּייזן.
(מצוה לזון את הבנות ק"ו לבנים דעסקי בתורת. — בבא בתרא קמא).

51) אידישע טעכטער זיינען שיינע.
(בנות ישראל נאות הן. — נדרים סו).

52) די קינדער זאָלן ניט שטארבן פאר די זינד פון די עלטערן.
(בנים לא יומתו על אבות. — דברים כד).

53) די פרוי אַן אויסגעלאָסענע — אירע קינדער זיינען כשר׳ע.

(ד. ה. די מאמע קען זיך זיין אן אויסוואורף, אבער אירע קינדער קענען זיין די אנשטאנדיגסטע).

(אשה מזנה בניה כשרין. — סוטה כז).

54) דער וואס לערנט זיין חברים קינד די תורה איז ווי ער וואלט אים געבראכט אויף דער וועלט.

(כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאלו ילדו. — סנהדרין צט).

55) די רייד פון א קינד אין גאס זיינען אדער דעם טאטנס אדער דער מאמעס. [גלייכווארט: וואס די אלטע שפייען — די יונגע צוקייען].

(שותא דינוקא בשוקא או דאבוה או דאימות. — סוכה נו).

גוטע־פריינט

1) דו זאלסט ליב האבן דיין חבר ווי זיך אליין.

(ואהבת לרעך כמוך. — ויקרא יט).

2) אדער אזא חבר ווי די חברים וואס איוב האט געהאט, אדער א טויט.

(או חברא כחברי דאיוב או מיתותא. — בבא בתרא טז).

3) דיין אייגענער לעבן קומט פריער פאר דיין חברים לעבן.

(חייך קודמים לחיי חבירך. — בבא מציעא סב).

4) אפילו ביי זיין גוטן פריינט איז פארהאסט דער ארעמאן.

(גם לרעהו ישנא רש. — משלי יד).

5) די פריינט פון דעם רייכן זיינע פילע.

(אוהבי עשיר רבים. — משלי יד).

6) דאס וואס דו האסט פיינט אז אימעצער זאל עס טאן צו דיר זאלסטו עס צו דיין חבר ניט טאן.

(דעלך סני לחברך לא תעביד. — שבת לא).

7) גיי ניט צו־אפט אין דיין פריינטס הויז, ווייל ער קען נאך זאט ווערן פון דיר און ער וועט דיר פיינט קריגן.

(הוקר רגלך מבית רעיך פן ישבעך ושנאך. — משלי כה).

8) א מענש זאָל ניט אריינגיין פּלוצלינג אין זיין פריינטס הויז.
(אל יכנס אדם פתאום לבית חבירו. — דוגמא נדה טז).

9) אז מ'דערציילט דיר דאָס דיין חבר איז געשטאָרבן, מעגסטו גלויבן; ווען מ'דערציילט דיר דאָס דיין חבר איז רייך געוואָרן, מעגסטו ניט גלויבן.
(חברך מית אשר איתעשר לא תאשר. — גיטין ל).

10) א מענש זאָל זיך בעסער אריינוואַרפן אין א ברענענדיגן אויוון איידער אויסלאַכן זיין חבר פאַר א פּובליקום.
(ימסור אדם את עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים. — כתובות סח).

11) דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין פריינטס ווייב.
(לא תחמוד אשת רעך. — שמות כ).

12) אז דיין חבר רופט דיך אייזל, טו אָן א זאָטל אויף דיין רוקן.
(חברך קרייך אוכפא לגביך מוש. — בבא קמא צב).

13) זאָל דיין חבר'ס געלט זיין ביי דיר אזוי טייער ווי דיינע אייגענע.
(יהי ממון חבירך חביב עליך כשלך. — אבות פ"ב).

14) א מענש איז א פריינט צו זיך אליין.
(אדם קרוב אצל עצמו. — סנהדרין ט).

15) א סוד זאָלסטו פאַרטרויען נאָר צו איינעם פון טויזנט.
(גלה סוד לאחד מאלף. — בן סירא).

16) איר זאָלט ניט גלויבן אין א פריינט.
(אל תאמינו ברע. — מיכה ז).

17) אכט אים און פאַרדאַכט אים.
(כבדהו וחשדהו. — דוגמא מסכת דרך ארץ פ"ה).

18) רבי יהושע זאָגט: „שטענדיג זאָלן אלע מענשן אויסקוקן אין דיינע אויגן ווי רויבער, דאָך זאָלסטו זיי אכטן".
(אמר ר' יהושע בן לוי לעולם יהיו כל בני אדם בעיניך כלסטים והוי מכבדן. — ד"א פ"ה).

19) יעדער פויגל צו זיין סאָרט און יעדער מענש צו זיין גלייכן.
(כל עוף למינו ובן אדם לדומה לו. — בבא קמא צב).

20) קענסט זיך קריגן מיט דיין פריינט, אָבער וואָס ער האָט דיר אָנפאַרטרויט זאָלסטו צו א צווייטן ניט אנטדעקן.
(ריבך ריב את רעך וסוד אחר אל תגל. — משלי כה).

21) זאָלסט איבערגעבענען דיין חבר אין דער גוטער זייט.
(הוי דן את חבירך לכף זכות. — שבועות ל).

22) אַ פעלער וואָס איז אין דיר זאָלסטו ניט זאָגן אויף דיין חבר. [אָדער: מיט אַ פעלער וואָס איז אין דיר, זאָלסטו ניט אָנרופן דיין חבר].
(מום שבך אל תאמר לחברך. — בבא מציעא נט).

23) יעקב האָט געפרעגט רחל'ען: „ווילסטו מיט מיר הייראַטן?" האָט רחל געענטפערט: „יאָ, נאָר מיין פאָטער איז אַ קונסטלער אין אָפּטאָן שטוקעס און דו וועסט זיך ניט קענען שטעלן קעגן אים". יעקב האָט דאַן ביי איר געפרעגט: „וואָס פאַר אַ שטוקע קען ער מיר אָפּ-טאָן?" האָט רחל געענטפערט: „איך האָב אַן עלטערע שוועסטער וועלכע איז נאָך ניט פארהייראַט, און ער וועט ניט דערלאָזן אַז איך זאָל הייראַטן פריער פון איר". האָט איר יעקב געזאָגט: „וואָס אָנ-באַלאַנגט אָפּטאָן שטוקעס קען איך זיין זיינער אַ ברודער".
(אמר יעקב לרחל מינסבת לי אמרה ליה אין מיהו אבא רמאה הוא ולא יכלת ליה אמר לה מאי רמאותיה אמרה ליה אית לי אחתא דקשישא מינאי ולא מינסבא לי מקמה אמר לה אחיו אני ברמאות. בבא בתרא קכג).

24) דער וואָס זעט זיין חבר נאָכדעם ווי ער האָט אים ניט געזען דרייסיג טעג דאַרף זאָגן: „אַ דאַנק גאָט וואָס מיר האָבן דער-לעבט זיך צו זען". און אויב עס זיינען אריבער צוועלף מאָנאַטן וואָס ער האָט אים ניט געזען, דאַרף ער זאָגן: „געלויבט איז דער, וואָס מאַכט לעבעדיג די טויטע".
(הרואה את חבירו אחר ל' יום אומר ברוך שהחיינו ואם לאחר י"ב חודש אומר ברוך מחיה המתים. — ברכות נט).

25) ניט אומזיסט איז געגאַנגען דער רויב-פויגל (ראָב) צו דער וואָראָנע — ער איז פון איר סאָרט.
(לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו. — בבא קמא צב).

26) דער וואָס חבר'ט זיך מיט אַן אומריינעם ווערט אומריין.
(כל המחובר לטמא טמא. — בבא קמא צב).

27) אַ סך האָב איך געלערנט פון מיינע לערער, אָבער פון מיינע חברים האָב איך געלערנט מער ווי פון מיינע לערער.
(הרבה למדתי מרבותי ומחברי יותר מרבותי. — תענית ז).

28) אַ שקלאַף האָט ניט קיין ברידערשאַפט.
(עבד אין לו אחוה. — בבא קמא פח).

29) דער שלעכטער טויטל-בוים זוכט נאָר אויס די געזעלשאַפט פון דעם פוסטן בוים.

(מטייל ואזיל דיקלא בישא גבי קינא דשרכי. — בבא קמא צב).

30) מ'זאָגט צו דער בין: „איך וויל ניט דיין האָניג און איך וויל ניט דיין בים".

(אומרים לצרעה לא מן דובשך ולא מן עוקצך. — ב"ר בלק).

31) אז דו וועסט קומען אין דיין פריינטס ווייגאָרטן קענסטו עסן וויפל די ווילסט, אָבער אין דיינע קעשענעס זאָלסטו ניט לייגן.

(כי תבוא בכרם רעך ואכלת כנפשך שבעך ואל כליך לא תתן. — דברים כג).

32) דו זאָלסט ניט פאַרמשפּטן דיין חבר ביז דו וועסט זיך שטעלן אויף „זיין" אָרט.

(אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו. — אבות ב).

33) עס איז גרינג צו קויפן זיך א שונא, אָבער עס איז שווער צו קויפן זיך א גוטן פריינט.

(נוח לקנות שונא וקשה לקנות אוהב. — ילקוט ואתחנן).

34) ווען איינער געפינט זיין סאָרט ווערט ער וואַכעדיג 1).

(מצא מין את מינו וניעור. — עירובין ט).

35) דער וואָס בעט ביי גאָט רחמים פאַר זיין חבר וואָס איז אין א צרה, און ער אַליין דאַרף עס אויך — ווערט ער אַליין פריער געענטפערט.

(כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה. — בבא קמא צב).

36) פונקט ווי ווען דו קוקסט אין וואַסער, שפּיגלט די וואַסער אָפּ צוריק צו דיר דיין אייגענעם פּנים — אזוי וועט א צווייטן מענשנס האַרץ אָפּשפּיגלען צוריק צו דיר די פריינטשאַפט וואָס דיין האַרץ פילט צו אים. [גלייכוואָרט: א האַרץ פילט א האַרץ].

(כמים הפנים לפנים כן לב האדם לאדם. — משלי כז).

37) עס איז דאָ אַמאָל א פריינט וועלכער איז מער צוגעקלעפּט ווי א ברודער.

(יש אוהב דבק מאח. — משלי יח).

---

1) ד. ה. ער גענעצט ניט אין דער קאָמפּאַניע. [**איך גיב עס אין דעם** זין ווי די וועלט באַנוצט עס אַלס א גלייכוואָרט].

38) אויפן שוועל פון עשירות — געפינען זיך א סך ברידער און גוטע פריינט; אויפן שוועל פון ארעמקייט — זיינען ניטא קיין ברידער און ניט קיין גוטע פריינט.

(אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי, אבב בזיוני לא אחי ולא מרחמי. — שבת לב).

39) אויב דו האסט געטאן צו דיין חבר א גרויסע טובה, זאל עס אויסזען ביי דיר א קלייניקייט; אבער אויב דיין חבר האט געטאן א קליינע טובה צו דיר — זאל עס אויסזען ביי דיר א גרויסע זאך.

(אם עשית לחברך טובה הרבה יהא בעיניך מעט ואם עשה לך חברך טובה קימעא יהא בעיניך הרבה. — אבות דר"נ מא).

40) הלל האט געזאגט: „אויב דו וועסט קומען צו מיר אין הויז, וועל איך קומען צו דיר אין הויז; אויב דו וועסט ניט קומען צו מיר אין הויז, וועל איך ניט קומען צו דיר אין הויז".

(הלל הזקן אמר אם תבוא אל ביתי אני אבוא אל ביתך ואם אתה לא תבוא אל ביתי אני לא אבוא אל ביתך. — סוכה נג).

קנאה, שנאה און מחלוקת

1) עס איז גרעסער די שנאה וואס אומוויסנדיגע מענשן האבן צו געלערנטע ווי די שנאה וואס די געצנדינער האבן צו די אידן; און די ווייבער (פון די אומוויסנדיגע) פילן נאך א גרעסערע שנאה (צו די געלערנטע) ווי זייערע מענער.

(גדולה שנאה ששונאין עמי הארץ לתלמידי חכמים יותר משנאה ששונאין עכו"ם את ישראל ונשותיהן יותר מהן. — פסחים מט).

2) יעדער ארבעטער האט פיינט דעם ארבעטער פון זיין פאך.

(כל אומן שונא בן אומנתו. — ב"ר יט).

3) אז עס גייען אויס די גערשטן אין קרוג קלאפט אן און עס קומט אריין מחלוקת אין הויז.

(כמשלים שערי מכדא נקיש ואתי תיגרא בביתא. — בבא מציעא נט).

4) אז עס קריגן זיך צוויי מענשן, זעט וועלכער עס וועט פריער אנטשווייגן — יענער איז מער יחסן.

(כי מינצו תרי בהדי הדדי חזו הי מינייהו דקדים ושתיק אמרי האי מיוחס טפי. — קידושין עא).

5) דער, וועלכער גייט פאַרביי און מישט זיך אַריין אין אַ קריג וואָס גייט אים ניט אָן, איז ווי איינער וואָס נעמט אָן אַ הונט ביי די אויערן.

(מחזיק באזני כלב עבר מתעבר על ריב לא לו. — משלי כו).

6) ווי באַלד עס וועלן קומען קינדערלאַך צו די פאַרהייראַטע וועט זיין שטיל ביי די דיינים, ווייל ס'וועט ניט קומען צו קריג.

(כיון שבנים לבניך שלום על דייני ישראל דלא אתי לאינצויי. — כתובות נ).

7) עס איז גרינג צו קויפן זיך אַ שונא, עס איז אָבער שווער צו קויפן זיך אַ גוטן פריינט.

(נוח לקנות שונא וקשה לקנות אוהב. — ילקוט ואתחנן).

8) דער העלפאַנד האָט מורא פאַר אַ פליג.

(אימת יתוש על הפיל. — שבת עז).

9) ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קריגעלע און געענדיגט מיט אַ פּאַס 1).

(פתח בכד וסיים בחבית 1). — בבא קמא כז).

10) עס איז ניט גלייך הערן צו זען.

(אינו דומה שמיעה לראיה. — ראש השנה כה).

11) מ'זאָגט צו דער בין: „איך וויל ניט דיין האָניג און איך וויל ניט דיין בים".

(אומרים לצרעה לא מדובשך ולא מעוקצך. — ב"ר בלק).

12) פון קריג קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

(אין דבר טוב יוצא מתוך מריבה. — שמות רבה פ"ל).

13) אַ מאַן איז גרינג איבערצובעטן; אַ פרוי איז ניט גרינג איבערצובעטן.

(איש נוח להתפייס ואין אשה נוחה להתפייס. — ב"ר פי"ז).

14) אַ פעלער וואָס איז אין דיר זאָלסטו ניט זאָגן אויף דיין חבר. [אָדער: מיט אַ פעלער וואָס איז אין דיר, זאָלסטו ניט אָנרופן דיין חבר].

(מום שבך אל תאמר לחברך. — בבא מציעא נט).

---

1) איך גיב עס, ווייל די וועלט באַנוצט די דאָזיגע פראַזע ווען מ'רעדט וועגן אַ מחלוקת.

15) אין א ברונעם פון וועלכן דו האסט געטרונקען וואסער זאלסטו ניטווארפן קיין שמוץ.

(בירא דשתית מיניה מיא לא תשדי ביה קלא. — בבא קמא צב).

16) די מיאוסע זאך וואס דו האסט אמאל אפגעטאן — זיי דו דער ערשטער עס ארויסצוזאגן (ווען דו קריגסט זיך מיט אימעצן).

(מלתא גנאה דאית בך קדים אמרה. — בבא קמא צב).

17) א מענש זאל ניט ריידן איין זאך מיטן מויל און אן אנדערע אין הארצן.

(לא ידבר אחד בפה ואחד בלב. — בבא מציעא מט).

18) קענסט זיך קריגן מיט דיין פריינט, אבער וואס ער האט דיר אמאל אנפארטרויט זאלסטו צו א צווייטן ניט אנטדעקן.

(ריבך ריב את רעך וסוד אחר אל תגל. — משלי כה).

19) דאס וואס דו האסט פיינט אז אימעצער זאל דיר טאן, זאלסטו ניט טאן צו דיין חבר.

(דעלך סני לחברך לא תעביד. — שבת לא).

20) א רבי און זיין געוועזענער תלמיד וועלכע באשעפטיגן זיך מיט דער תורה אין דעם זעלביגן פלאץ ווערן שונאים איינער דעם אנדערן; זיי גייען אבער ניט אוועק פון דארטן ביז זיי ווערן צוריק גוטע פריינט.

(הרב ותלמידו שעוסקין בתורה בשער אחד נעשו אויבים זה את זה ואינם זזים משם עד שנעשו אוהבים זה את זה. — קידושין ל).

21) ווען דיין שונא פאלט זאלסטו זיך ניט פרייען.

(בנפול אויבך אל תשמח. — משלי כד).

22) אויב דיין שונא איז הונגעריג גיב אים עסן ברויט, און אויב ער איז דארשטיג גיב אים טרינקען וואסער — אפילו דו שארסט גאר מיט דעם הייסע קוילן אויף זיין קאפ, דאך וועט דיר גאט גוט באצאלן דערפאר.

(אם רעב שונאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים כי גחלים אתה חתה על ראשו וד' ישלם לך. — משלי כה).

23) דו זאלסט ניט זאגן: „ווי ער האט געטאן צו מיר אזוי וועל איך טאן צו אים“.

(אל תאמר כאשר עשה לי כן אעשה לו. — משלי כד).

24) מ'בעט ניט איבער א מענשן ווען דער כעס ברענט נאך אין אים.

(אין מרצין לו לאדם בשעת כעסו. — ברכות ז).

25) אַן אַלעמען איז זיך אַ מענש מתקנא אויסער אַן זיין קינד.
(בכל אדם מתקנא חוץ מבנו. — סנהדרין קה).

26) אַ פרוי איז זיך מתקנא נאָר אַן איר פריינדינע.
(אין אשה מתקנא אלא בירך חברתה. — מגילה יד).

27) די שונאים פון אַ מענשן זיינען אָפט זיינע אייגענע הויז-מענשן.
(אויבי איש אנשי ביתו. — מיכה ז).

28) שמשון האָט געזאָגט: „מעג איך אליין געהרג'עט ווערן, אַבי די פלשתים זאָלן אויך געהרג'עט ווערן.
(תמות נפשי עם פלשתים. — שופטים טז; ועיין יבמות קיח).

29) צוויי רויב-פויגל קענען ניט שלאָפן אויף דעם זעלביגן צווייגעלע. [גלייכוואָרט: צוויי קעץ קענען ניט זיין אין איין זאַק].
(אין שני זרזירים ישינים בדף אחד. — ב"ר עה).

30) גערעכט איז דער ערשטער אין זיין קריג (ווען דו הערסט אוים נאָר זיינע טענות), אָבער אַז עס קומט דער צווייטער צד (מיט זיינע טענות) דאַן מוזטו שוין אויספרעגן דעם ערשטן.
(צדיק הראשון בריבו ובא רעהו וחקרו. — משלי יח).

31) אַן איידעלער ענטפער — האַלט אָפּ דעם כעס.
(מענה רך ישיב חמה. — משלי טו).

32) אַ חזיר ציט אויס זיינע קלויען, ווי ער וואָלט זאָגן: „אויך איך בין כשר". [דערפון אונזער ווערטל: חזיר-פיסל כשר].
(חזיר פושט את טלפיו כאומר שאני טהור. — ב"ר סה).

33) נעם אויף יעדן מענשן מיט אַ פריינטליכן פנים.
(הוה מקבל כל אדם בסבר פנים יפות. — אבות א).

34) פאַראַן אַמאָל איינער וואָס רעדט און זיינע ווערטער שטעכן ווי שפּיזן.
(יש בוטה כמדקרות חרב. — משלי יב).

35) מענשן עסען און טרינקען איינע מיט די אַנדערע און שטעכן איינע די אַנדערע מיט זייערע צינגער.
(בני אדם אוכלין ושותין זה עם זה ודוקרין בחרבות שבלשונם זה את זה. — יומא יא).

---

2) מ'זאָל אים האַלטן פאַר אַ גרויסן מענשן.

36) דער וואס זוכט גדלות 2) — אנטלויפט די גדלות פון אים; דער וואס אנטלויפט פון גדלות — זוכט די גדלות אים.
(כל המחזר על הגדולה גדולה בורחת ממנו וכל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת אחריו. — עירובין יג).

37) ווען איינער שפייט ארויפצו, פאלט די שפייאכץ צוריק אויף זיין פנים.
(דרקק לעיל על אפויי נפל. — קהלת רבה פ"ז).

38) אז מ'שווייגט איז ווי מ'איז זיך מודה.
(שתיקה כהודאה דמיא. — בבא מציעא לז).

39) רב הונא האט אמאל (אין א שמועס וועגן א געוויסע פראגע) געזאגט מיט דעם טאן פון אן אויטאריטעט: „דער דין איז אזוי". האב רב נחמן זיך אפגערופן: „וואס דארפסטו גנב'ענען! אויב דו דענקסט אז דער דין איז ווי ר' שמעון האט געזאגט, טא זאג אז דער דין איז ווי ר' שמעון האט געזאגט".
(רב הונא אמר הכי הלכה. אמר לו רב נחמן גנבא גנובי למה לך אי סבירא לך כר' שמעון אימא הלכה כר' שמעון. — יבמות צא).

40) א מענשנס כאראקטער קען מען דערקענען אין זיין קעשענע, אין זיין טרינקען, אין זיין כעס.
(אדם ניכר בכיסו בכוסו ובכעסו. — עירובין סה).

41) דו זאלסט זיך ניט אפרעכענען און ניט טראגן קיין שנאה.
(לא תקום ולא תטור. — ויקרא יט).

42) א זיפץ צוברעכט א האלבן קערפער פון דעם מענשן.
(אנחה שוברת חצי גופו של אדם. — ברכות נח).

43) צו א נזיר 3) זאגט מען: „אפגעשיידענער! גיי ארום און ארום, אבער צו דעם וויינגארטן זאלסטו ניט צוגיין נאענט".
(אומרים לנזירא: נזירא סחור סחור לכרמא לא תקרב. — עבודה זרה י).

44) האב פיינט צו זיין א פירער.
(ושנא את הרבנות. — אבות א).

45) אז עס זיינען צוגעקומען מער מענשן וואס האלטן זייער פון

---

3) א „נזיר" האט מען אנגערופן דעם מענשן וואס האט זיך אפגעשיידט פון אלע וועלטליכע פארגעניגנס און האט זיך אפגעגעבן גאר מיט געטליכקייט.

זיך (פוסטע בעלי-גאווה) איז צוגעקומען מער מחלוקת ביי אידן.
(משרבו זחוחי הלב רבו מחלוקת בישראל. — סוטה מז).

46) דריי האָבן פיינט איינע די אַנדערע (ד. ה. זייער אייגענעם מין): הינט, העגער, אויסגעלאַסענע פרויען.
(שלשה שונאין זה את זה ואלו הן הכלבים והתרנגולין ואף הזונות. — פסחים קיג).

עטיקעט

1) רב אדא האָט געזאָגט: „אין מיין לעבן בין איך קיינמאָל ניט געווען בייז אין מיין הויז".
(רב אדא אמר מימי לא הקפדתי בתוך ביתי. — תענית כ).

2) דער וואָס עסט אין מאַרק איז גלייך צו אַ הונט.
(האוכל בשוק דומה לכלב. — קידושין מא).

3) דער וואָס איז אַליין אַ גאַסט און ער ברענגט צו זיך נאָך אימעצן פאַר אַ גאַסט איז אַ גראָבער יונג. [דערפון דער גלייכוואָרט: „אין אורח מכנים אורח"].
(וקל מסובין וכו' אורח מכנים אורח. — בבא בתרא צח).

4) טרינק וואַסער פון דיין אייגענעם ברונעם.
(שתה מים מבורך. — משלי ה).

5) אין אַ ברונעם פון וועלכן דו האָסט געטרונקען וואַסער זאָלסטו ניט וואַרפן קיין שמוץ.
(בירא דשתית מיניה מיא לא תשדי ביה קלא. — בבא קמא צב).

6) אז דו ווערסט קומען אין דיין פריינטס ווייגאָרטן קענסטו עסן וויפל דו ווילסט, אָבער אין דיינע קעשענעס זאָלסטו ניט לייגן.
(כי תבוא בכרם רעך ואכלת כנפשך שבעך ואל כליך לא תתן. — דברים כג).

7) מ'מעג זיך לאָזן לאַנג בעטן פון אַ קלענערן מענטשן פון זיך, אָבער מ'דאַרף זיך ניט לאָזן לאַנג בעטן פון אַ גרעסערן מענטשן פון זיך.
(מסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול. — פסחים פו).

8) עס ציבעלע — און זיץ אין הויז 1).
(אכול בצל ושב בצל. — פסחים קיד).

9) זאָלסט ניט עסן קיין ברויט ביי דעם ניט-פאַרגינער.
(אל תלחם לחם את רע עין. — משלי כג).

10) איינער זאָל ניט טרינקען פון איין בעכער און וואַרפן זיינע אויגן אויף אַן אַנדער בעכער. (בדרך מליצה: איינער זאָל ניט וואוינען מיט איין פרוי און האָבן אין זינען אַן אַנדער׳ע).
(אל ישתה אדם בכוס זה ויתן עיניו בכוס אחר. — נדרים כא).

11) אז מ׳האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל וויין זאָל ער אָפּוואַרטן אַ ווײַלע און דערנאָך טרינקען.
(מזגו לו כוס ישהה וישתה. — כלה פ״י).

12) אַ מענש זאָל ניט זיין וואַכעדיג צווישן שלאָפעדיגע און שלעפעריג צווישן וואַכעדיגע.
(לא יהא ער בין הישינים ולא יהא ישן בין הערים. — כלה פ״י).

13) אַ מענש זאָל ניט אַריינגיין פּלוצלינג אפילו אין זיין אייגענער הויז, אין זיין פריינדס הויז — געוויס ניט.
(אל יכנס אדם פתאום לביתו ואין צריך לומר לבית חבירו. — דוגמא נדה טז).

14) אַ מענש זאָל ניט אויסטרינקען אַ גאַנצע גלעזל וויין מיט איין זופּ; אויב ער האָט אויסגעטרונקען מיט איין זופּ איז ער אַ זויפער.
(אל ישתה אדם כוסו בבת אחת ואם שתת בבת אחת הרי זה גרגרן. — דרך ארץ פ״ו).

15) אַ מענש זאָל זיך ניט פרייען וואו מ׳וויינט און ניט וויינען וואו מ׳פרייט זיך.
(אל ישמח אדם בין הבוכים ולא יבכה בין השמחים. — כלה פ״י).

16) אַ מענש זאָל ניט עסן מיט אַלע זיינע פינגער אַרום דעם שטיק ברויט, ווייל ער וועט אויסקוקן ווי אַ פרעסער.
(לא יאכל אדם בכל אצבעותיו מפני שנראה כרעבתן. — כלה פ״י).

---

1) דער מיינונג אין תלמוד איז גאָר פאָלגענדיגער: „לעב אויסגערעכנט — וועסטו קענען איינזיצן אין הויז״. דאָך באַנוצט די וועלט די דאָזיגע תלמודישע פראַזע אַלס אַ גוט־וואָרט צו די וואָס האָבן געגעסן ציבעלע און ווילן גיין ערגעץ צו גאַסט.

17) געסט טאָרן ניט געבן קיין זאַך צו דעם קינד פון בעל־הבית אָדער צו זיין דינסט, סיידן זיי האָבן גענומען ערלויבעניש פון דעם בעל־הבית.

(אורחין אין רשאין ליתן כלום לא לבנו של בעל הבית ולא לעבדו אלא אם כן נטלו רשות מבעל הבית. — ד"א פ"ט).

18) אַ געלערנטער מענש זאָל ניט עסן שטייענדיג און זאָל ניט אָפּלעקן זיינע פינגער; אויך זאָל ער ריידן ווינציג און לאַכן ווינציג.

(ת"ח לא יאכל מעומד ולא ילקלק באצבעותיו גם מיעוט שיחה ומיעוט שחוק. — דרך ארץ זוטא פ"ח).

19) אַז צוויי מענשן זיצן ביי איין טיש דאַרף דער, וואָס איז דער גרעסערער, אָנהויבן עסן צוערשט.

(שנים שהיו יושבין על שולחן אחד הגדול שבהן שולח יד תחילה. — דרך ארץ רבה פ"ז).

20) אַ תלמיד־חכם וואָס וואַשט ניט זיינע הענט פאַרן עסן, איז אַ מיאוסער מענש; נאָך מיאוסער פון אים — איז דער בעל־הבית וואָס עסט פון דעם חלק, וועלכן מ'האָט געשטעלט פאַרן גאַסט; און נאָך מיאוסער פון אים — איז דער מענש וואָס איז אַליין אַ גאַסט און ער ברענגט צו זיך נאָך אימעצן פאַר אַ גאַסט.

(כל ת"ח המזלזל בנטילת ידים הרי זה מגונה ומגונה ממנו האוכל מלפני האורח [כלומר הנוטל מחלק של האורח ואוכל, מפרש] ומגונה ממנו אורח מכנים אורח. — דרך ארץ זוטא פ"ח).

21) אַ מענש זאָל ניט אַרויסריידן אַ שמוציגן וואָרט פון מויל.

(אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו. — פסחים ג).

22) ניט דער פּלאַץ גיט כבוד דעם מענשן, נאָר דער מענש גיט כבוד דעם פּלאַץ.

(לא מקומו של אדם מכבדו אלא אדם מכבד את מקומו. — תענית כא).

23) האָסטו געליען עפּעס טאָרסטו עס ניט פאַרלייען.

(אין השואל רשאי להשאיל. — גיטין כט).

24) אויב דו האָסט גאַראַנטירט פאַר אימעצן וואָס האָט געליען געלט, האָסטו גאַראַנטירט צו באַצאָלן אויב ער באַצאָלט ניט.

(אם ערבת, ערבת על מנת לשלם. — ד"א זוטא פ"ג).

25) אַז איינער קומט אַריין אין הויז זאָל ער ניט זאָגן: „דערלאַנגט מיר עסן", נאָר ער זאָל וואַרטן ביז מ'וועט אים זאָגן „גיי עסן".

(הנכנס לבית אל יאמר להם תנו לי ואוכל עד שיאמרו לו הם אכול. — ד"א פ"ח).

26) אז איינער שטייט אין מארק זאָל ער ניט פרעגן אויף א זאך „וויפל קאָסטו עס?" ווען ער וויל עס גאָר ניט קויפן.
(היה עומד בשוק אל יאמר בכמה חפץ זה והוא אינו רוצה ליקח. — ד"א פ"ח).

27) אייל זיך ניט צו ענטפערן אויף א זאך, באטראכט פריער די ווערטער צו דער זאך.
(אל תהי נבהל להשיב ותהא מחשב דברים כענין. — ד"א זוטא פ"ג).

28) מיט דעם אָרענטליכן מענשן זיי אָרענטליך.
(עם גבר תמים תתמם. — תהלים יח).

29) צו יעדער צייט זאָלן דיינע קליידער זיין ווייס (ריין).
(בכל עת יהיו בגדיך לבנים. — קהלת ט).

30) שאר זיך צו א מענשן וועלכן די צייט שפילט (באגליקט).
(הוה משתדל עם אדם שהשעה משחקת לו. — פסחים קיב).

31) גיי ניט צו-אָפט אין דיין פריינטס הויז, ער קען נאָך זאט ווערן פון דיר און ער וועט דיר פיינט קריגן.
(הוקר רגליך מבית רעיך פן ישבעך ושנאך. — משלי כה).

32) אז ער וויל געבן א מתנה צו זיין חבר דארף ער עס אים פריער געבן צו וויסן.
(הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו. — שבת י).

33) דעם וואָס אנטשולדיגט זיך דארף מען אנטשולדיגן.
(דמפייסו ליה ומפייס. — יומא כג).

34) א שליח ברענגט ניט צוריק קיין שלעכטע תשובה (ד. ה. אן ענטפער וואָס באשטייט פון שלעכטע נייס, אָדער פון א באליי-דיגונג צו דעם וואָס האָט אים געשיקט אין דער שליחות).
(אין משיבין על הקלקלה. — מגילה טו).

35) א מענש זאָל עסן פלייש נאָר פארנאכט.
(לא יאכל אדם בשר אלא בלילה. — יומא עה).

36) עס זאָל ניט זיין דיין טיש א פולער און דיין רביס טיש א ליידיגער.
(לא יהא שולחנך מלא ושולחן רבך ריקן. — ביצה טז).

37) ווען הלל פלעגט קומען צו דער שמחת בית השואבה פלעגט ער זאָגן: „אז איך בין דאָ — זיינען שוין אלע דאָ".
(הלל הזקן כשהיה שמח בשמחת בית השואבה אמר כן אם אני כאן הכל כאן. — סוכה נג).

38) זאָלסט ניט זיין פון די וואָס זויפן וויין און פרעסן פלייש.
(אל תהי בסובאי יין ובזוללי בשר. — משלי כג).

39) עס פאַסט ניט פאַר אַ געלערנטן מענשן (תלמיד חכם) ארויסצוגיין אין גאַס אין פאַרלאַטעטע שיך.
(גנאי הוא לת"ח שיצא במנעלים המטולאים בשוק. — שבת קיד).

40) אַ תלמיד-חכם וואָס מ'געפינט אַ פלעק אויף זיין בגד איז ווערט דעם טויט.
(ת"ח שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה. — שבת קיד).

41) דער וואָס פּסקנ'ט אַ דין ווען זיין רבי איז דאָ דערביי איז ווערט דעם טויט.
(המורה הלכה בפני רבו חייב מיתה. — ברכות לא).

42) נעם אויף יעדן מענשן מיט אַ פריינטליכן פּנים.
(הוה מקבל כל אדם בסבר פנים יפות. — אבות א).

43) באַצי זיך מיט אַכטונג צו דיין ווייב.
(הוי זהיר בכבוד אשתך. — ד"א זוטא פ"ט).

44) זאָל דיר אימעצער אַנדערש רימען, ניט דיין אייגענער מויל.
(יהללך זר ולא פיך. — משלי כז).

45) אַלץ וואָס די חכמים האָבן פאַרבאָטן צו טאָן פאַר מענשן אין די אויגן, טאָר מען ניט טאָן אַפילו אין איינגעשלאָסענע צימערן.
(כל מה שאסרו חכמים מפני מראית עין אפילו בחדרי חדרים אסור. — שבת סד).

46) דאָס וואָס דו האָסט פיינט אַז אימעצער זאָל דיר טאָן זאָלסטו דיין חבר ניט טאָן.
(דעלך סני לחברך לא תעביד. — שבת לא).

47) זאָלסט ניט טרעטן קיין גרויסע טריט.
(אל תפסיע פסיעה גסה. — תענית יא).

48) ווען דו ביזט אַן אויפגעקאָכטער (אין כעס) גיס בעסער אויס דיין טעפּל און עס ניט 1).
(דרתחת קדרך שפוך. — ברכות סב).

49) אַז דו ביזט אַ גאַסט זאָלסטו טאָן אַלץ וואָס דער בעל-

---

1) זע אָנמערקונג 1 אין קאַפּיטל „דאָקטאָריע“.

הבית זאָגט דיר (ערשט דעמאָלט ווען ער זאָגט דיר), אויסער אוועק-צוגיין (זאָלסטו ניט וואַרטן ביז ער וועט דיר זאָגן).

(כל מה שאומר לך בעל הבית עשה חוץ מצא 2). — פסחים פו).

50) דער וואָס פאַרלענגערט (פאַרווײַלט לאַנג) ביי זיין טיש פאַרלענגערט מען אים זיינע יאָרן.

(המאריך על שולחנו מאריכין לו ימיו. — ברכות ג).

51) איין גלעזעלע ווײַן פאַר אַ פרוי איז שיין; צוויי גלעזעלאַך, זיינען מיאוס; נעמט אַ פרוי דריי גלעזעלאַך, מאָנט זי שוין מיטן מויל.

(כוס אחד יפה לאשה, שנים ניוול, שלשה תובעת בפה. — כתובות סה).

52) זאָלסט ניט זיצן קיין סך, ווייל זיצן אַ סך ברענגט צו מערידן; זאָלסט ניט שטיין קיין סך אויף די פיס, ווייל שטיין אַ סך איז ניט גוט פאַר דער האַרץ.

(אל תרבה בישיבה שישיבה קשה לתחתוניות ואל תרבה בעמידה שעמידה קשה ללב. — כתובות קי).

53) דער, וואָס שפייט פאַר אימעצן אין די אויגן, ווערט ביי יענעם מיאוס.

(הרק בפני חבירו ונמאס. — חגיגה ה).

54) אויף דעם אָרט פון גרויסע לייט זאָלסטו זיך ניט שטעלן. [גלייכוואָרט: רוק זיך ניט צווישן גדולים].

(ובמקום גדולים אל תעמוד. — משלי כה).

55) אַ מענש דאַרף זיך אַליין פאָרשטעלן אין אַן אָרט וואו מ'קען אים ניט.

(יש לו לאדם לאודועי נפשיה באתרא דלא ידעי ליה. — נדרים סב).

56) ווען דו קענסט זיין אַ גוטער — פאַרוואָס זאָל מען דיך אָנ-רופן שלעכטער.

(מהיות טוב אל תקרי רע. — ב"ק פא).

57) דער וואָס יאָגט זיך נאָך גדלות — אַנטלויפט די גדלות פון אים; דער וואָס אַנטלויפט פון גדלות — יאָגט זיך די גדלות נאָך אים.

(כל הרודף אחר הגדולה גדולה בורחת ממנו וכל הבורח מן הגדולה גדולה רודף אחריו. — עירובין יג).

---

2) איך גיב עס אין דעם זין ווי די וועלט באַנוצט עס אַלס גלייכוואָרט.

58) איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן.
(ואהבתם את הגר. — דברים י).

59) אין אַ שטאָט וואו עס זיינען ניטאָ די פאָלגענדיגע זאכן, טאָר אַ געלערנטער מענש ניט וואוינען: דיינים (ריכטער) וואָס זאָלן האָבן די מאכט צו באַשטראָפן פאַר אַ פאַרברעכן; אַ צדקה-קאַסע; אַ שול; אַ באָד; אַן אָפּטרעט; אַ דאָקטער; אַ ספּעציאַליסט אויף אָפּצוציען בלוט (אלם רפואה); אַ שרייבער; אַ קצב; אַ מלמד פאַר קליינע קינדער.
(כל עיר שאין בה דברים הללו אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה: בית דין מכין ועונשין וקופה של צדקה ובית הכנסת ובית המרחץ ובית הכסא, רופא ואומן ולבלר וטבח ומלמד תינוקות. — סנהדרין יז).

60) ווען דער פוקס איז געוואָרן אַ קעניג — בוק זיך צו אים.
(תעלא בעידניה סגיד ליה. — מגילה טז).

61) הלל הזקן האָט געזאָגט: „אויב דו וועסט קומען צו מיר אין הויז, וועל איך קומען צו דיר אין הויז; אויב דו וועסט ניט קומען צו מיר אין הויז, וועל איך ניט קומען צו דיר אין הויז“.

דער זעלביגער הלל האָט אַמאָל געזען אַ קאָפּ פון אַ מענשן שווימענדיג אויפן וואַסער. האָט ער געזאָגט צו דער קאָפּ: „ווייל דו האָסט אַנדערע דערטרונקען, האָט מען דיר דערטרונקען — און די וואָס האָבן דיר דערטרונקען, וועלן אויך דערטרונקען ווערן“.
(הלל הזקן אמר אם אתה תבוא אל ביתי אני אבוא אל ביתך ואם אתה לא תבוא אל ביתי אני לא אבוא אל ביתך. אף הוא ראה גולגולת אחת שצפת על פני המים, אמר לה על דאטפת אטפוך ומטיפייך יטופון. — סוכה נג).

די תורה

1) טייער (באַליבט) איז די תורה ביי די וואָס לערנען איר.
(חביבה תורה על לומדיה. — ברכות סג).

2) דאָס וואָס דו האָסט פיינט אַז אימעצער זאָל דיר טאָן זאָלסטו דיין חבר ניט טאָן — דאָס איז דער עיקר פון דער גאַנצער תורה.
(דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה כולה. — שבת לא).

3) די תורה איז פאַר אייך און ניט פאַר די געצנדינער.
(תורה לכם ולא לעכו"ם. — ביצה כ).

4) דער וואָס פאַרקויפט זיין ספר תורה וועט ניט זען קיין גוטס אויף דער וועלט.
(מוכר ספר תורה אינו רואה סימן ברכה בעולם. — מגילה כז).

5) אויב מ'קען ניט לערנען — ווייס מען ניט קיין עטיקעט.
(אם אין תורה אין דרך ארץ. — אבות ג).

6) לערנען — איז ליכט.
(תורה אור. — משלי ט).

7) די תורה קען מען נאָר ריכטיג באַגרייפן ווען מ'לערנט זי אין קאָמפּאַני.
(אין התורה נקנית אלא בחבורת. — ברכות סג).

8) די ווערטער פון דער תורה האָבן אַ קיום נאָר ביי דעם מענשן וועלכער פּלאָגט זיך אָן געגוג צוליב איר.
(אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה. — ברכות סג).

9) ווען איינער לערנט צופיל אויף איין מאָל, וועט ער זיך קיין סך ניט אויסלערנען; ווען ער לערנט אָבער ביסלאַכווייז, וועט ער זיך אויסלערנען אַ סך.
(אם עושה אדם את תורתו חבילות חבילות מתמעט ואם קובץ על יד ירבה. — עירובין נד).

10) מיר געפינען ניט תורה און רייכקייט אין איין אָרט.
(לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד. — סנהדרין לו).

11) רבי נהוראי זאָגט: „איך לייג אוועק אלע מלאכות פון דער וועלט אָן א זייט און איך לערן מיין קינד נאָר די תורה״.

(רבי נהוראי אומר מניח אני את כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה. — קידושין פב).

12) אלץ ווענדט זיך אָן מזל, אפילו א ספר תורה אין ארון קודש.

(הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל. — זוהר נשא).

13) ווען מ׳האָט ארויסגעפירט רבי עקיבאן אויף צו הרג׳ענען אים און מ׳האָט געקאַמט זיין פלייש מיט אייזערנע קאמען, האָבן די מלאכים געזאָגט צו גאָט: „איז דאָס דער געצאָלט פאַר לערנען די תורה!״

(כשהוציאו את רבי עקיבא להריגה והיו סורקים את בשרו במסרקות של ברזל אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה זו תורה וזה שכרה. — ברכות סא).

14) ביז זעקס יאָר, זאָלסטו א קינד ניט אָננעמען אין חדר; פון זעקס יאָר אָן און ווייטער נעם אים אָן און שטאָפּ אים מיט תורה ווי מ׳שטאָפּט אָן אָקס.

(עד שית לא תקביל מכאן ואילך קביל ואטפי ליה כתורא. — בבא בתרא כא).

15) באַצי זיך מיט אכטונג צו די קינדער פון אָרעמע עלטערן ווייל פון זיי וועלן אויסוואַקסן געלערנטע מענשן.

(הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. — נדרים פא).

16) באַצי זיך מיט אכטונג צו די קינדער פון עמי-הארצים ווייל פון זיי וועלן אויסוואַקסן געלערנטע מענשן.

(הזהרו בבני עמי הארץ שמהם תצא תורה. — סנהדרין צו).

17) אויב א מענש איז זיך אזוי פיל מקריב פאַר לערנען (תורה) דאָס ער מאַכט זיך ווי א מדבר וואָס אלע טרעטן איבער אים, וועט זיין לערנען האָבן א קיום.

(אם עושה אדם עצמו כמדבר שהכל דשין בו תלמודו מתקיים בידו. — עירובין נד).

18) דער פּראָסטער יונג שפּרינגט פאָרויס.

(הדיוט קופץ בראש. — מגילה יב).

19) אפילו א געצנדינער, אויב ער באַשעפטיגט זיך נאָר מיט לערנען, איז אזוי גרויס ווי א כהן גדול.

(אפילו עכו״ם ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול. — סנהדרין נט).

20) דאָס באַדינען געלערנטע מענשן (זיך רייבן אַרום זיי) איז גרעסער (וויכטיגער) ווי דאָס לערנען אַליין.

(גדולה שימושה של תורה יותר מלימודה. — ברכות ז).

21) ניט שטענדיג געפינט מען ביי תלמידי חכמים (געלערנטע) אַז עס זאָלן אויסוואַקסן תלמידי חכמים פון זייערע קינדער.

(אין מצויין ת"ח לצאת ת"ח מבניהם. — נדרים פא).

22) עס איז ניטאָ קיין „פריער" און קיין „שפּעטער" אין דער תורה.

(אין מוקדם ומאוחר בתורה. — פסחים ו).

23) וואָס הייסט אָרעמקייט? — אָרעמקייט אין תורה.

(מאי היא עניות, עניות דתורה. — קידושין מט).

24) מ'געפינט ניט די תורה ביי סוחרים אָדער הענדלער.

(לא תמצא לא בסחרנים ולא בתגרים. — עירובין נה).

25) די תורה זשאַלעוועט אידישע געלט.

(התורה חסה על ממונן של ישראל. — יומא מה).

26) ר' אליעזר האָט געזאָגט (אין אַ דעבאַטע וועגן אַ געוויסן דין, אין וועלכער ער איז געווען איינער קעגן אַ סך): „אויב דער דין איז ווי איך זאָג זאָל מען עס באַווייזן פון הימל!" איז אַראָפּ אַ בת-קול פון הימל און געזאָגט: „דער דין איז ווי ר' אליעזר זאָגט!" איז רבי יהושע אויפגעשפּרונגען און האָט אַרויסגעזאָגט: „מיר נעמען ניט אין אַכט קיין בת-קול! דו גאָט האָסט איין מאָל געשריבן אין דער תורה „צו גיין נאָך דער מערהייט" און דו קענסט עס ניט צוריק-ציען". אַביסל שפּעטער האָט רבי נתן זיך געטראָפן מיט אליהו'ן. האָט רבי נתן אים געפרעגט: „וואָס האָט גאָט געזאָגט נאָך רבי יהושע'ס ווערטער?" האָט אים אליהו געענטפערט: „גאָט האָט צו-געשמייכלט און געזאָגט: „זיי האָבן מיר באַזיגט, מיינע קינדער!"".

(אמר ר' אליעזר אם הלכה כמותי מן השמים יוכיחו. יצאה בת קול ואמרה הלכה כר' אליעזר. עמד ר' יהושע על רגליו ואמר אין אנו משגיחין בבת קול שכבר כתבת בתורה אחרי רבים להטות. אשכחיה ר' נתן לאליהו אמר לו מה עביד קוב"ה בההיא שעתא אמר לו קא חייך ואמר נצחוני בני. — בבא מציעא נט).

27) די ווערטער פון דער תורה נעמען ניט אויף זיך קיין טומאה (שמוץ).

(אין דברי תורה מקבלין טומאה. — ברכות כב).

28) ווען איינער איז א תלמיד-חכם און זיין זון איז א תלמיד-חכם און זיין אייניקל איז א תלמיד-חכם, וועט שוין פון איצט אָן און ווייטער די תורה קומען אויף איר אכסניא (ד. ה. האָט שוין די תורה א שטענדיגע אכסניא).

(כל שהוא ת"ח ובנו ת"ח ובן בנו ת"ח וכו׳ מכאן ואילך תורה מחזרת על אכסניא שלה. — בבא מציעא פה).

29) דארפסט ניט זוכן די תורה אויפן הימל אָדער אויף יענער זייט ים.

(לא בשמים היא ולא מעבר לים היא. — דברים לב).

30) צו תורה אז מ׳קען ניט קיין מלאכה, וועט צום סוף גאָר ניט ווערן פון זיין לערנען.

(תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה. — אבות פ"ג).

31) א פסוק (א זאַץ) אין דער תורה גייט ניט ארויס פון זיין איינפאכער באדייטונג.

(אין מקרא יוצא מידי פשוטו. — שבת סג).

32) רב האָט געזאָגט: „עס וועט קומען א צייט ווען די תורה וועט פארגעסן ווערן פון אידן".

(אמר רב עתידה תורה שתשתכח מישראל. — שבת קלח).

33) וואויל איז דעם מענשן וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין תורה און זיין הארעוואניע איז געווען נאָר אין לערנען די תורה.

(אשרי מי שגדל בתורה ועמלו בתורה. — ברכות יז).

34) מ׳מעג זיך אָפּרייסן פון דער תורה (ד. ה. נעמען צייט) צו טאָן עפּעס פאר גאָט.

(הפרו תורתך משום עת לעשות לה׳. — ברכות נד).

35) מ׳זאָל ניט פארקויפן קיין ספר תורה סיידן מ׳דארף די געלט אויף זיך צו לערנען (תורה) אָדער אויף צו נעמען א ווייב.

(אין מוכרין ספר תורה אלא ללמוד תורה ולישא אשה. — מגילה כז).

36) אויף צו פסקנ׳ען א דין דארף מען האָבן א קלאָרע קאָפּ, אזוי קלאָר ווי דער טאָג ווען עס בלאָזט א צפון-ווינט.

(הלכתא בעי צילותא כיומא דאסתנא. —עירובין סה).

37) שטענדיג זאָל א מענש זיך איינשפּאַנען צום לערנען די תורה ווי אַן אָקס צו דער סאָכע און ווי אַן אייזל צו זיין משא.

(לעולם ישים אדם עצמו על דברי תורה כשור לעול וכחמור למשאוי. — עבודה זרה ה).

38) **די אידן האבן צוגענומען די תורה נאר כדי קיין פאלק אדער שפראך זאל ניט געוועלטיגן איבער זיי.**

(לא קבלו את התורה אלא כדי שלא תהא אומה ולשון שולטת בהן. — עבודה זרה ה).

39) **א געזעץ פון די רבנים איז ווי א געזעץ פון דער תורה.**

(תקון רבנן כעין דאורייתא. — עבודה זרה לב).

40) **תורה ווערטער (קענטעניש) איז שווער צו קויפן ווי גאלדענע כלים, אבער אזוי גרינג צו פארלירן ווי גלעזערנע כלים.**

(דברי תורה קשין לקנותן ככלי זהב ונוחין לאבדן ככלי זכוכית. — חגיגה יד).

41) **„און איר זאלט לערנען אייערע זין" (דברים יא) — הייסט עס: אייערע זין, אבער ניט אייערע טעכטער.**

(ולמדתם אותם את בניכם, בניכם ולא בנותיכם. — קידושין כט).

42) **דער וואס לערנט זיין טאכטער די תורה איז ווי ער וואלט איר לערנען צולאזנקייט.**

(כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תיפלות. — סוטה כא).

43) **עס זאלן זיין די ווערטער פון דער תורה שארף אין דיין מויל, אזוי אז אימעצער וועט דיר עפעס פרעגן זאלסטו ניט דארפן שטאמלען, נאר זאלסט קענען באלד ענטפערן.**

(יהיו דברי תורה מחודדים בפיך שאם ישאל לך אדם דבר אל תגמגם ותאמר לו אלא אמור לו מיד. — קידושין ל).

44) **שטענדיג זאל א מענש לערנען זיין תלמיד מיט א קורצער מעטאדע.**

(לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה. — חולין מג).

45) **זעקס הונדערט מיט דרייצן מצוות (פליכטן) זיינען געזאגט געווארן צו משה'ן: דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג וועגן וואס מ'זאל „ניט" טאן — קעגן דער צאל טעג פון דער זון, און צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג וועגן וואס מ'זאל „יא" טאן — קעגן דער צאל גלידער אין א מענשן.**

(תרי"ג מצוות נאמרו לו למשה. שלש מאות ושישים לאוין כמנין ימות החמה. ומאתים וארבעים ושמונה עשה כנגד אבריו של אדם. — מכות כג).

46) **דער וואס לערנט תורה און פארגעסט עס איז גלייך צו א פרוי וועלכע געביירט א קינד און באגראבט עס.**

(כל הלומד תורה ומשכחת דומה לאשה שיולדת ומקברת. — סנהדרין צט).

47) דער וואָס באַשעפטיגט זיך נאָר מיט תורה אַליין איז ווי יענער וואָס האָט ניט קיין גאָט (ווייל חוץ תורה איז נאָך אויך פאַראַן עבודה און גמילות חסדים).

(כל העוסק בתורה בלבד דומה כמי שאין לו אלוה. — עבודה זרה יז).

48) ווען ניט דער טאָג פון מתן תורה זיינען דאָ אין מאַרק אַ סך אַזעלכע מענשן ווי דער איד.

(אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא. — פסחים סח).

49) די תורה האָט גערעדט אין אַ מענשליכע שפּראַך.

(דברה תורה כלשון בני אדם. — ברכות לא).

50) תורה (לערנען זיך) שוואַכט אָפּ דעם מענשנס כח.

(תורה מתשת כחו של אדם. — סנהדרין כו).

51) טוט אים וויי דער קאָפּ, זאָל ער זיך זעצן לערנען; טוט אים וויי אין האַלז, זאָל ער זיך זעצן לערנען; טוט אים וויי דער בויך, זאָל ער זיך זעצן לערנען; טוט אים וויי דער גאַנצער קערפּער, זאָל ער זיך זעצן לערנען — ווייל דער פּסוק זאָגט: „זי איז אַ היילונג פאַר זיין גאַנצן קערפּער".

(חש בראשו יעסוק בתורה, חש בגרונו יעסוק בתורה, חש במעיו יעסוק בתורה, חש בכל גופו יעסוק בתורה, שנאמר ולכל בשרו מרפא. — עירובין נד).

52) ביי די אידן אין יהודה, וועלכע האָבן מקפּיד געווען אויף זייער שפּראַך (ד. ה. זיי האָבן גערעדט זייער שפּראַך ריכטיג), האָט די תורה געהאַט אַ קיום; ביי די אידן אין גליל, וועלכע האָבן ניט מקפּיד געווען אויף זייער שפּראַך, האָט די תורה ניט געהאַט קיין קיום.

(בני יהודה שהקפידו על לשונם נתקיימה תורתם בידם, בני גליל שלא הקפידו על לשונם לא נתקיימה תורתם בידם. — עירובין נג).

53) ווען די תורה וואָלט ניט געגעבן געוואָרן, וואָלטן מיר זיך אָפּלערנען צניעות (באַשיידנקייט) — פון אַ קאַץ; אַז מ'זאָל ניט רויבן איינע ביי די אַנדערע — פון אַ מוראַשקע; אַז מ'זאָל ניט זיין אויסגעלאַסן — פון אַ טויב; עטיקעט — פון אַ האָן, ווייל דער האָן איז פריער גוט צו דער הון, דערנאָך הייראַט ער איר.

(אלמלא לא נתנה תורה היינו למדין צניעות מחתול גזל מנמלה עריות מיונה דרך ארץ מתרנגול שמפייס ואחר כך בועל. — עירובין ק).

54) אָט דאָס איז דער וועג פון לערנען זיך: ברויט מיט זאַלץ

דארפסטו עסן, וואסער מיט א מעסטעלע דארפסטו טרינקען, אויף דער ערד דארפסטו שלאפן, א געערגערטן לעבן דארפסטו לעבן, און זיי נאר ארייננעטאן אין לערנען. אויב דו וועסט אזוי טאן, וועט דיר דערנאך זיין גוט און וואויל.

(כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן ותיי צער תחיה ובתורה אתה עמל אם אתה עושה כן אשריך וטוב לך. — אבות פ"ו).

55) קענען דער תורה זיינען „אלע" ארעמעלייט (ווייל אלע דארפן שטענדיג אנקומען צו איר).

(הכל אצל ספר תורה עניים הם. — בבא בתרא מג).

56) אויב א מענש וועט ניט גיין זוכן קענטעניש, וועט קענטעניש זיכער ניט קומען זוכן אים.

(אם אין אדם הולך אחר דברי תורה הם אין באין אחריו. — מדרש משלי פ"ב).

קליידונג

1) און גאט האט געמאכט פאר אדם'ען און זיין ווייב העמדער פון פעל.

(ויעש ד' לאדם ולאשתו כתנות עור. — בראשית ג).

2) און זיי האבן ארונטערגעצויגן פון יוסף'ן די פאסקעוואטע העמדל (פון אלע קאלירן) וואס ער האט אויף זיך געטראגן.

(ויפשיטו את יוסף וכו' את כתונת הפסים אשר עליו. — בראשית לז).

3) און גאט האט געזאגט צו משה'ן: „זאלסט ניט צוגיין נאענט אהער; טו אוים פריער דיינע שיך פון דיינע פיס".

(ויאמר וכו' אל תקרב הלום של נעליך מעל רגליך. — שמות ג).

4) און דאס זיינען די בגדים וואס זיי (די כהנים) זאלן מאכן: אן אויבער בגד, א געקעסטעלטן בגד, א מיץ און א גארטל.

(ואלה הבגדים אשר יעשו וכו' מעיל וכתונת תשבץ מצנפת ואבנט. — שמות כח).

5) און מאך פאר זיי (די כהנים), ליינענע הויזן — פון די לענדן ביז אריבער די היפטן זאלן זיי זיין.

(ועשה להם מכנסי בד ממתנים ועד ירכים יהיו. — שמות כח).

6) און די אידן האָבן געליען בײ די מצרים זילבערנע און גאָל־דענע כּלים און קלײדער.

(וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות. — שמות יב).

7) און אהרן האָט צו זײ געזאָגט: „נעמט אַרונטער די גאָלדענע אױרינגלאַך װאָס זײנען אױף די אױערן פון אײערע פרױען, זין און טעכטער“.

(ויאמר אליהם אהרן פרקו נזמי הזהב אשר באזני נשיכם בניכם ובנותיכם. — שמות לב).

8) און זײ האָבן געטרױערט און קײנער האָט דאַן ניט אָנגעטאָן זײנע צירונג אױף זיך.

(ויתאבלו ולא שתו איש עדיו עליו. — שמות לג).

9) אַז דו װעסט נעמען פאַר אַ משכּון בײ דײן חבר זײן קלײד זאָלסטו עס אים יעדן פאַרנאַכט אומקערן, װײל דאָס איז בײ אים זײן אײנציגע באַדעקונג, זײן קלײד צו זײן לײב.

(אם חבל תחבל שלמת רעך עד בא השמש תשיבנו לו כי היא כסותו לבדה שמלתו לעורו. — שמות כב).

10) אָרעמע קלײדער — פאַר אָרעמע לײט, רײכע קלײדער — פאַר רײכע לײט.

(בגדי עניים לעניים, בגדי עשירים לעשירים. — שבת מ).

11) עס זאָל ניט זײן דײן שבת׳דיגע קלײדונג װי דײן װאָכעדיגע קלײדונג.

(לא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול. — שבת קיג).

12) רבי יוחנן פלעגט רופן זײנע קלײדער: „מײנע כּבוד ברענגער“.

(רבי יוחנן קרי למאניה מכבדותא. — בבא קמא צב).

13) צו יעדער צײט זאָלן דײנע בגדים זײן װײס.

(בכל עת יהיו בגדיך לבנים. — קהלת ט).

14) אין קלײדן זיך דאַרף זײן אַ גרענעץ.

(במנא צריכה שיעור. — יומא יד).

15) מ׳זאָגט אַ װערטל: „אין מײן שטאָט — מײן נאָמען, אין אַ פרעמדער שטאָט — מײנע קלײדער“ (ד. ה. אין אַ פרעמדער שטאָט מוז מען זיך אָנטאָן שײנע קלײדער, אױב מ׳װיל דאָרטן קריגן כּבוד).

(דאמרי אינשי במתא שמאי בלא מתא תותבאי. — שבת קמה).

16) דער וואָס מאַכט צו גאָרנישט זייַנע בגדים וועט צום סוף קיין הנאה ניט האָבן פון זיי.
(כל המבזה את הבגדים סוף אינו נהנה מהם. — ברכות סב).

17) אַלע דאַרפן טראָגן אַן ארבע כנפות, חוץ פרויען.
(הכל חייבים בציצית ·חוץ מנשים. — מסכת ציצית א).

18) אַ פרוי זאָל ניט אָנטאָן קיין מענערשע קליידער און אַ מאַן זאָל ניט אָנטאָן קיין ווייבערשע קליידער.
(לא יהיה כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה. — דברים כב).

19) דער וואָס איז ניט קיין תלמיד-חכם און ער גרויסט זיך אין די קליידער וואָס תלמידי חכמים טראָגן — וועט ניט אַריינגעלאָזן ווערן פאַר גאָט (ד. ה. גאָט וועט אים ניט וועלן אָנקוקן).
(כל המתגאה בטלית של ת"ח ואינו ת"ח אין מכניסין אותו במחיצתו של הקב"ה. — בבא בתרא צח).

20) מ'דאַרף זיך נאָכפרעגן אויף איינעם (צי ער נויטיגט זיך ווירקליך אין דעם) וואָס בעט אַ בגד, אָבער מ'פרעגט זיך ניט נאָך אויף איינעם וואָס בעט ברויט.
(בודקים לכסות ואין בודקים למזונות. — בבא בתרא ט).

21) אַ מענש זאָל אָנטאָן פריער דעם רעכטן שוך, דערנאָך דעם לינקן שוך; אַז ער טוט זיך אויס, זאָל ער אויסטאָן פריער דעם לינקן שוך און דערנאָך דעם רעכטן.
(מניח של ימין ואח"כ של שמאל וכשהוא חולץ, חולץ של שמאל תחילה ואח"כ של ימין. — ד"א פ"י).

22) אַ טויטן שערט מען אָפּ זייַנע האָר און מ'וואַשט אים אויס זיין העמד.
(גוזזין לו שערו ומכבסין לו כסותו. — מועד קטן ח).

23) אויב אַ מענש זעט אַז ער קען ניט בייקומען דעם יצר הרע זאָל ער אוועק גיין אין אַן אָרט וואו מ'קען אים ניט, זיך אָנטאָן אין שווארצע קליידער, און טאָן דאָרטן וואָס זיין האַרץ גלוסט, אַבי ער זאָל ניט פאַרשוועכן דעם נאָמען פון דעם וואָס אין הימל עפּענטליך.
(אם רואה אדם שיצרו מתגבר עליו ילך למקום שאין מכירין אותו וילבש שחורים ויתכסה שחורים ואל יחלל שם שמים בפרהסיא. — קידושין מ).

24) עס פּאַסט ניט פאַר אַ תלמיד חכם ארויסצוגיין אין גאַס אין

פארלאטעטע שיך.

(גנאי הוא לתלמיד חכם שיוצא במנעלים המטולאים בשוק. — שבת קיד).

25) א תלמיד חכם ביי וועלכן מ׳געפינט א פלעק אויף זיין בגד איז ווערט דעם טויט (ד. ה. אזא תלמיד חכם איז ניט ווערט וואס ער לעבט אויף דער וועלט).

(ת״ח שנמצא רבב על בגדו חייב מיתה. — שבת קיד).

26) דו זאלסט ניט נעמען א קלייד פאר א משכון ביי אן אלמנה.

(לא תחבול בגד אלמנה. — שמות כב).

27) עס זיינען ניט געווען אזעלכע ימים טובים ביי אידן, ווי דער פופצענטער טאג אין חודש אב און יום כפור. אין די דאזיגע ימים טובים פלעגן די טעכטער פון ירושלים זיך אויספוצן אין געליענע ווייסע קליידער (א קלייד האט יעדע איינע געמוזט לייען, כדי ניט צו פארשעמען די וואס האט ניט קיין אייגענע) און אוועקגיין טאנצן אין די וויינגערטנער, וואוהין יעדער ניט-פארהייראטער מאן פלעגט אויך קומען. טאנצנדיג פלעגן די מיידלאך זאגן צו די בחורים: „הייב אויף, יונגערמאן, דיינע אויגן און זע וואס דו קלייבסט זיך אויס“.

(לא היו ימים טובים לישראל כט״ו באב וכיום הכפורים שבהן בנות ירושלים היו יוצאות בכלי לבן שאולין שלא לבייש את מי שאין לו וחולות בכרמים וכל מי שאין לו אשה נפנה לשם ומה היו אומרות בחור שא נא עיניך וראה מה אתה בורר. — תענית כו).

28) א פרוי גארטלט זיך אונטער מיט א פארטוך צוליב צניעות (באשיידנקייט).

(אשה חוגרת בסינר מפני צניעותא. — בבא קמא פב).

29) א מענש זאל אפילו פארקויפן די ווענט פון הויז 1) און קויפן זיך שיך.

(ימכור אדם את קורות ביתו ויקח מנעלים לרגליו. — שבת קכט).

---

1) ווען ער האט שוין אלץ פארקויפט און אים איז מער ניט געבליבן ווי די ליידיגע פיר ווענט, זאל ער זיי אויך פארקויפן, אבי ניט ארומגיין באָרוועס.

גניבה, גזילה און רציחה

1) מ'זאָל ניט פאַראַכטן אַ גנב ווען ער גנב'עט אויף אָנצופילן זיין הונגעריגן קערפּער.

(לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב. — משלי ו).

2) גע'גנב'עטע וואַסער איז זיס.

(מים גנובים ימתקו. — משלי ט).

3) ווי באַלד איינער באַהאַלט זיך פון מענשן איז ער אַ גנב.

(כיון דמיטמר מאינשי גנב הוא. — בבא קמא נז).

4) ניט די מויז איז דער גנב נאָר די לאָך.

(לאו עכברא גנב אלא חורא גנב. — קידושין נו).

5) זאָלסט ניט באַרויבן אַן אָרעמאַן, ווייל ער איז דאָך אַן אָרעמאַן.

(אל תגזל דל כי דל הוא. — משלי כב).

6) אַ לעבן פאַר אַ לעבן.

(נפש תחת נפש. — שמות כג).

7) דער רוצח זאָל ניט געטויט ווערן ביז מ'שטעלט אים צו אַן עפנטליכן משפּט.

(לא ימות הרוצח עד עמדו לפני העדה למשפט. — במדבר לה).

8) דורך צוויי עדות זאָל אַ רוצח געטויט ווערן, אָבער ניט ווען עס איז נאָר פאַראַן איין עדות געגן אים.

(על פי שנים עדים יומת המת ולא יומת על פי עד אחד. — דברים יז).

9) אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן.

(עין תחת עין, שן תחת שן. — שמות כא).

10) דער רויבער קען זיין אַרבעט.

(לסטאה בלסטאותיה ידע. — בבא מציעא פד).

11) רב הונא האָט אַמאָל (אין אַ שמועס וועגן אַ געוויסן דין) געזאָגט מיט דעם טאָן פון אַן אוטאָריטעט: „דער דין איז אַזוי". האָט רב נחמן זיך אָפּגערופן: „וואָס דאַרפסטו גנב'ענען? אויב דו דענקסט אַז דער דין איז אַזוי ווי ר' שמעון האָט געזאָגט, טאָ זאָג אַז דער דין איז ווי ר' שמעון האָט געזאָגט".

(רב הונא אמר הכי הלכה אמר לו רב נחמן גנבא גנובי למה לך אי סבירא לך כר' שמעון אימא הלכה כר' שמעון. — יבמות צא).

12) דער צובראָכענער שלאָס לאַדט איין דעם גנב.
(פרצה קוראה לגנב. — סוכה כו).

13) אַ גנב איז ביי גאָט ערגער פון אַ גזלן. דער גזלן האָט קיין מורא ניט פאַר גאָט — האָט ער דאָך פאַר מענשן אויך קיין מורא ניט; אַ גנב אָבער האָט פאַר מענשן יאָ מורא און פאַר גאָט ניט.
(גזלן השווה כבוד עבד לכבוד קונו וגנב לא השווה כבוד עבד לכבוד קונו. — בבא קמא עט).

14) די תורה האָט געזאָגט: אַ גנב זאָל באַצאָלן דאָפּלט פאַר כלים, פיר מאָל אַזוי פיל פאַר אַ שעפּס און פינף מאָל אַזוי פיל פאַר אַן אָקס. פאַרוואָס פאַר דעם אָקס מער ווי פאַר די אַנדערע? — די דערקלערונג איז: דעם אָקס האָט דאָך דער גנב ניט געדאַרפט טראָגן; אָבער די כלים און דעם שעפּס האָט ער דאָך געמוזט טראָגן אויף זיין קאַרק — האָט די תורה גענומען אין באַטראַכט זיין טרחה.
(שנים בכלים וד׳ בצאן וה׳ בבקר מאי טעמא דחש רחמנא אטרחית. — כלת פ״י).

15) דעם רויבערס ווייב איז פאַרהאַסט ווי דער רויבער.
אשת לסטים כלסטים. — ירושלמי כתובות פב).

16) דער וואָס איז פאַלש צו מענשן איז ווי ער וואָלט געווען פאַלש צו גאָט. [אָדער: אַ גאָטס גנב — איז דער צוויי-זייטיגער מענש].
(הגונב דעת הבריות כגונב דעת המקום. — כלה י).

17) ניט דער געבונדענער הענט און פיס קען זיך אַליין באַ-פרייען פון געפענגעניש.
(אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורין. — סנהדרין צד).

18) דער וואָס לערנט ניט זיין קינד קיין מלאכה איז ווי ער וואָלט אים לערנען ווערן אַ רויבער.
(כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאלו מלמדו לסטות. — קידושין כח).

19) דער גנב ווען ער ברעכט דעם שלאָס רופט צו גאָט (ער זאָל אים העלפן).
(גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי. — מחברת עמנואל יא, ובברכות ס״ג בע״י).

20) ווען ניט די מויז וואָס וויים די לאָך?
(אי לאו עכברא חורא מנא ליה. — ערכין ל).

21) **ער גנב'עט ביי א גנב — און דאך פילט ער דעם טעם פון גניבה** (ד. ה. אפילו אז ער גנב'עט ביי א גנב איז ער דאך א גנב).
(בתר גנבא גנוב וטעמא טעים. — ברכות ח).

22) דער וואס גנב'עט ביי א גנב דארף ניט באצאלן **דאפלט**. [דערפון דער גלייכוואָרט: הגונב מן הגנב איז פטור].
(אין הגונב אחר הגנב משלם תשלומי כפל. — בבא קמא סב).

23) סתם א גניבה — איז מען זיך מייאש.
(סתם גניבה יאוש בעלים היא. — בבא קמא מח).

24) אויב א רויבער — ניט קיין שרייבער; און אויב א **שריי-בער** — ניט קיין רויבער. [מ'קען זיך ניט טויגן צו צוויי מלאכות].
(אי סייפא לא ספרא ואי ספרא לא סייפא. — עבודה זרה יא).

25) וואס איז דער אונטערשייד פון די גנבים פון בבל **צו די באנדיטן אין ארץ ישראל**?
(מה בין גנבי בבל ולסטים דארץ ישראל. — עבודה זרה כו).

26) דער וואס בארויבט אן אָרעמאן מאכט כויזעק פון **זיין באַ-שעפער**.
(עושק דל חורף עשהו. — משלי יד).

27) **ווען איינער קומט דיר הרג'ענען, פארלויף אים דעם וועג און הרג'ע אים.**
(הבא להורגך השכם והרגהו. — סנהדרין עא).

28) דער סוף פון א גנב איז צו ווערן געהאנגען.
(סוף גנב לתליה. — קה"ר פכ"ז, ועיין בית ועד לחכמים).

רעגירונג

1) פון דיינע אייגענע ברידער זאָלסטו אויסקלייבן אַ קעניג. דו קענסט ניט מאַכן פאַר אַ קעניג אַ פרעמדן, וועלכער איז ניט פון דיינע ברידער.

(מקרב אחיך תשים עליך מלך לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא. — דברים יז).

2) עס רירט זיך די וועלט ווען אַ שקלאַף ווערט אַ קעניג.

(תחת שלש רגזה ארץ וכו׳ תחת עבד כי ימלוך. — משלי ל).

3) מ׳שטעלט ניט אָן אַ פרנס 1) איבער קהל, סיידן מ׳איז זיך מיישב מיט קהל.

(אין מעמידין פרנס על הציבור אלא אם כן נמלכין בציבור. — ברכות נה).

4) די רעגירנדיגע מאַכט אויף דער ערד איז ווי די רעגירנדיגע מאַכט אין הימל.

(מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא. — ברכות נח).

5) אויף די קהל׳ישע קאַסע מוז מען אויסקלייבן ניט ווייניגער פון צוויי באַאַמטע.

(אין עושין שררה על הציבור בממון פחות משנים. — שקלים לב).

6) מ׳זאַלבט דעם קעניגס זון פאַר אַ קעניג נאָר צוליב אויסמיידן מחלוקת.

(אין מושחין למלך בן מלך אלא מפני המחלוקת. — שקלים לא).

7) מ׳זעצט ניט אַוועק אַ קעניג אין דעם סנהדרין (העכסטער גע-ריכט).

(אין מושיבין מלך בסנהדרין. — סנהדרין יח).

8) אַ פרנס 1) וואָס וואַרפט אָן אַ מורא אויף קהל וועט ניט האָבן קיין זון אַ תלמיד חכם.

(כל פרנס המטיל אימה יתירה על הציבור אינו רואה בן ת״ח. — ראש השנה טז).

9) „אָן עלטסטן אין דיין פאָלק זאָלסטו ניט שילטן״ (שמות

---

1) „פרנס״ אָדער „ראש הקהל״ איז געווען דער העכסטער אַמט אין אַ שטאָט, ווי למשל אין די איצטיגע צייטן אַ מעיר.

כב) — די תורה מיינט נאָר אַזעלכן וואָס פירט זיך אויף אַזוי ווי עס דאַרף זיך אויפפירן איינער פון דיין פאָלק.

(ונשיא בעמך לא תאור בעושה מעשה עמך. — בבא קמא צד).

10) עס איז ניט פיין פאַר אַ קעניג צו זאָגן אַ ליגן.

(לא יאה למלכא כזב. — תמיד לב).

11) דו זאָלסט זיך ניט אויספּיינען פאַר אַ קעניג.

(אל תתהדר לפני מלך. — משלי כה).

12) ווען ניט די מורא פאַר דער רעגירונג וואָלט איין מענש דעם אַנדערן איינגעשלונגען לעבעדיגערהייט.

(אלמלא מוראה של מלכות איש את רעהו חיים בלעו. — אבות ג).

13) דער וואָס טוט אָן אידן צרות ווערט דערהויבן צו אַ פירער.

(כל המיצר לישראל נעשה ראש. — גיטין נה).

14) צוויי קעניגן קענען זיך ניט באַנוצן מיט איין קרוין.

(אין שני מלכים יכולים להשתמש בכתר אחד. — חולין ס).

15) דער געזעץ פון דער מדינה איז דאָס געזעץ.

(דינא דמלכותא דינא. — גיטין י).

16) אַז אַ קעניג זאָגט אַרויס: „איך וועל אויסרייסן אַ באַרג״ — רייסט ער אויס דעם באַרג און ציט זיך ניט צוריק.

(אי אמר מלכא עקרנא טורא עקר טורא ולא הדר ביה. — בבא בתרא ג).

17) די פּני פון דעם דור, ווען משיח וועט קומען, וועלן האָבן ביי דער וועלט, אַ פּנים פון הינט. [איך קען עס מיינען: די פּני פון יענעם דור וועלן זיין גלייך צו הינט (ד. ה. זיי וועלן זיין פון דעם ערגסטן סאָרט)].

(דור שבן דוד בא פני הדור כפני הכלב. — סוטה מט).

18) דער וואָס דריקט אידן ווערט גאָר ניט מיד דריקנדיג זיי.

(כל המציק ישראל אינו עיף. — סנהדרין קד).

19) ווי איז צו דער שיף וואָס האָט פאַרלאָרן איר קאַפּיטאַן.

(אוי לה לספינה שאבדה קברניתה. — בבא בתרא צא).

20) דריי קעניגן האָבן געקעניגט איבער זייער גרויסע טיילן פון דער וועלט: דער קעניג אחאב, דער קעניג אחשורוש, דער קעניג נבוכדנצר.

(ג׳ מלכו בכיפה ואלו הן אחאב ואחשורוש ונבוכדנצר. — מגילה יא).

21) אחשורוש איז געווען א נארישער קעניג.
(אחשורוש מלך טיפש היה. — מגילה יב).

22) אסתר איז געווען א גרינע (א מיאוסע), נאר א געוויסער צויבער איז אין איר געווען מיט וואס זי האט געקענט באצויבערן א מאן.
(אסתר ירקרוקת היתה וחוט של חסד משוך עליה. — מגילה טו).

23) דער ערשטער טאג אין חודש ניסן איז געווען דער ראש השנה פון מלכים (דער אפיציעלער נײ-יאר).
(באחד בניסן ראש השנה למלכים. — ראש השנה ב).

24) א קעניג איבער דער גאנצער וועלט איז נאר גאט !
(מלך כל הארץ אלקים. — תהלים מז).

25) דער וועג, וואו א קעניג דארף דורכפארן, דארף זיין זייער ברייט.
(דרך המלך אין לה שיעור. — בבא בתרא ק).

26) די בעסטע זאך פאר א לאנד איז, ווען דער קעניג איז אונטערוואָרפן צו דער לאנד. [אויך קען עס מיינען: די נוצליכסטע זאך אין א לאנד איז, א קעניג וואס איז איבערגעגעבן צו דער לאנד].
(ויתרון ארץ בכל היא מלך לשדה נעבד. — קהלת ה).

27) מיין קינד ! האב מורא פאר גאט און פאר א קעניג.
(ירא את ד' בני ומלך. — משלי כד).

28) ווען דער פוקס איז געווארן א קעניג — בוק זיך צו אים.
(תעלא בעידניה סגיד ליה. — מגילה טז).

29) דער אָרעמסטער ארבעטער איז א גאנצער קעניג ביי זיך אין הויז. [גלייכוואָרט: יעדער האן אויף זיין סמעטניק, איז א גאנצער בעל-הבית].
(קרחא בביתיה פרדשכא ליהוי. — מגילה יב).

בעסער און ערגער

1) דער סוף איז בעסער ווי דער אָנהייב.
(טוב אחרית דבר מראשיתו. — קהלת ז).

2) בעסער אין צווייען ווי איינער אַליין.
(טובים השנים מן האחד. — קהלת ד).

3) בעסער זאָג גאָר ניט צו, איידער דו זאָלסט צוזאָגן און ניט באַצאָלן.
(טוב אשר לא תדור משתדור ולא תשלם. — קהלת ה).

4) דעם לעבעדיגן הונט איז בעסער ווי דעם טויטן לייב.
(כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. — קהלת ט).

5) די וואָס האָבן געפאַלן פון שווערד איז זיי געווען בעסער ווי די וואָס האָבן געפאַלן פון הונגער.
(טובים היו חללי חרב מחללי רעב. — איכה ד).

6) א חכם איז בעסער פון א נביא.
(חכם עדיף מנביא. — בבא בתרא יב).

7) עס איז בעסער א נאָענטער שכן איידער א ווייטער ברודער.
(טוב שכן קרוב מאח רחוק. — משלי כז).

8) עס איז בעסער דעם אָרעמאַן וואָס גייט אין זיין אָרענטליכן וועג ווי דעם וואָס גייט אין קרומע וועגן און ער איז רייך.
(טוב רש הולך בתומו מעקש דרכים והוא עשיר. — משלי כח).

9) עס איז ניטאָ קיין אָרעמערער פון א הונט.
(לית דעניא מכלבא. — שבת קנה).

10) עס איז בעסער צו האָבן איין טעפּל אויף דער ערד איידער פערציג טעפּלאך אין דער לופטן.
(הבא מארעא ולא כורא מאיגרא. — פסחים קיג).

11) מער פאַרשטאַנד — מער האַרצווייטאָג.
(יוסיף דעת יוסיף מכאוב. — קהלת א).

12) עס איז בעסער צו הערן א געשריי (זידל-וואָרט) פון א קלוגן איידער א ליב-געזאַנג פון א נאַר.
(טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים. — קהלת ז).

13) בעסער פון זיי ביידן (די לעבעדיגע און די טויטע) איז דעם וואָס איז נאָך גאָר ניט געבאָרן געוואָרן.

(וטוב משניהם את אשר עדן לא היה. — קהלת ד).

14) עס איז בעסער צו הייראַטן אַבי וועמען איידער צו בלייבן זיצן אַן אַלמנה.

(טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלא. — בבא קמא קיא).

15) און איך געפין אַז ביטערער פון טויט איז די פרוי.

(ומוצא אני מר ממות את האשה. — קהלת ז).

16) עס איז בעסער צו זיצן אין אַ וויסטן לאַנד ווי צו זיצן מיט אַ פרוי וואָס קריגט זיך אַרום און איז בייז.

(טוב שבת בארץ מדבר מאשת מדנים וכעס. — משלי כא).

17) דאָס אַרומוואַלגערן זיך איז פאַר אַ מאַן שווערער ווי פאַר אַ פרוי.

(טלטולא דגברא קשין מדאיתתא. — כתובות כח).

18) אַלע שלעכטעס, נאָר ניט אַ ווייב אַ שלעכטע.

(כל רעה ולא אשה רעה. — שבת יא).

19) רב חסדא האָט געזאָגט: דאָס וואָס איך בין בעסער פון מיינע חברים איז דערפאַר, ווייל איך האָב געהייראַט צו זעכצן יאָר.

(אמר רב חסדא האי דעדיפנא מחבראי דנסיבנא בשיתסר. — קידושין ל).

20) אַ מענש געפינט צופרידנקייט נאָר פון דער ערשטער ווייב.

(אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה. — סנהדרין כב).

21) בעסער וואָלט געווען דעם מענשן ווען ער וואָלט גאָרניט באַשאַפן געוואָרן.

(נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא. עירובין יג).

22) דער וואָס לייגט-צו אַ וואָרט (ווען ער גיט איבער אימעצנס ווערטער) מאַכט ערגער.

(כל המוסיף גורע. — סנהדרין כט).

23) בעסער אַ טרוקענע שטיקל ברויט מיט פרידן איידער אַ פולע הויז מיט פלייש און קריג דערמיט.

(טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב. — משלי יז).

24) בעסער איין הויפן מיט רואיקייט איידערביידע הויפנס מיט פלאָגעניש.

(טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל. — קהלת ד).

25) בעסער איין פויגל אַ געבונדענער ווי הונדערט וואָס פליען אין דער לופטן.

(טבא חדא ציפרא כפותא ממאה פורחים באויר. — קה"ר ד).

ריידן און שווייגן

1) אפילו פאַר קלוגע מענשן איז גוט דאָס שווייגן, פאַר נאַראָנים — געוויס.

(יפה שתיקה לחכמים קל וחומר לטפשים. — פסחים צט).

2) זיי אַ קלוגער און שווייג.

(הוה פקח ושתוק. — יומא ז).

3) ווענט האָבן אויערן.

(אזנים לכותל. — ויקרא רבה לב).

4) פאַר אַ וואָרט איין טאָלער, פאַר שווייגן — צוויי.

(מלה בסלע משתוקין בתרין. — מגילה יח).

5) עס איז דאָ אַ צייט צו שווייגן און אַ צייט צו ריידן.

(עת לחשות ועת לדבר. — קהלת ג).

6) קיינער זאָל ניט אריינגיין אין דעם אַנדערנס רייד.

(אל יכנס אחד מכם לתוך דברי חבירו. — מועד קטן כח).

7) טויט און לעבן זיינען אין דער מאַכט פון דער צונג.

(מות וחיים ביד הלשון. — משלי יח).

